„שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך"

ספר

זכרונות פון צוויי דורות

— מאת —

רעזו. אלכסנדר זיסקינד הורוויץ

בל"א מו"ה יעקב מאיר ז"ל

מחבר „תורה בחרוזים"

שו"ב ומורה עברית בת"ת בעיר סאן אנטאניא, טעקסעס

חלק שני

שנת תרצ"ה לפ"ק

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

Copyright 1935 *by*
REV. Z. GURWITZ
SAN ANTONIO, TEXAS

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st St., New York
234

1

איך בין אָפּגעפֿאָהרען פון דער היים צוליב מיין פּריזיוו

היירַאטען האָב איך ניט געקענט, ווייל איך האָב נאָך באַדאַרפט שטעהן צום נאַרוזשנעם וויד*) און איך בין געווען צו יונג, אַז מען זאָל מיר אָפּשאַצען העכער פון 21 יאָהר, און זיין פּטור פון סאָלדאַטשינע. איז געבליבען, אַז מ'זאָל שטעלען פאר מיר מיין עלטערען ברודער, און איך זאָל אין דער צייט פון פּריזיוו אָפּפאָהרען פון דער היים.

בין איך אַוועקגעפאָהרען אין אַ קליין שטעדטעל ווייט פון דער היים „קראַסנע". פאַרפאָהרען בין איך אין ישיבה בהור'שען האָטעל, גענומען אַ גמרא און געזעצט זיך לערנען. צו מנחה, מענשען זיינען געקומען אין שוהל, האָבען דערזעהן א פּנים חדשות, אַ נייעם נאָז, זיצט איבער אַ גמרא, איז מען אונטערגעקומען, אָפּגעגעבען אַ בּרייטען שלום עליכם און אויסגעפרעגט ביי מיר פון אַלס, מיין גאַנצע ביאָגראַפיע. נור איך האָב זיי נאָר דערצעהלט, אַז איך בין א בערעזינער, געלערענט אין וואָלאָזשען, און איצט וויל איך דאָ בלייבען לערנען.

נאָך מעריב האָט אַ איד מיך פאַררופען צו זיך, דער נגיד פון שטעדטעל דוב'. ער האָט מיך פאַרהאַלטען ביי זיך ביז נאָך סוכות. ער האָט מיך שטאַרק מקרב געווען, כאָטש ער

*) אז עס האָט זיך אָנגעפאנגען מען זאָל נעמען סאָלדאטען פון 21 יאָהר, האָט מען געשטעלט צום נארוזשנעם וויד, דעם וואָס מען האָט אָפּגעשאַצט עלטער פון 21 יאָהר, איז ער געווען פּטור פון צו געהן אין סאָלדאטען.

איז געווען אַ הייסער חסיד, און ער האָט מיך דערקענט פאַר אַ מתנגד.

די שטעדטעל איז געווען גאָר אַ קליינע, נאָר זי האָט אַרויסגעגעבען פון זיך אַ גרויסען גאון ר' ארי' הומענער, מינסקער ראב"ד ז"ל, געווען דאָרטען אידען לומדים, באַלעבאַטים, אויך רייכע. נאָר זייער פיהרונג איז געווען זעהר אָרים אפילו אין יענער צייט. זייער עסען אין די וואָכעדיגע טעג איז באַשטאַנען פון גראָבע קאָרען ברויט און מאָגערע געקעכטס. יעדער ברויט האָט געוואויגען ניט ווינציגער פון 15 פונט, מיט אַ הויכען שפיץ פון אויבען ווי פון באַרג אררט. עסען פלעגט מען איהם ווען דער ברויט פלעגט ווערען גוט אַלטגעבאַקען, ניט עסען פרישערהייט, (פרישע עסט זיך פיעל). קיין לאָמפּען, קיין ליכט, האָט מען אין מיטען דער וואָך חוץ שבת ניט געברענט, אַ גרויסע פלעשעל מיט וואַסער און אויבען אַביסעל גאזע מיט אַ קנייטעל פון וואַטע, און דאָס האָט באַלויכטען די שטוב, מעהר ווי דער שפּיץ פון ברויט האָט זיך ניט געזעהן. זייערע מעבעל פון הויז איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגען ווייסען טיש און אַ פּאָר לאַנגע בענקלאך. נאָר זיי האָבען געלעבט גאַנץ פרעהליך, אָהן זאָרג, פלעגען געהן צוויי מאָל אַ טאָג אין שוהל. די שוהל איז געווען אַ חסידישע, נוסח ליבאַוויטש, נור אין אַ חדר שני האָבען געדאַוועט אַ מנין מתנגדים. קיין קריג איז צווישען זיי ניט געווען, געלעבט בשלום.

דער איד, וואו איך בין געווען, האָט זיך געפיהרט שעהן, דער נגיד פון שטאָדט, און גבאי פון שוהל. אפילו חסידים האָבען ניט שטאַרק ליעב אַ ישיבה בחור (זיי מיינען, אַז ישיבה בחורים וואָס זיצען נור ביי דער גמרא, זיינען מתנגדים) נאָר מיר האָבען זיי ליעב געקראָגען. זיי האָבען באַמערגט אין מיר אַ חסידישע נשמה (זיי האָבען געטראָפען ריכטיג !)

איך בין אָפּגעווען ביי דעם אידען דעם גאַנץ יו"ט סוכות. שמחת תורה האָב איך מיט זיי צוזאַמען גע'שכור'ט (אַ חסידישע נשמה) נור באמת האָב איך אזוי געטרונקען דאָרטען ווי

די מלאכים האָבען געגעסען ביי אברהמ'ען. געזונגען מיט זיי הסידישע ניגונים, געכאַפּט אַ ריקוד'ל מיט זיי צו גלייך (אַ הסידישע נשמה). מיט איין וואָרט, איך בין אלעמען געפעלען געוואָרען. די מתנגדים פאר מיין לערנען און די הסידים פאר מיינע הסידות. איך וואָלט דאָרטען פאַרבראַכט ביז מיין פריזיוו וואָלט זיך געענדיגט, נאָר איך האָב געמוזט תיכף נאָך יום טוב אָפּפאָהרען.

מוצאי יום טוב האָט מיין באלעבאָס פארפיהרט מיט מיר אַ שמועס, נאָך געפרעגט זיך אויף מיין פאָטער, וואָס זיין אַרבעט איז? אויף מיין גאַנצע פאַמיליע. איך האָב איהם דערצעהלט, נור מיר האָט געוואונדערט צוליעב וואָס פרעגט ער מיר אוים? ווי יוסף'ס ברידער האָבען זיך געוואונדערט, וואָרום יוסף פרעגט זיך נאָך אויף זייער אלטען פאָטער?

נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס פאַרענטפערט געוואָרען. ווי מען זאָגט — די קאַץ איז אַרויס פון זאַק — זיצענדיג אין שוהל ביי דער גמרא איז געקומען אַ שדכן און האָט מיר פאָרגעלייגט אַ שידוך מיט מיין באַלעבאָס-טאָכטער, און פאַרגעלייגט מיר גרויסע גליקען מיט אַ פולע נדן מיט פיעל קעסט. אַ טאָכטער אַ בת יהידה, אַ מהותן אַ נגיד. און פאָדערט פון מיר אַן ענטפער. איך האָב איהם אָפּגעלייגט מיין ענטפער אויף אַ פאָר טעג. איך האָב דערזעהן אַז עס האַלט שוין צו וייט, ווערען אַ התן מיט אַ צווייטע כלה? (זיי האָבען ניט געוואוסט, אז איך בין שוין א חתן). מיר איז שוין דאָ קיין אָרט ניט געווען אויף צו זיצען. איך האָב שוין ניט געקענט פאַרטראָגען דאָס מיידעל'ס בליק אויף מיר. איהר פריינדליכקייט, איהר שמייכעל. זי איז געניאַרט אין מיר! איך טאָר דאָ מעהר ניט פאַרברענגען. האָב איך געזאָגט איהר פאָטער אַ ליגען, פון דרכי שלום וועגען, אַז איך האָב ערהאַלטען אַ בריף, אַז איך מוז פאָהרען באַלד אַהיים. איך האָב זיך פריינדליך צוזעגענט אין הויז מיט אַלעמען, פאַרנומען מיין פעקעל און היידאַ!

אהיים טאר איך נאך ניט פאהרען, דער פריזיוו איז נאך ניט געענדיגט. בין איך פארפאהרען אין א אן אנדער קליין שטעדטעל לעבען מינסק.

אריין אויף מיין געוויינליכע אכסניה, אין א שוהל, גענו־מען א יורה דעה און געזעצט זיך לערנען. באמת, איז מיר דאן דער לערנען אין קאפ ניט געקראכען, אין זינען איז מיר געלעגן, וואס מיט מיר איז פארגעקומען

צו מנחה איז צוגעקומען דער רב פון שטעדטעל צו מיר, אן אלטער מאן, א שעהנע פערזענליכקייט, מיט א גוטען, א פריינדליכען פנים. ער האט זיך מיט מיר פאנאנדערגערעדט אין מילא דעלמא, אין תורה. מיר האבען פארהערט איינער דעם צווייטען. איך האב געזעהן אז ער איז ניט פון די גרויסע גאונים (ווייל ער האט געמיינט אז איך קען לערנען). נאר אן אמאליגער רב, ווי ווינציג איז געווען זיינע לומדות, איז ער פארט געווען א מופלג בתורה ובפוסקים. די וועלט זאגט א ווערטעל: א רב אן עם הארץ, אן ארימער פריץ, און א פויער א חריץ (א קלוגער) איז גלייך. א רב אן עם הארץ, איז פארט א גדול בתורה, אן ארימער פריץ, ווי ארעם ער זאל ניט זיין, איז ער רייכער פון אן אנדער נגיד, און א פויער א חריץ, איז ווי קלוג עס זאל ניט זיין, איז ער אלץ מיט א פויערשע קאפ.

נור איצט איז דער כלל קיין כלל ניט, די פריצים זיינען שוין אמת'ע ארעמע לייט, די פויערים זיינען שוין קלוג גע־ווארען, און, להבדיל, פון די רבנים ד"ה די ראביים זיינען פאראן פון זיי טאקי עם הארצים. א איד פון א קליין שטעד־טעל האט זיך געקלאגט פאר מיר, אז זיי האבען גענומען א רב אן עם הארץ. האב איך איהם געזאגט, אז ער זאגט ניט ריכ־טיג, ניט זיי האבען גענומען א רב אן עם הארץ, נאר זיי הא־בען גענומען אן עם הארץ און געמאכט פאר א רב! יענער קליין שטעטעלדיגער רב וואלט געווען בדור הזה פון די חשוב'ע רבנים.

איך האָב ביים רב נושא חן געווען, און מען האָט מיר געטראָגען עסען אין שוהל מיט דער גרעסטער עהרע. איך בין דאָרטען אָפּגעווען עטליכע וואָכען ביז וואַנען איך האָב ערהאַלטען אַ בריף פון פאָטער, אַז מיין פּריזיוו האָט זיך געענדיגט בשלום, מען האָט מיר (איך מיין, מיין ברודער) אָפּגעשאַצט פיער און צוואַנציג יאָהר, בין איך פּטור פון סאָל־דאַטען. (זיי האָבען ביי מיין ברודער אָפּגעריסען 6 יאָהר, האָ־בען זיי מיר צוגעלייגט 6 יאָהר). אַזוי האָב איך באַשווינדעלט דעם רוסישען צאַר (ער האָט אונז מעהר באַשווינדלט). איך האָב זיך פשוט אויסגערעכענט, אַז ס׳לוינט מיר בעסער צו די־נען ביים סווים׳ער שוחט פאַר אַן אידעם ווי צו דינען ביים צאַר פאַר אַ סאָלדאַט, און אַזוי האָב איך געטהאָן.

דאַנקען דערפאר האָב איך מיין גאָטזעליגען ברודער אברהם בער ז״ל. ער האָט פאר מיר זיך מסור נפש געווען, אויסגעלייזט מיר פון די טיראַנישע הענט.

ליעבער ברודער: דו ביסט שוין יאָהרען לאַנג אויף דער אמת׳ער וועלט, ניט דו באַדאַרפסט מיין דאַנק, און ניט מיין דאַנק וועט גרייכען צו דיר, נור מיין היילינער חוב איז איך זאָל דיך דערמאָנען צו גוטען. דו ביסט געווען פאַר מיר אַן אח לצרה זכרך לברכה! אַז מיינע קינדער אָדער דיינע קינדער וועלען דאָס לעזען, וועלען זיי דיך דערמאָנען צו גוטען!

איך ווער פריי פון צו דינען דעם צאַר פאַר אַ סאָלדאַט און פאַנג אָן דינען דעם סוויס׳ שוחט פאַר אַן אײדעם

איך האָב ערהאַלטען אַ בריף פון מייע עלטערע, אַז מיין פריזיוו האָט זיך געענדיגט און איך בין פריי פון סאָלדאַטען־דינסט. מיט פרייד בין איך אַוועקגעפאָהרען אהיים, געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין אויסגעלייזט געוואָרען פון צוויי ניט אָנגענומענע זאַכען: פון סאָלדאַטשינע, און פון צו וואַלגערען זיך אין דער פרעמדע, זיין אַ ישיבה בחור. איך פאָהר מיט שמחה. איך וועל שוין זיצען ביי מיינע עלטערענס טיש, און ניט עסען לחם של חסד, אויף פרעמדע טישען. אוים ישיבה בחור! איך באַדאַרף זיך שוין גרייטען ווערען אַ יונגער מאַן, אַ מענש מיט לייטען גלייך!

קומענדיג אַהיים האָב איך זיך דערוואוסט פון נאָך אַ שמחה, אַז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועט זיין מיין עלטערער שוועסטער׳ס חתונה. דאַן וועט שוין קענען זיין מיין חתונה אויך. דער כלל, איך בין שוין פריי פון אַלס, כאָטש גע׳ה שוין צו דער חופּה.

פון מיינע עלטערנ׳ס וועגען איז קיין מניעה ניט געווען, ווייל זיי האָבען זיך ניט באַדאַרפט גרייטען דערצו. ניט ווייל זיי זיינען שוין גרייט, נור ווייל מיין מחותן דער כלה׳ס פאַטער האָט דאָס אַלץ באַדאַרפט באַזאָרגען. איז נאָר איך מיט מיין מחותן האָבען באַדאַרפט זיך גרייטען צו דער חתונה. איך מיט אַ דרשה צו דער חופּה וועטשערע, און דער מחותן מיט נדן און קליידער. נאָר מיר איז גרינגער אָנגעקומען צו גרייטען מיין דרשה, ווי איהם דאָס וואָס ער באַדאַרף. אָט ווי ווינציג

תורה איך האָב געהאַט, האָט ער געלט נאָך ווינציגער געהאַט, אפילו ער האָט געהאַט צוויי פרנסות, אַ שוחט און אַ חזן, נאָר פון ביידע פרנסות איז ער געווען אַ קבצן אין ביידע פּאַלעס.

אַמאָל אַ כלי קודש אין די קליין שטעדטלאַך, צרות און רדיפות האָט ער געהאַט פון ביידע פרנסות, אָבער אויף דער הוצאה ניט, און איהם האָט זיך געוואָלט התונה מאַכען זיין בת יהידה דוקא פאַר אַ ישיבה בחור, און נעמען אויף זיך אַ יאָך פון נדן און קעסט און אלע הוצאות פון דער התונה משני הצדדים. ער האָט אַלין באַדאַרפט באַזאָרגען, נאָר זאָרגען האָט ער געקענט, דערויף איז ער געווען אַ מלומד. ער איז אָפּגעווען אין שטעדטעל העכער פופציג יאָהר שוחט און חזן און די גאַנצע יאָהרען געזאָרגט.

נאָך פורים איז אָנגעקומען אַ בריף פון איהם, מען זאָל קומען דעם 20טען אדר אויף התונה, ער האָט שוין אַלץ באַזאָרגט!

3
די התונה

דעם צוואַנציגסטען אדר זיינען מיר געפאָהרען אויף דער התונה. מיינע עלטערען, מיין ברודער אהרן (און איך אויך).

פאַרנאַכט זיינען מיר געקומען נאָהענט צום שטעדטעל. כאָטש ס׳איז געווען בלאָטיג, דער שנעע האָט שוין אָנגעפאַנגען צו גיין, נאָר דער טאָג איז געווען אַ שעהנער, האָט מען אונז באַגעגענט מיט כלי זמר, די מחותנים מיט עטליכע צעהנדליג אינגלאַך מיט מיידלאַך, וועלכע זיינען נאָך געלאָפען מקבל פנים זיין דעם חתן.

לעבען דעם מחותנ׳ס הויז זיינען געשטאַנען פיעל מאַנזבלען און ווייבער מיט קינדער אלע אָנגעטהאָן יום טוב׳דיג, געווען שוין גרייט געהן צו דער חופּה. אַ שטונדע צייט האָט געדויערט די פראָצעדורע, דער קבלת פנים דעם חתן, און

באַדעקען די כלה. פּאַרטיג אַלץ כדת, די כלי זמר האָבען גענומען שפּילען. די אונטערפיהרער האָבען שוין געהאַלטען די ליכט אין די הענט, פאַרטיג צו פיהרען דעם התן צו דער חופּה. האָט מיין ברודער אהרן ניט דערלויבט. ער האָט געפאָדערט אַז דער מחותן זאָל לייגען די צוויי הונדערט רובעל נדן, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין די תנאים, אַז קודם החופּה באַדאַרף דער מחותן לייגען דעם נדן.

מען האָט געפרעגט דעם מהותן צי גיט ער דאָס געלט? האָט ער אַ קנייטש געטהאָן מיט די אַקסלען — ווי מען זאָגט — וואָס מאַכט איהר זיך נאַריש? ווי קומט צו אַ שוחט אַ קבצן אַזוי פיעל געלט?

ער איז בטבע געווען תמיד אַ שווייגענדיגער. הגם מען האָט עפּעס באַדאַרפט רעדען, האָט זיין ווייב גערעדט פאַר איהם. זי איז געווען דער מליץ, די אשת חיל. זי האָט זיך אין דעם אויך געשטעלט, אוים׳טענה׳ן מיט מיין ברודער, און גוטע פריינד און ווייבער האָבען איהר געהאָלפען, אַז מיין ברודער איז בטל בששים געוואָרען. אויך דער רב פון שטאָדט, און דער כלה׳ס ברודער, דער לאפּיטשער רב, זיי האָבען זיך אַריינגעמישט אין דעם, געמאַכט אַ פשרה. דער מהותן זאָל געבען אַ שטר מכירה דעם חתן אויף זיין הויז אויב אין צוויי יאָהר צייט וועט ער ניט באַצאָהלען דעם נדן, געהערט זיין הויז אין גאַנצען צום חתן. דער מהותן, שרייבען האָט ער גוט געקענט, האָט ער אָנגעשריבען א שטר מכירה און באַזאָרגט מיך מיט׳ן נדן, און מען איז אַוועק צו דער חופּה.

צו דער חופּה-וועטשערע, האָב איך געזאָגט אַ דרשה. איך זאָג אוים איצט דעם אמת, די דרשה איז ניט געווען אַזוי יום טוב׳דיג. דער צונג האָט זיך געפּלאָנטערט, אָבער די דרשה איז געווען איבער גענוג נאָך די דרשה געשאַנק, וואָס די בעלי-בתים האָבען געגעבען זייער שוחט׳ס חתן כלה!

אָט ווי מיין דרשה איז געווען ניט אַזוי יום טוב׳דיג, האָט זי געהאָט פיעל מעהר ווערטה פאַר זייער דרשה געשאַנק.

ס'איז אַמאָל געווען אַן אַנדער וועלט מיט אַן אַנדער פיהרונג. אַמאָל איז געווען אַ דרשה אָהן דרשה-געשאַנק און איצט איז פאַרקערט דרשה-געשאַנק אָהן אַ דרשה. אַמאָל איז געווען אַ רב מיט אַ פולע תורה מיט ווינציג שכירות, און היינט איז פאַרקערט. אַמאָל דער הדר איז דער לערנען געווען אָהן אַ סדר. היינט איז אַ סדר אָהן לערנען. און איהר קענט געפינען פיעל אַזעלכע זאַכען. ווען איז געווען בעסער היינט ווי אמאָל? זאָל זאָגען יעדער ווי זיין מיינונג איז. קלייבט אייך אוים יעדער ווי ער וויל!

4
וואָס האָט פּאַסירט נאָך פסח

די ערשטע וואָך נאָך דער התונה „שבעת ימי המשתה" איז אין הויז געווען גאַנץ פרעהליך. מ'האָט געגעסען, גע־טרונקען די שריים, וואָס איז פאַרבליבען פון דער חתונה. געסט קומען מז"ט! לחיים! מען איז זיך משמח!

אויך אַ פּאָר וואָכען שפּעטער. עס געהט אַ גרויסער יום טוב פּסח, איז דאַן דעם שוחט'ס פּרנסה ניט שלעכט. וועלכע קליין שטעדטעלדיגע באַלעבאָסטע האָט ניט געהאָדעוועט אויף דעם יום טוב עטליכע גענז, אַ פּאָר פעטע הינער אויף פּסח, און אָפט אַ פּאָר ענדיקעם אויך. מ'דאַרף שמאַלץ אויף קניידלאַך און טאָקע אַ גוטען פעטען שטיקעל פליישׁ צו די סדרים! קיין טריפה חלילה האָט קיינער ניט געגעסען, מוז מען דאָך אָנקומען צום שוחט, איז איהם ניט שלעכט, האָט ער פיין פּרנסה. און דערצו איז נאָך מיין שוויגער געווען אַ פּאַדראַ־ציכע בשותפות מיט אַ בעקער געהאַלטען דעם פּאָראַד פון מצה באַקען אויף פּסח. אַלזאָ איז די צייט געווען ניט שלעכט, און דערצו פּסח איז אַ יום טוב, וואָס מען גרייט אַן שפּייז אויף דער גאַנצער וואָך, האָט מען אַלע געלעבט צופרידען.

איך פלעג מיר געהן יעדער טאָג אין שוהל מיט דעם פעקעל (טלית און תפילין) גאַנץ פרעהליך. נאָכ'ן דאַווענען גע־

לערענט אַ בלאַט גמרא מיט חשק. געקומען אַהיים, געגעסען קעסט מיט הנאה, אייגענע ניט פרעמדע. דער איידעם עסט קעסט, ניט ווי דער ישיבה בחור עסט טעג. דער איידעם עסט זיינע וואָס איהם קומט. אַזוי שטעהט אין די תנאים שוואַרץ אויף ווייס! און די שוויגער עלטערען זיינען אויך צופרידען (די ערשטע צייט). החתונה געמאַכט אַ טאַכטער אַראָפּ אַ האַרב פון פלייצע, און געכאַפּט נאָך אַ מציאה, אַז לייט זיינען זיי מקנא (זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז דעם הון וועט ביליג קאָס־טען). אזוי האָבען מיר אלע צופרידען געלעבט. יעדער מיט זיין הלק ביז נאָך פסח.

דער יום טוב האָט זיך געענדיגט. ס'האָט זיך אָנגעפאַנ־גען די זומערדיגע צייט. פאַר וועמען דער זומער איז גוט, אָבער ניט פאַר די קליין שטעטעלדיגע שוחטים. אַמאָליגע צייטען, ווער האָט דאָס באַדאַרפט פלייש אין מיטען וואָך? געצעהלטע מענשען, כמעט אַלע זיינען יוצא געווען מיט אַ מילכיגען קרופניק, ווער פלעגט קוילען אַן עוף אין מיטען וואָך? דער בעל טאַקסע, אָדער פאַר אַ קינפּעטערין, פאַר אַ קראַנקען, אָדער אַז די הון איז קראַנק געוואָרען. די איבעריגע איינוואוינער פון שטעדטעל פלעגען זיך באַנוגענען מיט קוילען אַ ליטווישען הערינג, און אויף שבת פלעגט מען קוילען איין בהמה מיט עטליכע קעלבלאַך מיט אַ צעהנדליג היהנער, און דיינו! היינט געה מאַך אַ לעבען פון אַזאַ פּאַרדיסנט און האַלט נאָך אַן איידעם אויף קעסט?

איך האָב באַמערקט, אַז דער שווער און שוויגער זיינען ווי פאַרטרויערט, מען זעהט ניט אין זיי די פריהערדיגע פרעה־ליכע פנים'ער. דערצו האָב איך דערזועהן, אַז עס געהען אַריין מענשען און רעדען מיט די שוויגער־עלטערען אַזוי בייזערדיג. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס קומען בעלי חובות מאַנען, וואָס זיי קומט, וואָס מען האָט ביי זיי אָנגענומען אויף דער החתונה און זיי האָבען ניט צו באַצאָהלען, און מיין פרוי געהט אַרום צוטראָגען און פאַרטרויערט, נאָר פון מיר באַהאַלט מען זיך.

איך האָב גאָרנישט געפרעגט, נאָר איך האָב פאַר זיך באַרעכענט, אַז דאָס איז פון מיר ניט קיין יושר, איך זאָל זיך אָנווארפען אויף אַלטע לייט, זיי זאָלען מיך מיט מיין פרוי אויסהאַלטען אין אַזאַ אָרימע לאַגע! איך מוז זיי מיט עפּעס העלפען, נאָר מיט וואָס? קיין געלט האָב איך ניט, איך זאָל קענען מאַכען אַ שטיקעל קרעמעל, ווי אַלע יונגע לייטלאַך נאָך זייערע התונות טהוען מיט זייער נדן, וואָס מען האָט זיי גע־געבען. מיר האָט מען נאָר צוגעזאָגט, אָבער געגעבען האָט מען ניט. מיט'ן שטר מכירה וואָס דער שווער האָט מיר גע־געבען אויף זיין הויז, דערמיט וועל איך קיין סחורה ניט קע־נען קויפען. קיין בעל מלאכה בין איך ניט, קיין אַנדער פּראָפע־סיע ווייס איך ניט. אָט איז דער הזנ'טעס מציאה וואָס זי האָט איינגעהאַנדעלט פאַר איהר בת יהידה! ער קען ניט פאַרדי־נען פאַר זיך און פאַר זיין פרוי אפילו אויף איין מאָלצייט.

דאָס איז געווען מיין ערשטער רעכענונג אין מיין לעבען. צום ערשטען מאָל באַטראַכטען, אַז מען דאַרף זוכען אַ תכלית צום לעבען, איידער מען געהט הייראַטען און ניט פאַרלאָזען זיך אויף דעם צווייטען. נאָר וואָס טהוט מען איצט? איך האָב זיך גע'עצה'ט מיט מיין פרוי וואָס צו טהאָן? נאָר מיר האָבען גאָרנישט געקענט באַקלערען. האָב איך פאָרגעלייגט פאַר מיין שווער און שוויגער. געזאָגט זיי אַז איך בין גרייט צו באַהילפיג זיין זיי, נאָר איך ווייס ניט מיט וואָס? זיי איז דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען, זעהענדיג, אַז איך בין אַ מענש מיט געפיהל, האָבען זיי מיר אַן עצה געגעבען. איך זאָל זיך לערנען שחיטה, וועל איך קריגען אַ שטעלע פאַר אַ שוחט, נאָר ביז איך וועל זיך אויסלערנען, זאָל איך נעמען עטליכע קינדער לערנען מיט זיי, ניט זיין חלילה קיין מלמד, נאָר אַביסעל צו קנעלען, (זיין אַן אמת'ער מלמד איז זיי ניט אָנ־געשטאַנען, צו פּראָסט).

מיר איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען, (האָב איך דען געהאַט אַן אַנדער פּלאַן?) אפילו, מיינע אַמאָליגע פאַנטאַזיעס,

אמאָליגע גאָלדענע בערג, וועלכע איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווערען צורונען, צושטערט. אויך מיין מוטער'ס וואונש, וואָס זי האָט מיר תמיד געוואונשען, איך זאָל אַ רב זיין, איצט אויס רבנות. איך לערען זיך גאָר פאַר אַ שוחט און ביז יענער צייט מוז איך ווערען אַ האַלבער מלמד! פיין! אויסגעפיהרט. גע־לערענט ביז אַכצעהן יאָהר, געוואָלגערט זיך אין די ישיבות, ניט געשלאָפען נעכט, געהאָרעוועט, געשוויצט איבער דער גמרא און פוסק אין וואָלאָזשענער ישיבה דריי יאָהר, האָב איך דערגרייכט איצט נאָך מיין הייראַט לערנען זיך פאַר אַ שוחט און דער ווייל זיין אַ האַלבער מלמד! נו, האָב איך דאָן געקענט בעסער מאַכען? האָב איך זיך אונטערגעגעבען מיין שיקזאַל!

איך האָב געקראָגען אַן אוראַק ביים נגיד פון שטעדטעל, לערנען מיט זיין עלטערען זוהן. דאָס איז הנדיב ר' ש"ה לע־ווין, דער פאָטער פון הד"ר המפורסם הציוני הנלהב דר. שמריהו לעווין. ער האָט מיר געצאָהלט פיעל אַ מלמד האָט פאַרדינט פאַר אַ גאַנצען זמן (אַ האַלבען יאָהר) פאַר אַ גאַנצען הדר קינדער אמאָליגע יאָהרען. מען האָט ווידער דער חזנ'טע מקנא געווען איהר מציאה.

5
די שטעדטעל סוויסלאָ׳ איהרע פיהרונגען מיט איהרע פרנסות

די שטעדטעל סוויס׳, וואו איך האָב געדינט פאַר אַן איידעם ביים חזן און שוחט רז"ב שץ ז"ל, און וואו איך בין נאָך מיין הייראַט געוואָרען דאָרטען אַ האַלבער מלמד און דערנאָך אַ שוחט ובודק דאָרטען אין שטעדטעל. אַט די שטעדטעל געפינט זיך צווישען מינסק און באָברויסק. זי איז אַרומגערינ־געלט פון צוויי טייכען, די סוויסלא און די בערעזע. אידישע פאַמיליעס אַן ערך 150.

די שטעדטעל איז ניט געווען אפּגעטיילט אין אַלע הינ־זיכטען פון אַלע קליין שטעדטלאַך אין יענער צייט. אידען האָבען זיך דאָרטען געפונען מעהר ווי קריסטען און זיי האָבען פארנומען דעם צענטער פון שטעדטעל כמעט מיט אלע גע־שעפטען. האָבען געהאַט אַ שעהנע שוהל, אַ רב, אַ יונגען מאַן, אַ מופלג בתורה און משכיל, ר׳ אברהם משה ז״ל, אַ שוחט און אַ חזן איז געווען דער שווער מיינער ר׳ זושע בער שץ ז״ל, ער איז דאַן געווען אַ בן שבעים, אַ פרומער, ערלאַכער איד, אַ למדן. געזעסען שטענדיג און געלערנט. דעם „עין יעקב״ איז ער כמעט אין גאַנצען קלאָר געווען בע״פ. מיין שוויגער ע״ה איז ביי איהם געווען די צווייטע פרוי, זי איז געווען אַן אשת חיל, און פיעל אינגער פון איהם, איז זי געווען די עקרת הבית, און אַלעס איז געטהאַן געוואָרען ווי זי האָט געהייסען. מיט איהר האָט ער געהאַט פיער קינדער, איין טאָכטער, מיין פרוי שרה רחל ע״ה, און דריי זיהן ניט פאַרהייראַטע. אַ קאַ־זיאַנער רב איז אויך געווען, אברהם קז״ר (קאַזיאַנער רב) פלעגט מען איהם רופען אין שטאָדט, אַ הויכער, אַ מאָגערער איד, מיט פאַרשולמפערטע אויגען, אַ שפּיציגע בערדעל אַ גרויע (אַמאָל אַ געל געווען) אַ למדן אַ קליינער געווען, פלעגט מיט שווערקייט אָפּדראַפּען אַ פּרק משניות, געקענט אָן שריי־בען אַן אַדרעס אויף רוסיש מיט זיבען גרייזען (די איבעריגע שטעדטעלדיגע האָבען דאָס אויך ניט געקענט). און אזוי ווי פון רבנות האָט ער קיין חיונה ניט געהאַט, האָט ער דערצו גע־מוזט זיין אַ דרדקי מלמד. זיינע ביכער האָט ער געפיהרט אין אידיש. עס פלעגט טרעפען פיעלע מאָל, אַז ער פלעגט פאַר־בייטען די יוצרות, אָנשטאָט אַ געבאָרענעם פאַר שרייבען אַ געשטאָרבענעם און פאַרקערט. ער פלעגט אַרויסגעבען מעט־ריקעס, געבען ערלויבעניש אויף אַ חתונה, אויף אַ גט אַלץ פאַר אַ חצי רובל, נור אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ געשעפטעל ניט גאָר כשר על פי חקי המדינה, דאַן האָט מען שוין געמוזט אָנקומען מיט אַ פּראָטעקציע דורך זיין פרוי (אַ יונגע אשת

חיל). דאָ האָט מען שוין ניט געקענט קריגען פאַר אַ חצי רובעל. איהר האָט מען געמוזט געבען ניט ווינציגער ווי דריי רובעל, נאָר מען האָט אַלץ אויסגעפיהרט.

די מענשען פון שטעדטעל האָבען זיך צוטיילט אויף דריי קאַטעגאָריעס: לומדים, האַלבע לומדים און פּראָסטע. רייכע לייט, באַלעבאַטים און אָרימע. רייכע זיינען געווען צוויי פאַמיליעס. די „לעווינס" דעם דאָקטאָר שמריהו'ס עלטערען און זייער גאַנצע פאַמיליע. די צווייטע פאמיליע איז געווען ברוי־דע'ס. די צוויי פאַמיליעס האָבען שטענדיג געלעבט אין קריג צווישען זיך. די פאַמילע ברוידע איז געווען שוין געפאַלען, יורדים אין מיין צייט. נאָר די פאַמילע לעווין זיינען געווען רייך, איבערהויפּט דאָקטער שמריהו'ס פאָטער שמואל היים. ער איז געווען אַ וואַלד סוחר, זעהר אַ גוטער אָרענטליכער מאַן און זיין אַלטער פאָטער ר' זאַלקינד, ער איז געווען א גוטער און אַ פרומער איד, אַ בעל צדקה.

דאָרטען האָט זיך געפונען ביי דרייסיג פאַמיליעס, כמעט אַלע פריינד צווישען זיך. זיי האָבען געהאט איין נאָמען „פאַלישוקעס" (זיי זיינען געווען פון פאַלעסיע) זיי האָבען אַלע געהאַט איין פרנסה, ווינטער־צייט ווען די טייכען זיינען גע־ווען פאַרפראָרען, זיינען זיי געווען „קאַראַבעלניקעס". פלע־גען אַרומפאָהרען אָדער אַרומגעהן מיט קערב מיט סחורה איבער די אַרומיגע דערפער פאַרקויפען אָדער פאַר מזומן געלט אָדער פאַרבייטען מיט די פויערים אויף זייער דאָרפישע סחורה. שבת געזעסען אין דער היים מיט אַלע אידען צו גלייך. זונטאָג פריה, נאָך דעם ערשטען מנין, ווייטער אין וועג. אַזוי האָבען זיי זיך געפיהרט דעם גאַנצען ווינטער ביז די טייכען האָבען זיך געעפענט, דאַן האָט זיך פאַר זיי אָנגעהויבען אַ נייע וועלט, אַראָפּ פון דער יבשה און אויפ'ן וואַסער. די ערשטע עטליכע וואָכען פלעגן זיי ליגען נעבען טייך. זייער אַרבייט איז געווען אויפדרעהען די יונגע, פייכטע ריטער, מאַכען זיי ווי שטריק אויף בינדען צוזאַמען די גראָבע קלעצער, וועלכע

מען פלעגט ברענגען מיט'ן טייך פון די וועלדער, מאַכען פון זיי פּליטען, וועלכע מען פלעגט טרייבען מיט'ן „דניעפּער" קיין קיעוו, קרעמענצוג, יעקאַטערינאָסלאַוו און האַרסאָן. איז די אַרבייט געווען צונויף קלייבען די קלעצער אויפ'ן טייך און בינדען זיי אויף פּליטען. דאָס האָבען זיי געטהאָן. זיי זיינען געווען דערויף גרויסע בריות, זיי פלעגן קענען שווימען אין מיטען טייך אויף איין קלאָץ, וואָס פלעגט זיך דרעהען אונטער זייערע פיס. פון פאַרטאָג ביז נאַכט פלעגן זיי אַרבייטען ביים טייך. דאָרטען פלעגן זיי עסען, דאָרטען גערוהט. זיי פלעגן אַליין צוגרייטען זייער עסען, אויפקאָכען אַ קעסעל טאַראַנעס (טרוקענע, געזאַלצענע פיש) מיט בולבעס און אַ קאַשע פון הירז מיט אויל. אַפּעטיט האָבען זיי געהאַט אַ גוטען, ניט „שלשה שאכלו כאחד", דריי וואָס עסען ווי איינער, נאָר „אחד שאכל כשלשה", איינער האָט געגעסען ווי דריי. זיינען געווען געזונד ווי די ריזען, זעהר מגשום'דיג, נאָר אָרענטליכע ליט, האָבען געהאַט דרך ארץ פאַר אַן איידעלן מענשען.

ליידער, צווישען די לומדים האָבען זיך געפונען מענשען מיט פאַרדאָרבענע כאַראַקטערס, מעהר פון זיי אַלע האָבען זיך אויסגעצייכענט צום שלעכטען די צוויי אחים, די בני הרב איינער פון זיי י' דער בעל טאַקסע, פון איהם האָבען מיר זיך פיעל אָנגעליטען, ווי שוחטים פלעגן ליידען אין די קליין שטעדטלאַך פון די בעלי טאַקסעס. נאָר איין זכות האָט מען געקענט זאָגען אויף איהם — אַז זיין ברודער זיס' איז געווען ערגער פון איהם. זיי האָבען געהאַט אַ ברודער (מסתמא ניט בעסער פון זיי) ער איז געווען ערגעץ אַ שוחט אין אַ קליין שטעדטעל, האָט זיך זיי געוואָלט, מאַכען איהם פאַר אַ שוחט אין שווים' ביי אונז. דאַרום בין איך געווען ביי זיי ווי אַ ביין אין האַלז. זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז איך וועל פאַרנעמען די שטעלע. זיי האָבען געזוכט צו קריגען אויף מיר עפּעס אַ חסרון. אַז די שטאָדט זאָל מיך ניט וועלען פאַר קיין שוחט. און דער ברודער זיס' האָט זיך געהאַלטען פאַר דעם פרימסטען

און פאַר דעם גרעסטען למדן פון שטאָדט. ער פלעגט זאָגען א בלאַט גמרא פאַר'ן עולם אלע טאָג נאָכ'ן דאַווענען. דאָ האָב איך זיך גערעכענט מיט איהם, במלחמתה של תורה. איך האָב איהם אויף אַזוי פיעל געערגערט מיט מיינע פראַגען יעדער מאָל, אַז אין אַ קורצע צייט האָט ער אויפגעהערט זאָגען דעם שיעור. זיין כעס אויף מיר איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, נאָר ער האָט מיר גאָרנישט געקענט טהאָן. איך בין געווען ביי אַלעמען געאַכט.

עס האָט געטראָפען אין עטליכע חדשים אַרום איז מיין שווער קראַנק געוואָרען צום בעט. איך האָב נאָך דאַמאָלסט קיין קבלה אויף שחיטה ניט געהאַט. איך פלעג שוין קוילען, נאָר מיט אַן עומד על גבי. דאָנערשטאָג מען האָט באַדאַרפט שלאַכטען אויף שבת, און דער שווער קען ניט געהן. האָט דער רב מיר געהייסען איך זאָל געהן קוילען, און אַז עס וועט זיין אַ סרחת הריאה, זאָל איך ברייגנען צום שווער און איך זאָל אראָפּנעמען די סרחה פאַר איהם אין די אויגען, און כך הוה אַזוי איז טאקע געווען, און איך האָב געטאָן ווי דער רב האָט געהייסען. אויף מאָרגען פריה האָט זיס' זוהן געבראַכט פלייש צו אונז אין הויז, און זאָגט — דער טאַטע האָט אייך אָפּגעשיקט די פלייש, ווייל די פלייש איז טריף. אייער איידים האָט געקוילעט, ער איז קיין שוחט ניט. איך בין באַלד אַוועק אין שוהל זעהן וואָס הערט זיך דאָרטען. ווי איך בין אין שוהל אריין, האָט זיך דער עולם אַ קער געטאָן צו מיר, אַזוי ווי פרייטאַג צו נאַכט צו „בואי בשלום". דער ערשטער איז צו מיר צוגעלאָפען זיס' מיט אַ געשריי (דער רב איז אין שוהל ניט געווען, ער איז אויך ניט געזונט געווען) און דער נאָך פיעל מענשען מיט געשריי און מיט טענות, ווי אַזוי האָב איך געטאָן אַזאַ נבלה? איך האָב זיי געזאָגט — אַז איך האָב געטאָן אויפהער, ביז עס איז אונטערגעקומען שמואל חיים לעווין, דר. ווי דער רב האָט מיר געהייסען, נאָר מיינע רייד איז געווען כקול קורא במדבר, מען האָט געהאַלטען ביי איין שרייען אָהן

שמריהו'ס פאטער און האט זיי איינגעשטילט מיט די ווער־טער — „דער יונגערמאן זאגט, אז ער האט געטהאן ווי דער רב האט געהייסען, קומט צום רב וועלען מיר איהם פרעגען, אויב דער יונגערמאן זאגט ניט אמת, וועט איהר דאמאלסט שרייען. זיס' האט אפילו ניט געוואלט הערען, נאר דעם גאנצען עולם איז געפעלען געווארען די עצה, און פיעלע מענשען זיי־נען געגאנגען מיט מיר צום רב אויך שמואל חיים איז געגאנ־גען מיט אונז. ויבא גם השטן בתוכם, זיס' איז אויך געגאנגען מיט זיין ברודער. איך בין געגנאגען צום רב, ד. ה. מען האט מיך געפיהרט ווי מען פיהרט א פארשולדיגטען צום משפט. דער רב האט דערזעהן, אז אזוי פיעל בעלי בתים האבען גע־בראכט דעם שוחט צו איהם, האט ער געמיינט, אז מען האט מיך געכאפט ביי א גרויסע עבירה, האט ער באלד א פרעג געטאן, וואס איז דא אזוינס געשעהן? האט באלד זיס' ארויס מיט לשון.

— וואס הייסט רבי! ער איז דאך א מאכיל טריפות, ער האט געשאכטען א בהמה אליין אהן אן עומד על גבו, און ער זאגט אז איהר האט געהייסען.

— שרייט ניט אזוי ר' זיס', ער איז א כשר'ער שוחט, איך האב איהם אזוי געהייסען, און אזוי האט ער געטהאן, און איך עס ווארמעס פון די זעלבע פלייש, וואס ער האט גע־קוילעט און איהר אלע אידען געהט אהיים און עסט מיט אפע־טיט. עס איז כשר כדת. דער עולם איז אוועק צופרידען, נאר די אחים האבען זיך אפגעשטעלט, איז שמואל חיים לעווין אויך פארבליבען הערען וואס וועלען דא די אחים דרשנ'ען? האבען זיי גענומען טענה'נען צום רב — ווי דערלאזט איהר דאס, אז דער יונגערמאן זאל זיין דא ביי אונז א שוחט? ער איז ניט פרום, ער רעדט אין דאוונען אין קדושי דסדרא און זעהט זיינע קורצע פואות'לאך מיט'ן ווייסען קאלנעריל, אן אמת'ער אריסטאקראט. ניין, ער טאר ניט זיין קיין שוחט. האט זיי דער רב געזאגט — אז אין קיין פוסק ווערט ניט דער־

מאַנט דער דין פיעל בעדארף זיין די לענג פון דעם שוחט׳ס פּואות, און אויב ער רעדט אין דאַוונען, טאָ זאָגט איהם ער זאָל ניט רעדען, אבער א שוחט איז ער א גוטער, לערנען קען ער, איך זאָג אויף איהם עדות, איך וועל איהם געבען קבלה, ער מעג זיין שוחט בכל תפוצות ישראל, און ביי אונז אויך, און ער מעג טראָגען א ווייסען קאָלנער, דאָס קען איהם קיין שאָדען ניט טהאָן צו שחיטה. זיי האָבען געוואָלט ווייטער רעדען, נאר דאָ האָט שוין שמואל חיים לעווין זיך אריינגעמישט און האָט זיי געזאָגט:

— הערט ר׳ זיס׳ און ר׳ י. איך וועט גאָר נישט העלפען, פיעל איהר וועט רעדען, דער יונגערמאַן בלייבט ביי אונז שוחט צוזאַמען מיט זיין שווער. די ברידער זיינען אוועק מיט בזיונות און מעהר האָבען זיי שוין ניט גערעדט.

אָט דער ה׳ שמואל חיים לעווין איז געווען מיין בעסטער פריינד תמיד. איך האָב געלערענט ביי איהם אין הויז מיט זיינע קינדער, דאָס איז געווען מיינע ערשטע מלמדות, אפילו נאָך ניט א מלמד כהלכתא, אָבער שוין אָנגעטהאָן אויף זיך דעם יאָך און האָב איהם ניט אויסגעטהאָן ביז איצט.

6

איך האָב גענומען קבלה אויף שחיטה

אין עטליכע חדשים ארום שנת תרל״ז בין איך געפּאָה־רען אין באברויסק און גענומען קבלה אויף שחיטה פון די רבנים און שוחטים, פון אונזער רב און מיין שווער און איך בין געווארען שוחט ובודק אין שטעדטעל שוויס׳, איך האָב צופרידען געשטעלט די אחים, פארלאָזען גרעסערע פּאות ווי זיי האָבען פארלאנגט, נאָר דעם ווייסען קאָלנער האָב איך ניט אויסגעטאָן, און ווייטער בין איך געווען א שוחט מיט אלע פליטערלאך ווי עס האָט זיך געפּאָדערט מיט פופציג יאָהר צוריק פון א קליין שטעדטעלדיגען שוחט, אפילו א גארטעל

אויף דער לאַנגער קאַפּאָטע, און די הויזען און די שטיוועל. איך בין געוואָרען שותפות מיט מיין שווער, ביידע שוחטים. ער האָט צוגעגעבען זיינע הזנות און איך מיינע מלמדות, און ביידע, פון אלע פרנסות געווען קבצנים.

איך האָלט שוין געווען צופרידען איז אבער מיין שוויגער ניט צופרידען געווען, וואָס זיי בעדארפען מיר געבען א העלפט פון דער הכנסה פון הזנות און ביי מיר נעמען זיי מעהר ניט ווי א העלפט פון מיינע האלבע מלמדות, בין איך שוין געוואָרען א גאַנצער מלמד און געמאכט א הדר כדת וכנהוג כל המלמדים, האָט זיך דאָס געצויגען א יאָהר צייט, אבער מיט מאַטערניש. זי פלעגט שטענדיג האָבען טענות צו מיר, אז איך האָב צוגענומען א העלפט פון זייער הזנה, האָט דאָס מיר אזוי פיעל דערעסען, ס'איז מיר געוואָרען ניט גוט פון אלע זייטען, אין הדר פון די מלמדות, אין שטאָדט פון די באלעבאַטים, אין הויז פון דער שוויגער, האָב איך גענומען זוכען עצות ווי פטור ווערען פון אלין מיט איין מאָל, האָב איך געזאָגט אזיב זיי וועלען מיר געבען דריי הונדערט רובעל פאר מיין הזקה פון שחיטה, פאר מיין נדן, מיט מיינע קעסט צוזאמען, וועל איך זיי לאָזען פריי פון אלץ, און דער שווער מיינער האָט געהאט א זוהן פון זיין ערשטער פרוי, ער איז געווען א שוחט אין א דאָרף, האָבען זיי איהם געשריבען און איהם איז דאָס זעהר געפעלען געווארען איז ער געקומען און האָט מיר אָבגעצאָלט דריי הונדערט רובעל און ער איז געווארען שותפות מיט זיי, און איך בין געוואָרען פריי פון אלץ מיט איין מאָל און א נגיד מיט דריי הונדערט רובעל מיט אזוי פיעל געלט וועל איך דאך קענען פאַרפיהרען עפּעס מסחר. מסחר הייגט, מסחר מאַרגען, אז איך בין פרעמד פון מסחר, איך ווייס ניט וואָס מען הויבט אָן צו טהאָן?

האָט מען מיר געגעבען אן עצה, אזוי ווי איך האָב אין יעקאַטערינאָסלאוו מיין פרוי'ס א ברודער, א וואלד סוחר, זאָל איך פאַהרען צו איהם, וועט ער שוין געפינען פאר מיר א גע-

שעפּט. האָב איך געלאָזען מיין פרוי מיט מיין טאָכטער (א יאָהר אַלט) אין א דירה מיט עטליכע רובעל אויף דער הוצאה און איך בין אוועק אין די מרחקים זוכען פרנסה. מיין שוואָגער אין יעקאַטערינאָסלאוו האָט מיך צוגענומען פאר א גאַסט, און אין א פּאָר וואָכען צייט ארום האָבען מיר געקויפט אין שותפות פאר זיבען הונדערט רובעל א באַרלינקע (א שיף) וואָס פיהרט געהילץ פון איין פּריסטאַן צום צווייטען איבער'ן טייך דניע־פּער, און געדונגען א מענשען א געניטען און אָנגעהויבען טהאָן מסחר און עס איז אוועק ניט שלעכט. איך בין געוועזן מלא שמחה, פּטור געוואָרען פון די מלמדות מיט די שהיטה און געוואָרען א סוחר. איך האָב געשיקט אהיים געלט מיט פרעה־ליכע בריף, אָבער די טייך איז דאָך אָפען נאָר זומער צייט. ס'איז אָנגעקומען דער הערבסט נאָך סוכות, די ברעגען פון טייך האָבען אָנגעהויבען פרירען, דער מסחר אויפ'ן טייך איז שטיל געוואָרען, יעדער באַרלינשטשיק האָט גענומען זוכען אַן אָרט ביים ברעג טייך וואו אָפּצושטעלען זיין באַרלינקע, וגם אנחנו בתוכם. מיר האָבען אויך געזוכט אַן אָרט וואו לאָזען ווינטערען אונזער שיפעל.

היינט וואָס טהוט מען דעם גאַנצען ווינטער? איז מיר ארויף אויפ'ן זינען, אז מיר איז בעסער פון אלע באַרלינשצי־קעס. איך האָב סחורה, וואָס טויג ווינטער אויך, וועל איך איבער ווינטער עפענען מיין קרעמעל, איך וועל דאָ אויך קריי־גען בעלנים אויף מיינע סחורה, און כך הוה, אין א וואָך צייט ארום האָב איך געפונען א אידען, טאקע א וואלד סוחר האָט מיך צוגענומען איבער ווינטער צו זיך אין הויז לערנען מיט זיינע צוויי קינדער מיט א שעהנעם געהאלט, מיט קעסט. נאָך א מעלה איז געווען, אז מיין באַלעבאָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון טייך וואו מיין באַרלניקע האָט געווינטערט, אין מיין רוהיגע צייט פלעג איך ארויסגעהן צום ברעג זיך געוואר ווערען מיין פאַרפראָרענע שיפעל. זי איז זיך געשטאַנען רוהיג איינגע־פראָרען ביים ברעג און געוואַרט אויף מיר ביז איך וועל ווערען

לויז פון די מלמדות און זי פון די אייז, אבער דער ווינטער איז געוועז א שטארקער, שוין געוועז נאָך פורים, איך בין שוין פריי געוואָרען און זי איז נאָך אלין געשטאַנען איינגעפראָרען. האָב איך זיך מישב געווען, אז ביז וואַנען זי וועט פריי ווערען און די טייך וועט זיך אָפרייניגען פון די שטיקער אייז, אז די באַרלינעס זאָלען קענען געהן, וועל איך דערווײלע פאָהרען אויף יום טוב (פסח) אהיים, ווייל מען האָט מיר געשריבען אז מיין פרוי האָט געבאָרען א טאָכטער, בין איך אוועק אהיים מיט דעם תנאי אז תיכף נאָך פסח זאָל איך פאָהרען צוריק.
פסח האָבען מיר גוט פארבראכט, גערופען מיינע אמאָליגע ברויט-געבער, די באַלעבאַטים אויף קידוש, שעהן מכבד געוועזן זיי. אלע האָבען מקנא געוועזן דעם הזן מיט דער חזנ׳טע. אָט האָבען זיי געכאַפט אן איידים, ער טויג צו אלץ — א שוחט, א מלמד, א באַרלינשציק. אפילו דער שוואָגער מיינער, וואָס האָט אָפגעקויפט ביי מיר די הזקה, האָט מיר אויך שטארק מקנא געוועזן, ווייל ער איז שוין געוועזן אין שטעדטעל אויף גרויסע צרות, ניט מיין שווער און שוויגער האָבען איהם געקענט ליידען (זיי פלעגען זיך שטענדיג זעהר קריגען) און ניט די באַלעבאַטים האָבען איהם ליעב געהאט, עס האָט שוין געהאלטען מען זאָל איהם מרחיק זיין פון שחיטה און נעמען אן אנדערען אויף זיין אָרט. עס זיינען געוועזן פיעלע באלעבא-טים, וואָס האָבען מיך אָנגערעדט איך זאָל ביי איהם איבער-נעמען צוריק די שחיטה, נאָר איך האָב זיך אנטזאגט דערפון. איין מאָל גע׳גט זיך! קיין מחזיר על גרושתי וויל איך ניט זיין, און באַלד נאָך יום טוב האָב איך געוואָלט אוועקפאָהרען צוריק, נאָר מיין פרוי איז צוגעשטאַנען, אויך דער שווער און שוויגער, אז איך זאָל פארבלייבען אין דער היים און מיין חלק פון מיין שיפעל וועט מיר דער שוואָגער צושיקען אהער, און איך, אויב איך וויל ניט פארבלייבען דאָ אין שטאָדט, קען איך קריגען אן אנדער שטעלע דאָ ניט וויַיט, און טאקע אין א פאָר טעג ארום האָבען מיר ערהאַלטען א בריף פון א אידישען גוט-

באַזיצער (אַ פּאָמיעשציק) ישראל לעווין, אַ וויאָרסט 30 פון אונז און בעט מיך איך זאָל קומען צו איהם פאַר אַ מלמד און אַ שוחט לערנען מיט זיינעם אַ זוהן און אַן איידעם פאַר אַ גוטען געהאַלט מיט קעסט און קוואַרטיר. איך האָב זיך געלאָזען איבעררעדען און אַוועק געפאָהרען צו יענעם גוט-באַזיצער און געוואָרען ווידער אַ שוחט און אַ מלמד. פון אַ מלמד איז שווער צו ווערען אַ סוחר, שווערער ווי פון אַ סוחר אַ מלמד.

7

אין אימעניע ביי י"ל דער גוט-באַזיצער פון דער נחלה

די אימעניע (נחלה) פּ. האָט י"ל לעווין אָפּגעקויפט ביי אַ פּריץ ביי פינף הונדערט דיעסיַאטין פעלדער אויך וועלדער סאַסנאָווע. אַ גרויסע מעבלירטע הויז פון 15 צימערען, געבויט נעבען דער טייך „בעראָזע" ניט ווייט פון די צוויי שטעדט-לאַך ב. און ש. י"ל לעווין איז געווען אַ איד אַ גביר, אַ ליבאַ-וויטשער חסיד, געפיהרט אַ פרומע, אַ אידישע הויז, אַ איד אַ למדן און אַ משכיל, אַ מכניס אורח און האָט ערצויגען זיינע קינדער על דרך היהדות, צוויי זיהן פון 8-12 יאָהר, צוויי טעכ-טער, איינע אַ פאַרהייראַטע און אַ מיידעל פון אַ יאָהר 18. ער האָט פאַרוואַלטעט די גאַנצע הויז. אויך איז דאָרטען געווען עטליכע קליינע הייזער פאַר די פּויערים וואָס האָבען בעאַר-בייט די ערד. אָט צו דעם גוטס באַזיצער בין איך אָנגעקומען לערנען מיט זיינע צוויי אינגלאַך און מיט דעם איידים און געווען דאָרטען אַ שוחט. איך פלעג אָפט פאָהרען אין די דער-פער קוילען וואָס זיינען ניט ווייט געווען פון דער אימעניע, אפילו איך האָב געטראָגען אויף זיך דעם נאָמען שוחט און מלמד, אבער קיין יאָך האָב איך ניט געטראָגען פוןביידע זאכען. דער לערנען מיט די קינדער איז געווען זעהר גרינג, דריי-פיער שטונדען אַ טאָג. די שחיטה איז אויך געווען ווינציג

און ניט געהאַט אויף זיך קיין בעל טאַקסע, קיין באַלעבאַטים. פאַרנאַכט פלעגען מיר ארויסגעהן אויפ'ן שפּאַציר אדער ארויס־פאָהרען מיט די קינדער איבער די פעלדער, געבאָדען זיך פריה און פאַרנאַכט אין טייך. קעסט איז געווען זעהר גוטע, בעסער ווי ביי מיין שוויגער. אלע פרייטאג אין דער פריה ווען איך האָב נאָר פארלאנגט פלעגט מען מיר איינשפּאנען א פערד אין א וועגעלע און איך פלעג פאָהרען אויף שבת אהיים (די אימע־ניעפּ. איז געווען 30 וויאָרסט פון סוויס'). אין כלל האָב איך דאָרטען זעהר גוט געלעבט. אָפט פלעג איך האָבען מיט איהם ויכוחים מכח הסידות און ער פלעגט ניט ברוגז ווערען, אז איך האָב גערעדט געגען זיין מיינונג. איך האָב איהם אַמאָל געגעבען לעזען פרץ סמאָליענסקי'ס „התועה בדרכי החיים”, ער פלעגט לעזען מיט פארגעניגען, נאָר אָפט פלעגט ער איהם א וואָרף טאָן אן דר'ערד און זאָגען — דער רוח זאָל איהם נעמען און פלעגט איהם אויפהויבען צוריק און ווייטער לעזען, כאָטש ער איז געווען א הייסער ליבאוויטשער חסיד, נאָר א משכיל א איד. איהם האָט ניט געאַרט אז איך פלעג מיט זיין איידים לעזען ספרי השכלה. מפּה'ס שולמאנס, סמאָליענסקים, ריבל'ס, רמאג'ס.

איין מאָל א פרייטאג פריה, איך האָב זיך געגרייט פאָהרען אויף שבת אהיים, איז געקומען צו אונז דער שמש פון דער שטעדטעל ב. מיט א בריף צו י"ל, אז ער פאָדערט איך זאָל קומען צו איהם ער זאָל מיך עקזאמענירען, וויסען צי קען איך זיין א שוחט, ווייל איך קוילע אין זיין סביבה, זיין טעריטאָריע אָהן זיין ערלויבעניש, בכן אויב איך וועל ניט קומען וועט ער אָנזאָגען זיינע ישובניקעס וואָס וואוינען אין זיין סביבה זאָלען ביי מיר ניט קוילען. מיין באַלעבאָס י"ל איז ניט אָנגעשטאַנען דעם רב'ס שטרענגער אולטימאַטום, האָט ער ניט געוואָלט לאָזען מיך פאָהרען, נאָר איך האָב איהם געזאָגט, אז א שוחט מוז געהאָרכזאם זיין דעם רב, ער איז דער מרא דאתרא און דער פאָרשטייער פון זיין גאנצער סביבה און איך וויל ניט

האָבען אויף זיך קיין פלעק, אז איך פאָלג ניט א רב, און בפרט, אז איך בין זיכער מיט מיין פעהיגקייט פון מיין אומנת אין אלע היגזיכטען. אין געגענטייל מיר איז זעהר אנגענעם אז ער זאָל וויסען אז ביי ר׳ י״ל איז א שוחט א כשר׳ער כדת. מען האָט באַלד איינגעשפּאנט א פערד און איך מיט דעם בי״ד שמש זיינען מיר אוועקגעפאָהרען צום רב אין שטעדטעל ב.

8
די שטעדטעל בי״ש

די שטעדטעל ב. איז געווען זעהר א קליינע, ניט מעהר פון 25-30 אידישע פאמיליעס, נאָר אין איהר האָט ניט געפעלט קיין זאך וואָס א אידישער ישוב פאָדערט. א שוהל, להבדיל א באָד מיט א מקוה, א רב, א שוחט און בעל תפילה, א שמש, אלע חברות ווי אין אלע שטעדטלאך. אלץ אויף א קליינעם מאַסשטאַב, אפילו די שטעדטעל איז שוין געווען גאַנץ אַלט, זי איז נאָך געווען געבויט פאר נאפּאָלעאָן דעם ערשטען, אין 12 יאָהר איז נאפּאָלעאָן לויפענדיג צוריק פון מאָסקווע איז ער דאָרטען געווען, נאָר זי איז פון יענער צייט אָן וואָנציג אויפ־געוואַקסען ניט בכמות און ניט באיכות. מיר האָט דערצעהלט מיין שווער וועגען דער שטעדטעלע א גאַנצע געשיכטע. מיט פופציג יאָהר צוריק איידער ער איז געוואָרען שוחט און חזן אין סווים׳, ער איז נאָך געווען א יונגערמאַן איז ער דאָרטען געווען שוחט, די שטעדטעל איז געווען א מתנגד׳ישע, מען האָט געדאַוועגט אין שוהל נוסח „אשכנז״, דער נגיד פון שטעדטעל (מסתמא געווען דער בעל טאַכסע) האָט גענומען אַן איידים א חסידישען בחור. דער איידים האָט ניט געקענט איבערטראָגען דעם מתנגד׳שען נוסח, פלעגט ער אין שוהל ניט געהן, האָט ער גענומען איינרעדען דעם שווער, אז ער זאָל מאכען א מנין א חסידי׳שען ביי זיך אין הויז אלע שבת. דער זיידענער יונ־גערמאַנטשיק האָט פועל געווען ביי זיין שווער און מען האָט

אויפגעקליבען א מנין בצמצום דעם ערשטען שבת, אבער נאָכ'ן דאַווענען האָט דער נגיד געשטעלט שעהנעם כבוד פאַר די נייע חסידים, איז אויף דעם צווייטען שבת געווארען דער מנין גרעסער. וכן רבו ופרצו, יעדען שבת האָט דער מנין געוואקסען. אזוי האָט זיך געצויגען ביי א יאָהר צייט, אז דער „ויצמח פורקני" האָט גענומען דעם ווערך, און מעהר ווי האלב שטעד־טעל זיינען שוין חסידים געוואָרען און טאַקע הייסע, פייער־דיגע. י"ט כסליו איז א חסידישער יום טוב, וואָס דער אלטער ש"ן זצ"ל איז באפרייט געוואָרען, יום-טוב'ין די חסידים דעם טאָג יעדען יאָהר. די חסידים פון דער שטעדטעל ב. האָבען אָנגע־נומען דעם יום טוב מיט גרויס התלהבות, מען האָט אָנגע־הויבען מבעוד יום, מען האָט זיך געפרעהט ביי א גוטען מאָל־צייט מיט א מידה נכונה-משקה, אז דער עולם איז געווארען בגילופינ'דיג, מען האָט געזונגען, מען איז אוועק א ריקוד'ל, דער איידים האָט זיך צוהיצט (צי פון די חסידות, צי פון די משקה) און האָט אויסגעשריען פאַר דעם עולם — ביז ווי לאַנג וועלען די מתנגדים געוועלטיגען איבער אונז? ביז ווי לאַנג וועלען זיי באהערשען די שוהל און מיר מוזען דאווענען אין א הויז? קומט ברידער אנשי חב"ד, לאָמיר געהן אלע שוין אין שוהל און דאווענען א חסידישען מעריב! דער עולם האָט זיך באלד אויפגעשטעלט און מיט התלהבות איז מען אוועק אין שוהל און א קלאַפּ געטאָן א חסידישען מעריב מיט'ן ויצמח כדת. עס זיינען אָנגעלאָפען פיעלע מתנגדים און עס איז גע־וואָרען א מלחמה, א קריג לשם שמים, און די חסידים האָבען מנצח געווען, ווייל מעהר ווי א האלב שטעדטעל זיינען געווען פון די חסידים, און פון דאמאָלסט אָן איז איינגעפיהרט געווא־רען דער חסידישער נוסח אין שוהל.

אָבער דערמיט האָט זיך די מלחמה ניט געענדיגט, ווייל די נייע חסידים האָבען נאָך ניט געקענט דעם נוסח בעל פּה, און איבערהויפּט דעם „כגונא", וואָס מען זאָגט פרייטאג פאַר־נאַכט. סדורים איז ניט געווען גענוג פאַר דעם גאנצען עולם,

האָט מען אויפגעשריבען דעם „כגונא” מיט גרויסע ווערטער אויף פּאַפּיר און צוגעשלאָגען צו די ווענט פון שוהל, איז ווען מען האָט געדאַרפט זאָגען כגונא, פלעגען זיי פאַררייסען די קעפּ און קוקען אויף די ווענט, און אַלעס איז געגאַנגען כשורה. אַמאָל האָט געטראָפען, אַז מען האָט צובראָכען א מתנגיד'ס א שטענדער, אַז דער מתנגיד האָט דערזעהן דעם חורבן פון זיין הייליגען שטענדער איז ער געוואָרען מלא חימה אויף די חסידים און האָט זיך בײַם אַראָפּגעריסען פון די ווענט אַלע כגונא'ס און אַריינגעוואָרפען אין דער כלי וואַסער וואו מען וואַשט די הענט, אַז די חסידים האָבען דערזעהן דעם חלול הקודש איז געוואָרען א מלחמה, וואָס האָט אָנגעהאַלטען א צייט, קריג און געשלעגע פלעגט פאָרקומען אין שוהל יעדען שבת און מען האָט ניט געקענט שליסען קיין שלום.

די שטעדטעל ב. האָט געהערט צו דעם גוטבאַזיצער (פּאָ-ריץ) שווינטאַרשקע, איז מען אוועק צו איהם אויף א משפט, ער איז נייגעריג געווען אויסהערען זייערע טענות, און וואָס באַשטעהט זייער קריג. די מתנגדים האָבען גע'טענה'ט וואָס די חסידים האָבען צובראָכען א „שטענדער” און די חסידים — וואָס מען האָט צוריסען דעם „כגונא”. דער פּריץ האָט ניט גע-וואוסט די באַדייטונג פון ביידע זאַכען, האָט ער געמאַכט א פּשרה צווישען זיי, ער האָט אויסגעשטעלט אַן עמער משקה און האָט געזאָגט — זאָל טרינקען דער „שטענדער” מיט'ן „כגונא” צוזאַמען לחיים (ער האָט געמיינט, אַז שטענדער און כגונא איז דער נאָמען פון זייערע פּאַרטייעס) און ווערט שלום. איך וויל ניט לייקענען אַז אין מיין שטעדטעל זאָל מען זיך קריגען. דער עולם האָט געטרונקען און געמאַכט שלום ווי דער פּאַריץ האָט געהייסען, און פון דאַמאָלסט אָן איז די שטעדטעל ב. א חסידישע און אַהין פלעגט פאָהרען מיין באַלעבאָס י"ל אויף ימים נוראים צום רב פון דער שטעדטעלע וואָס ער געוועלטיגט אויף זיין טעריטאָריע, בין איך געקומען צום עקזאַמען. איך בין אַריין אין זיין בית-הענע, א אָרימע קליינע הייזעל מיט זעהר

ווינציג מעבעל, נאָר מיט א גרויסען אַלמער ספרים: ש״ס בבלי און ירושלמי, תשובות פון ראשונים ואחרונים. אויפ׳ן גרויסען ווייסען טיש איז געווען אָנגעוואָרפען ספרים און ער איז גע־זעסען מיט א פארקנייטשטען שטערען איבער דעם „יד החזקה״. איך האָב בעת־מעשה א טראכט געטאָן „תורה מונחת בקרן זוית״, וואו תורה איז פארוואָרפען אין אזא ווינקעל, א פיט־שינקע שטעדטעלע און האָט א רב מיט אזוי פיעל תורה. ער האָט מיך צוגענומען מיט כבוד, איך האָב זיך מיט איהם פארנאַנדער גערעדט אפריהער אין מילא דעלמא און דערנאָך אין דברי תורה. איך האָב איהם געוויזען מיינע קבלות פון שוחטים ורבנים, ער האָט מיך אויסגעפרעגט דינים פון שחיטה ובדיקה און איבערגעזעהן מיינע חלפים ווי א שוחט מומחה. איך האָב איהם אויך געוויזען מיינע בריף די מכתבי תהלה, וואָס איך האָב פון נצי״ב זצ״ל פון וואָלאָזשינער ישיבה. ער איז מיט מיר זעהר צופרידען געווען און האָט מיר געזאָגט — מיר טהוט זעהר הנאה וואָס איהר זייט א שוחט אין מיין סביבה — ווייל עס איז געווען ערב שבת זיינען מיר געגאנגען ביידע אין מרחץ, קומענדיג האָט די רבי׳צען מכבד געווען פון די מאכלי שבת און ער האָט אָנגעשריבען א בריף א מכתב תהלה וועגען מיר צו מיין באלעבאָס י״ל. בקיצור איך בין אָפגע־פאָהרען פון איהם מיט א ריינעם גוף (פון באָד) און מיט א ריינער נשמה. מיין באלעבאָס איז זעהר צופרידען געווען וואָס איך בין געפאָהרען.

איך בין אָפגעווען ביי דעם י״ל א יאָהר צייט, א זומער מיט א ווינטער. איך וואָלט זיין דאָרטען ווייטער, מיר איז דאָרטען זעהר גוט געווען, און ער איז מיט מיר צופרידען געווען, נאָר אז איך בין געקומען אויף פסח אהיים האָט דער גביר קאבאקאָוו (ער איז דאמאָלסט אריינגעפאָהרען מיט זיין זיין פאמיליע צו אונז אין שטעדטעל, ער איז געווען אן אָנקעל פון מיין באלעבאָס י״ל, האָט ער געהערט פון מיר), האָט ער געשיקט נאָך מיר זאָגען, אז ער וויל איך זאָל לערנען מיט

זיינע קינדער ביי איהם אין הויז און ער וועט מיר צאָהלען פיעל מעהר ווי זיין פלימעניק י"ל, האָב איך מיט צופרידענהייט אָנגענומען די שטעלע, ווייל איך וועל זיין אין דערהיים און מיט מעהר געהאלט, בין איך פארבליבען לעהרער ביי דעם גביר קאַבאַקאָוו.

9
ביים גביר קאַבאַקאָוו — איך בין געוואָרען א סווינסלאָווער באַלעבאָס

דאָס איז געוועזן אין דעם יאָהר וואָס אלכסנדר דער דריי־טער איז א קייזער געוואָרען, דאַן האָט מיין פרוי געבאָרען א דריטע טאָכטער פאר שבועות „אנויטע". איך בין געוועזן זעהר צופרידען מיט איהר. אז זי איז געבאָרען געוואָרען האָט זיך מיין לאגע פיעל פארבעסערט, איך זיץ בכבוד אין דערהיים און האָב מיין חיונה אָהן צער, אָהן האָרעוואַניע. אין גאנצען פלעג איך פארברייגען מיט די צוויי קינדער קאבאקאָוו'ס א זוהן פון א יאָהר אכטצעהן און אן אייניקעל י. ב. קאבאקאָוו'ס א אינגעל פון א יאָהר צעהן, מעהר ניט צוויי שטונדען פאר ווארמעס און ד. ג. נאָך ווארמעס. אלע מלמדים פון שטעדטעל האָבען מיר מקנא געווען, אפילו מיין ברודער א. ב. ע"ה האָט מיר אויך געזאָגט — מיין ברודער, דו ביזט א גליקליכער איד, דו האָרע־ועסט א דריטעל פון מיר און פארדינסט דריי מאָל אזוי פיעל ווי איך. מיין ברודער א"ב, ווען ער האָט זיך גע'גט מיט זיין ערשטער פרוי, האָט ער אויך חתונה געהאט אין שטעדטעל סוויס' מיט אן אלמנה'ס א טאָכטער ב"ש ע"ה, זי איז געוועזן א שעהנע פרוי, האָבען געלעבט זעהר צופרידען, נאָר אָרעם ווי א מלמד. מיין ברודער איז געוועזן א פרומער איד, ער פלעגט פיהרען זיינע צוויי אינגעלאך, וואָס זיין פרוי האָט איהם גע־באָרען, דער עלטערער יחיאל און דער אינגערער א"ז, פלעגט ער זיי פיהרען אלע טאָג אין שוהל צום דאווענען, זאָגען מיט זיי

איהש״ר, און דערמיט איז ער צופרידען געווען אין זיין ארעמען לעבען. מיך האָט ער גערעכענט פאר דעם נגיד, עפּעס א קליי־ ניגקייט 120 רובעל א זמן פאר צוויי קינדער! אין דער צייט וואָס ער האָט געהאט פאר צעהן תלמידים 50 רובעל א זמן און געקנעלט מיט זיי פון פריה ביז פארנאכט, און אזוי האָבען גע־ רעכענט אלע מלמדים, הכל במזלא תלי׳ אפילו ספר תורה שבהיכל, אפילו א מלמד בעדארף אויך האָבען מזל!

דער גביר מ״ב קאַבאַקאָוו, ער איז געווען פון די גרויסע וואַלד סוחרים, א גביר פון א האלבען מיליאָן רובעל (איך האָב זיינע געלט ניט געצעהלט, נאָר אזוי האָט מען געזאָגט) ער און זיין גאנצע פאמיליע זיינען געווען די חסידי חב״ד, פייער־ דיגע ליבאוויטשער חסידים. ער און זיינע איידימס ש. גור אריה און י״ב קאַבאַקאָוו פלעגען פאָהרען צוויי מאָל אין יאָהר צום רבי אין ליבאוויטש, אבער אונזער שטעדטעל איז געווען פון פייערדיגע מתנגדים, האָט דער גביר ק׳ געמאכט א מנין ביי זיך אין הויז, און אזוי ווי איך בין זייער א מלמד, האָב איך על כרחי ניט ווילענדיג געמוזט ווערען א חסיד (וואָס טוהט מען ניט צוליב פרנסה?) און „אוהבי עשיר רבים״, דער גביר האָט א סך פריינד. דער האָט אן ארויסקוק צו פארדינען עפּעס ביים גביר און דער האָפט צו קריגען ביים גביר א גמילות חסד, און ביי אונז אין שטעדטעל האָבען א סך בעדארפט גמלות חסדים, דערום האָט זיך צונויפגעקליבען א גרויסער מנין, גע־ וואָרען כמעט ווי מען רופט אָן „א חסידישע שטיבעל מיט אלע תגין. איך בין געוואָרען דער חסיד׳ישער חזן (א מתנגד׳ישער האָב איך ניט געקענט זיין) דער בעל קורא, וואָס ווילט איהר נאָך? איך האָב שבת נאָך ווארמעס געזאָגט (טאקע מעהר ניט ווי געזאָגט) „תניא״ פאר׳ן עולם. פאר מיינע חסידים בין איך געווען א גוטער זאָגער, און איבערהויפּט אין חסידות דארפען דאָך די צוהערער ניט פארשטעהן וואָס דער רבי זאָגט, הייגט אז איך דער זאָגער אליין האָט אויך ניט פארשטאנען איז געווים גוט.

נאָך מנחה פלעגען מיר פראַווען שלש סעודות מיט זמירות און מיט אביסעל משקה, איבערהויפט ווען דער איידים רי״ב ק׳ פלעגט קומען, דאן פלעגט די חסידות אָפּלעבען. אָט דער רי״ב ק׳ איז געוועזן א מזג טוב, א גוטער און א פרומער מענש, א טוב לכל. פון מיר איז ער געוועזן זעהר צופרידען, ערשטענס, האָט זיין איינגעל ביי מיר א פעולה געהאט אין לערנען, און דער עיקור, וואָס איך בין א חסיד געוואָרען. ער איז מיר באַהילפיג געוועזן אין אלעס, וואָס איך האָב פארלאַנגט פון איהם. דורך זיין הילף האָב איך א הויז געקויפט, ער האָט פון זיין וואלד געשיקט מיר קלעצער, מען האָט זיי צוזעגט אויף ברעטער און איינגעאָרדענט מיין הויז ווי מען דאַרף און איך בין געוואָרען א סוויס׳ער באַלעבאָס. ביי דער פאמיליע ק׳ און ביי זיינע חסידים בין איך שוחט אויך געוועזן.

אויף דעם צווייטען יאָהר שנת תרמ״ג איז געשטאָרבען מיין מוטער ע״ה, עס איז באשערט געוועזן איך זאָל זיין אין שטאָדט ניט אין דאָרף, איך זאָל קענען אָפּהיטען דעם קדיש אלע טאָג און לערנען נאָך איהר נשמה א פרק משניות ווי איהר פארלאַנג איז געוועזן איהר גאַנצען לעבען. ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳.

10

מיין פרוי האָט א זוהן און ווערט קראַנק

אויף דעם דריטען יאָהר אז איך בין געוועזן ביי ק׳ (דריטען יאָהר בין איך געוועזן ביי איהם) איז ביי מיר געבאָרען געוואָרען א זוהן אליהו. דער ברית איז געוועזן א גרויסאַרטיגער, צוויי רבנים זיינען געוועזן, דער סוויס׳ער און מיין שוואָגער דער חאלאיער רב. דער אלטער גביר קאר׳ איז געוועזן דער סנדק (ער האָט געמאכט דעם ברית), ער האָט געהייסען וואַרימען דאָרט מקוה און אלע וואָס זיינען געוועזן ביים ברית זיינען געגאַנגען פאר׳ן דאַווענען אין מקוה.*) נאָכ׳ן דאַווענען געמאכט דעם ברית

*) דערום האָט מיין זוהן אליהו ליעב עד היום באָדען זיך אלע טאָג.

כדת, מיט א סעודות מצוה, געבענטשט מיט א מנין, געזאָגט תורה און חסידות (ניט איך), פאַרבראַכט פרעהליך דעם גאַנ־צען טאָג.

די צייט איז מיר געגאַנגען זעהר גוט אין אלע הינזיכטען, מיט געזונט און פרנסה, געלעבט אָהן דאגה ווי חז"ל זאָגען, בני חיי מזוני לא בזכותא אלא במזלא, מיך האָט גאָט גע־בענטשט דאַן מיט אלע דריי זאַכען, בעסער האָב איך ניט גע־וואונשט און ניט פאַרלאַנגט מעהר, געווען א שמחה בחלקי, נאָר אין מיטען העלען טאָג האָט א פינסטערער וואָלקען באַדעקט און פאַרטונקעלט די זון וואָס האָט געשיינט איבער מיין קאָפּ. אין עטליכע חדשים נאָכ'ן ברית האָט מיין פרוי פאַרקריינקט. סווים' דאָקטוירים האָבען זי ניט געקענט היילען, איך בין געפאָהרען מיט איהר אין באַברויסק, האָט מען איהר אויך ניט געהאָלפען, האָט מען מיר אַן עצה געגעבען איך זאָל פאָהרען מיט איהר אין מינסק און זיצען דאָרטען מיט איהר ביז זי וועט געזונט ווערען, האָב איך געלאָזען מיין שטעלע ביי דעם גביר ק' און איך האָב איבערגעלאָזען די דריי טעכטערלאך מיינע ביי מיר אין הויז ביים שווער און שוויגער און איך און מיין פרוי מיט דאָס קליין קינד א' זיינען מיר אוועקגעפאָהרען קיין מינסק און מיטגענומען מיין קרעמעל מיט די סחורה איך זאָל אין מינסק אויך קענען פאַרפיהרען דעם זעלבען געשעפט (דאָס קען דערוויילען נאָר א מלמד מיט זיינע סחורה ניט קיין אַנ־דערער).

11

אונזער פאַהרען קיין מינסק און אונזער זיצען דאָרטען

מיר פאַהרען. דער באַן פיהרט, ער פליהט, ער פייפט פאַר אַלעמען גלייך. אָבער ניט אַלע פאַהרער פיהלען גלייך פון זיין פייפען. איינער פון יעדער פייף ווערט פרעהליכער, אַט, אָט קומט ער אָן וואוהין ער האָט געגלוסט. אַ צווייטער ווערט אומעטיגער, באַלד ענדיגט זיך זיין רייזע און ער דאַרף אראָפּשטייגען. עס זיינען געזעסען אלע פאַהרער, פאַרבראַכט פרעהליך. מיר זיצען פאַראומערט, פאַרטראַכט, פאַרלאָזען אַ היים מיט קליינע קינדער, וואוהין פאַהרען מיר? איך פאָהר אין אַ פרעמדער שטאָדט זוכען פרנסה, היילען מיין קראַנקע פרוי. יעדער פייף וואָס דער באַן גיט, ער זאָגט אָן אַז עס איז שוין נעהענטער, וואו מען דאַרף איהם פאַרלאָזען. ווערט אַלץ אומעטיגער. מיר האָבען דערהערט דעם פייף און דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעשריען „מינסקי" איז אויף מיר געפאַלען אַן אומעט. וואוהין פאַהרט מען? די קעשענע איז פוסט. בין איך געבליבען שטעהן און קלער, איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט, ווי צו פאַהרען צו מיין שוועסטער. זי האָט דאָך אייגענע הייזער, וועט זי פאַר אונז אויך געפינען אַ ווינקעל.

ערשט, ווי ערשטווינט בין איך געוואָרען, אַז די שוועסטער האָט ענטזאַגט: — קיין ליידיגע דירות האָט זי ניט, און איהר וואוינונג איז קליין, אַריין צולאָזען אַ קראַנקען מענשען.

בין איך געפאַהרען צו מיין ברודער משה הירש, ער האָט געוואוינט אין „קאמערוויקע" (אַ פאַרשטעדטעל פון מינסק). ער האָט אונז צוגענומען מיט כבוד, ניט ווייל ער האָט געהאָט אַ בעסערע דירה, זיין דירה איז נאָך געווען פיעל קלענער

פאַר מיין שוועסטערס, נאָר ער האָט געהאַט אַ בעסערע, אַ ברייטערע גוטע האַרץ. אין זיין אָרימער וואוינונג האָט ער געמאַכט פאַר אונז אַן אָרט און מיר זיינען געזעסען ביי איהם אַ האַלבען יאָהר צייט, ביז מיר זיינען געפאָהרען צוריק אַהיים.

אויף מאָרגען בין איך געגאַנגען מיט'ן ברודער צו דער שוועסטער, און דער שוואָגער מ"ש צוזאַמען מיט מיין ברו־דער מ"ה האָבען מיר אויף געשטעלט מיין קרעמעל אין דעם זעלביגען טאָג, און אויף מאָרגען בין איך אַרויף על כסא המלמדות.

אַלע טאָג ווען איך פלעג געהן אין חדר, פלעג איך מיט־נעמען מיין פרוי צו אַ דאָקטער, געטהאָן אַלעס וואָס די דאָק־טוירים האָבען געהייסען. ניט דורכגעלאָזען כמעט איין דאָק־טער, נאָר איהר קרענק איז ניט פאַרבעסערט געוואָרען. אַזוי איז אַהיעק דער גאַנצער ווינטער ביז פאַר פסח. מ'האָט מיר אַן עצה געגעבען, איך זאָל זי נעמען צוריק אַהיים. איך האָב באַשטעלט מיין קנעלונג אויף זומער און מיר זיינען געפאָהרען אַהיים, מיט די זעלביגע פרעהליכקייט, ווי מיר זיינען געפאָה־רען אין מינסק.

קומענדיג אַהיים בין איך מיט איהר געפאָהרען אין באָב־רויסק צו אַ דאָקטער, האָט ער מיר מגלה געווען דעם סוד, אַז מען קען איהר ניט היילען, עס איז האָפנונגסלאָז זי זאָל גע־זונד ווערען. מיט אַ צבראָכענע האַרץ בין איך אַהיים געפאָה־רען. זי האָט ניט געוואוסט פון דעם סוד, אָבער איהר האַרץ האָט איהר געזאָגט.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ יום טוב מיר האָבען געהאַט? נאָר נאָך יום טוב איז געוואָרען נאָך טרויער־דיגער. איך מוז פאַרלאָזען די היים, די קליינע קינדער, מיט דער קראַנקער ווייב, וואָס איהר לעבען איז אין געפאַהר, זיצען אין דער היים איז ניטאָ ביי וואָס, מען מוז פאָהרען! מיט פאַר־וויינטע אויגען, מיט אַ פאַרביטערטע האַרץ האָב איך פאַר־לאָזען מיין קראַנקע פרוי מיט די קינדערלאַך, מיין האַרץ איז

אין מיר צוריסען געוואָרען קוקענדיג אויף זיי. אָנגעקושט זיי און באַגאָסען מיט מיינע הייסע טרערען זייערע פּאַראַומערטע פּנים'לאַך, געזעגענט זיך מיט מיין אומגליקליכער פרוי, אָנגעקושט איהרע בלאַסע, אויסגעטריקענטע באַקען. איך האָב נאָך ניט גערעכענט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער מאָל, וואָס איך זעגען זיך אָפּ מיט איהר אויף אייביג. איהר זעגענען זיך מיט מיר, איהרע הייסע ווערטער, איהרע בליקען פון איהרע פאַרטונקעלטע אויגען מיט וועלכע זי האָט אויף מיר געקוקט מיט רחמנות, ווי זי פאַרשטעהט אַז זי מוז זיך מיט מיר שיידען אויף תמיד, איהר דריקען מיין האַנט, מיט איהרע ביידע אָפּגעשוואַכטע הענט, איהר הייסען קוש מיין האַנט מיט איהרע קאַלטע בלאַסע ליפּען, דאָס אַלץ האָט אויף מיר געווירקט, אַז איך בין שיעור ניט געפאַלען, נאָר איך האָב זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט, זי זאָל אויף מיר ניט באַמערקען, ניט מאַכען אויף איהר אַ שלעכטען איינדרוק. איך האָב איהר געטרייסט מיט גוטע האָפענונגען, איבערגעוואָרפען זיך מיט אונזערע בליקען און אויף גיך אַרויס פון שטוב. איך האָב מורא געהאַט, איך זאָל ניט אויסברעכען אין אַ געוויין. איך בין געשטאַנען אביסעל אונטער דער טהיר, געקוקט דורך אַ שפּאַלט אין הויז, נאָך אַ ווײַלע, און מיט אונטערגעבראָכענע פיס בין איך אַוועק צום וואָקזאַל.

קומענדיג קיין מינסק, געזעצט זיך קנעלען. געמוזט מאַכען אַ פרעהליכען פּנים פאַר די באַלעבאַטים, זאָלען זיי ניט זאָגען, אַז מיין אומעט שטערט דעם לערנען. נאָר ווען איך בין רוהיג געוואָרען, דאַן פלעגען אַרויף שווימען אַלע מיינע צרות פון דער היים.

איך האָב געשיקט געלט אַהיים מיט גוטע טרייסט בריף, איך פלעג האָבען פון איהר ענטפערס, אַפילו זעהר קורצע, אָבער דאָס פלעגט היילען מיין האַרץ און געבען האָפענונגען אויף גוטס.

נאָר ניט לאַנג האָט עס געדויערט. אין אַ חודש צייט נאָך פסח, ניטאָ פון איהר קיין ענטפער. איך שיק אַ טעלעגראַמע,

אויך קיין ענטפער ניטאָ. איך האָב געוואָלט לויפען גלייך אַהיים, האָט מיין שוואָגער מ'ש מיך ניט דערלאָזען. ער האָט געזאָגט, אַז אויף שבועות וועל איך פאָהרען. איך האָב די פּאָר וואָכען ניט געקענט רוהען.

אַ פּאָר טעג פאַר יום טוב בין איך געפאָהרען אַהיים. יעדער שעה האָט זיך מיר געצויגען ווי אַ יאָהר. געדאַנקען מורא'דיגע האָבען זיך פאַרגעשטעלט, ביז וואַנען איך בין אַהיים געקומען.

מיט ציטערדיגע הענט האָב איך אָן עפען געטהאָן די טהיר און אַ בליק געטהאָן אין אַלע זייטען. האָב נאָר דערזעהן ווי דער שווער און שוויגער זיצען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ פאַרטרויערטע לעבען דאָס קינד'ס וויגעלע, און די קינדער זיינען צוגעלאָפען צו מיר מיט אַ געשריי: — טאַטענקע, די מאַמע איז שוין ניטאָ!...

מיר איז פאַרשפּאָרט צו באַשרייבען, וואָס איז פאַרגעקומען אין יענער צייט. יעדער קען דאָס פאַרשטעהן. אויך וואָס פאַר אַ יום טוב שבועות מיר האָבען געהאָט.

בלייבען זיצען אין דער היים מיט די קינדער צוזאַמען מיט די אַלטע האָב איך ניט געקענט, מיין פּרנסה איז דאָך געווען אין מינסק. האָב איך געוואָלט צונעמען די קינדער מיט זיך האָבען זיי ניט דערלאָזען. בין איך אַליין אַוועק און די קינדער געלאָזען מיט זיי.

אָפּגעוועזען ביז ר"ח אלול און געקומען אהיים צו די קינדער, געזעסען איבער יום טוב סוכות און ווייטער אַוועק צוריק קיין מינסק. די גאַנצע צייט געשיקט זיי געלט פיעל זיי האָבען באַדאַרפט. נאָר די שווער און שוויגער האָבען מיר רוהען ניט געלאָזען, אַז איך מוז חתונה האָבען און צונעמען די קינדער צו זיך, זיי איז שווער אויף דער עלטער צו האָדעווען קליינע קינדער, און זיי זיינען באַשטאַנען איך זאָל התונה האָבען מיט זייער פּלימעניצע ווי זייער טאָכטער מיין פאַרשטאָרבענע פרוי האָט געבעטען פאַר איהר טויט...

אין דעם יאָהר תרמ"ח האָב איך התונה געהאַט מיט מיין צווייטער פרוי פייגע רעליע. איך האָב געפונען א גוטע באַגלייטערין אין מיין לעבענס־וועג און מיינע קינדער א צערטליכע מוטער. אין משך פון פיער און פערציג יאָהר האָבען מיר געהאַט גאַנץ גוטע צייטען און שלעכטע, זינגענדיגע, וואַלקענדיגע, ווי אין אַ מענשען׳ס לעבען טרעפט.

איך באַשרייב אַלס פון אונזער הייראַט ביז איצטיגען טאָג.

איך האָב צוגענומען די קינדער צו זיך. מיין הויז אין סווים׳ פאַרקויפט און זיך באַזעצט אין באבר׳. עטליכע רובעל האָבען מיר געהאַט, האָבען מיר געדונגען אַ שעהנע דירה, און נאָך פסח אויפגעעפענט מיין קרעמעל — געמאַכט אַ חדר. קינדער פון חשוב׳ע באַלעבאַטים, געהאַט שעהנע חיונה. עס איז אַלס געגאַנגען כשורה, און אָנגעפאַנגען צו לעבען אַ נייעם גוטען, גליקליכען לעבען, אין פרידען און אין פריידען דעם גאַנצען זומער.

איך האָב גערעכענט, ווי אַלע רעכענען, אַז ווייטער, ווייטער וועט געהן נאָך בעסער. נאָר מיר איז מקוים געוואָרען די ברכה, וואָס אַ גוטער פריינד האָט מיר געבענשט אויף אַ שמחה ביי אַ גלעזעל משקה: — הלואי זאָל איך מעהר קיין מלמד ניט זיין — געוועהנליך האָט ער געמיינט צו גוטען, איך זאָל פאַרבייטען די מלמדות אויף אַ בעסערען געשעפט (מלמדות איז ניט קיין גרויסאַרטיגער, גאָלדענער געשעפט). איך האָב אבער קיין בעסערען געשעפט ניט געקראָגען, איך האָב געקראָגען א קרענק! אַז איך האָב קיין כח ניט געהאַט צו זיין א מלמד.

נו, ווי געפעלט אייך מיין בייט? גוט אויסגעביטען ווי אַ למדן! ווייסט איהר וועך איז געווען די סיבה דערפון? די ערב יום כפור׳דיגע מקוה!

די שטאָדט באב׳ איז די מעהרהייט פון די אידישע איינוואוינער חסידים, ליבאַוויטשער, לעכעוויצער, אויך פון אַנדערע, וואָס ברויכען טבילה אין מקוה אַלע ערב שבת. דערויף האָבען זיי אין שטאָדט אַ באַזונדער וואַנע באָד מיט אַ גרויסע

מקוה נאָר אויף טבילה, ניט צו וואַשען זיך. איך בין זיך מודה ומתודה, כאָטש איך האָב געוואוינט מיט א הייסען חסיד אין איין הויז, וועלכער האָט געברויכט די מקוה אלע ערב שבת, און אָפט אין מיטען וואָך אויך, און ער האָט מיך תמיד גע־וואָלט פיהרען אין באָד, אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזען. אָבער ערב יום כפור, ערב יום הדין, בין איך געגאַנגען מיט איהם. ער האָט זיך טובל געווען, אפשר ש״י טבילות און איהם האָט דאָס ניט געשאַדט. ער איז אַרוים בשלום. אָבער מיר האָט דאָס געשאדעט און זעהר שטארק. די מקוה איז געווען א הייסע און דער טאָג א קיהלער, האָב איך זיך שטאַרק פאַר־קיהלט. ווי עס ווייזט אוים קען א הייסע מקוה פאַרשאַדען א קאַלטען מתנגד, גיכער ווי א הייסען חסיד. איך האָב אָנ־געהויבען פיהלען א שטעכעניש אין זייט.

בקיצור, איך בין אָפּגעלעגען א וואָכען זעקס צום בעט שטאַרק קראַנק. נאָר א דאַנק גאָט הרופא חולים, און מיט די הילף פון מיין טרייער פרוי, וואָס זי האָט ניט אָפּגעטראָטען פון מיין קראַנקע בעט טאָג און נאַכט, צו ערפיהלען אלס וואָס די דאָקטוירים האָבען אָנגעזאָגט, בין איך אַרוים פון געפאַהר.

קיין געלט אויף צו היילען זיך האָב איך שוין ניט גע־האָט, האָט מיין שוויגער נ׳ מיין פרוי׳ס מוטער, זי האָט געהאַט אַן אייגען הויז, האָט זי אונז צוגענומען צו זיך, און געשפייזט אונז אַלעמען.

דעם 12טען כסלו בין איך אַראָפּ פון בעט, ניט ווייל איך בין שוין פאָלקאָם געזונד געוואָרען, נאָר ווייל מיין פרוי האָט זיך פאַרוואָלט לייגען זיך אין קינפּעט. האָב איך געמוזט אָפּטרעטען איהר דאָס בעט. זי האָט געבאָרען א טאָכטער אידע זאָל לעבען.

מיר זיינען געזעסען ביי דער שוויגער אויף אלס פאַרטיגען ביי צוויי חדשים צייט. אָבער מען מוז דאָך זעהן עפּעס אָנפּאַנ־גען טהאָן. עפּעגען ווידער מיין קרעמעל ד״ה מאַכען א חדר, קנעלען, איז ניט מיין כח און ניט די צייט דערצו, אין מיטען

ווינטער. האָט מיין „פרוי״ געעפענט אַ קרעמעל פון שפייז ביי מיין שוויגער אין הויז, געעפענט אַ טהיר און געמאַכט אַ שפייז קרעמעל. איך האָב געקראָגען צוויי גוטע אוראָקעס, א פּאָר שטונדען אין טאָג אויף 25 רובעל א מאָנאַט. ווייטער גוט! געוואָרען אַ לערער, אוים מלמד (דער וואָס געהט לער־נען מיט קינדער אויף אוראָקעס, רופט ער זיך לערער). פאַר־ביטען די יוצרות, פון אַ מלמד אויף אַ לערער, אָבער אַלץ מעהר ניט ווי די יוצרות.

מיין פרוי פלעגט אַרבייטען אין הויז און אין קרעמעל פון גאַנץ פריה ביז שפעט אין אָוונד. איך פלעג איהר העלפען קומענדיג אהיים. קונים זיינען געווען זעהר אָפט, אָבער לייזונג ווינציג, וויל זעהר מאָגערע פון אַ קאָפּיקע ביז צעהן. אַ קונה אויף אַ האַלבען רובעל און מעהר, האָט מעהר ניט געטראָפען ווי אין די צוויי טעג: דאָנערשטאָג און פרייטאָג, די שכנ׳ישע ווייבער פלעגען איינקויפען אויף שבת מעהל, הויוועז אויף חלה, קאשע אויף צאַלענט, ציקאָריע, א שטיקעל צוקער אויף טרינקען שבת פריה, ליכט אויף בענשען און ד״ג. די באַדערפעניש פון אַ ליטווישע פאַמילע ניט קיין רייכע לכבוד שבת, דאַן איז געווען דער פדיון ניט שלעכט, מען פלעגט לייזען אויף באַצאַהלען דעם וואָכערניק פראָצענט, מיט א פּאָר רובעל פון קרן, פאַר די געלט, וועלכע מיר האָבען געליהען אויף מאַכען די קרעמעל, און איינקויפען אביסעל סחורה.

אַט אזוי האָט זיך געלעבט! צופרידען זיין מיט אזא סאָרט לעבען האָט מען ניט געקענט, נאָר מאַכען בעסער אויך ניט געקענט. מיר האָבעןביידע געאַרבייט אַריבער אונזערע כוחות און געלעבט אין דחקות. פאַר מיר זעלבסט האָט ניט געקימערט שטאַרק, איך בין געוואוינט געוואָרען צו ליידען. דעם ישיבה־בחור׳ם לעבענס־וועג איז קיין מאָל מיט בלומען ניט פאַרשפרייט געווען. נאָר מיין הארץ האָט געוועהייטאָגט פאַר מיין פרוי. זי איז נאָך געווען אַ יונג קינד, זי האָט זיך ערצויגען ביי איהר מוטער זעהר ציטעריג אויף אַלעם גוטען,

און איצט ערשט נאָך איהר הייראַט אַ יאָהר און אַ האַלב, באַדאַרף זי אַזוי שטאַרק אַרבייטען און לעבען אַזאַ סאָרט לעבען!(*

מיינע געדאַנקען האָבען מיר רוהען ניט געלאָזען, אַלס געקלערט ווי אַרויסצוקריכען פון דעם שפל המצב, איך זאָל קענען לעבען אַביסעל מעהר לייטיש.

12
איך האָב פאַרלאָזען מיין פאַמיליע, מיינע אוראָקעס מיט דער קרעמעל, און אַוועק פון דער היים

פאַרהאַנען פיעלע מאָל, וואָס קומט פאָר אין דעם מענשען׳ס לעבען אומגעריכט, וואָס מאַכט אַן ענדערונג אין זיין גאַנצען לעבען, סאַי צום גוטען און סאַי צום שלעכטען, אַזאַ טרעפונג, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געטראַכט וועגען דעם און קיין מאָל איהם אין זינען ניט געלעגען. דער מענש ווערט געפיהרט פון זיין שיקזאַל בלינדערהייד. מיט מיר האָט אויך געטראָפען אַזעלכעס, וואָס מיר איז קיין מאָל אויף מיין זינען ניט אַרויף, אַז איך זאָל פאַרלאָזען מיין היים. נאָר אַ צופאַל איז געווען, אַז דאָס האָט יע געטראָפען.

*) מען דערצעהלט: — אמאָל איז געקומען אַ קליין שטעדטעלדיגער רב צו ר׳ אייזעל חריף (אַ באַוואוסטער גאון, אַ וויצלער) ער האָט איהם געבראַכט צוויי ספרים וואָס ער האָט אָנגעשריבען אויף ספר איוב און ספר משלי און געבעטען רבי אייזלען ער זאָל איהם געבען אַן הסכמה אויף זיי. האָט איהם ר׳ אייזעל געגעבען אויף ספר איוב, און אויף משלי ניט. פרעגט איהם דער רב, וואָרום גיט ער איהם ניט אויף משלי? זאָגט ר׳ אייזעל — פאַרשטעהסט איהר, איוב האָט געהאַט אַפולע צרות איז ער געוואוינט דערצו, האָט ער נאָך אַ צרה! אָבער משלי, דאָס האָט געשריבען שלמה המלך, ער האָט פון צרות ניט געוואוסט, אויף איהם איז אַ רחמנות, לאָזט איהם צורות!

אן ערך האלב חודש תמוז אין דעם זעלבען יאָהר איז געקומען צו אונז מיין ערשטע פרוי'ס אַ ברודער, אַ יונגערמאַן אַ חזן יעק' שאַץ, מיט זיינעם אַ חבר אויך אַ חזן וואל' גלאז. ביידע האָבען אַמאָל געזונגען ביי דעם גרויסען חזן „ירוחם הקטן" פון באַרדיט'. זיי האָבען גענומען איינרעדען מיך, — אַז איך זאָל אַוועקוואַרפען די אורטקעס מיינע, און פאָהרען מיט זיי אין מאַלי־ראָסיע, דאָרטען וועלען מיר אלע קריגען גוטע שטעלעס, זיי אויף חזנות און איך פאַר אַ שוחט. אפילו ווען מיר וועט אויסקומען זיין אַ מלמד, איז דאָרטען צעהן מאָל בעסער, וואָס אין ליטא פאַרדינט אַ מלמד אין אַ האַלב יאָהר, פאַרדינט אין מאַלי־ראָסיע א מלמד אין א חודש. און אויף הוצאות הדרך באַדאַרף איך ניט זאָרגען, זיי וועלען מיך אויסהאַלטען מיט אלס, זיי וועלען פאַרדינען פאָהרענדיג פון זייערע חזנות.

מיר איז דער פלאַן געפעלן געוואָרען. פיליכט וועל איך מיט דער צייט עפּעס בעסערס דערגרייכען. דאָ זיצענדיג איז קיין האָפענונג ניטאָ אויף בעסערס. איך האָב דאָס פאָרגע־לייגט פאַר מיין פרוי, האָט זי פריהער ניט מסכים געווען, נאָר אַז זי האָט געזעהען אַז מיר געפעלט דאָס, האָט זי געזאָגט — טהו ווי דו פאַרשטעהסט.

באַלד פאָהרען האָב איך ניט געקענט, ווייל מיט אַ פּאָר וואָכען בעפאָר איז געשטאָרבען מיין פאָטער יעקב מאיר ע"ה, האָב איך געוואָלט זיין אין דער היים איבער שלשים, זאָגען קדיש, וואָס אין וועג איז אוממעגליך.

אין א פּאָר וואָכען ארום האָב איך זיך געזעגענט מיט מיין פרוי און קינדער און אַוועק מיט די חזנים זוכען גליקען.

מיין לוסט דערצו האָט פאַרבלענדט מיינע אויגען און פאַרפיהרט מיין האַרץ, איך זאָל ניט זעהן און ניט טראַכטען, וואָס איך טהו, לאָזען אָהן הילף אַ שוואַכע יונגע פרוי, זי זאָל מפרנס זיין אַ גאַנצע פאַמילע, פון דער קליין קרעמעל. איך האָב דאַן ניט באַרעכענט די אומרעכט וואָס איך טהו. און איך בין פרעהליך אוועק מיט די חזנים כאַפּען גליקען.

אז מיר זיינען אָפּגעפאָהרען עטליכע סטאַנציעס, זיצענדיג אין וואַגאָן, אַביסעל זיך בארוהיגט, האָב איך גענומען באַטראַכטען, וואָס איך האָב דאָ געטהאָן? דאָס איז דאָך א גרויסער פאַרברעכען! מיין הארץ האָט מיר גענומען רייסען. מיין געוויסען, מיין הרטה האָט מיר ניט געלאָזען רוהען. האָב איך געזאָגט מיינע הזנים, — אז איך האָב בדעה צו פאָהרען צוריק אַהיים, האָבען זיי פון מיר געמאַכט אַ גרויסען געלעכטער. — וואָס הייסט? דו האָסט זיך פון זינען גערירט? דאָס טהוסטו דאָך פון איהר טובה וועגען. איהר זאָל שפּעטער גוט זיין. וואָס וועסטו דערלעבען דאָרטען פון דיינע מלמדות און פון איהר קרעמעל? זי וועט אַביסעל איבערליידען, דערפאַר וועט אייך נאָכדעם זיין גוט. דאָס זעלבע טהוען מיר אויך, און אַזוי טהוען אַלע.

זיי האָבען אַזוי לאַנג איינגערעדט, ביז איך בין אַביסעל פרעהליכער געוואָרען און מיר זיינען אָנגעקומען קיין „האָמליע”.

שבת האָבען זיי געדאַוועט אין פאַרשיידענע שוהלען און פאַרדינט עטליכע רובעל, איז געוואָרען אַביסעל לעבעדיגער. עפּעס מען פאַרדינט דאָך געלט, און אַלע וואָך איז דאָך דאָ אַ שבת. עס וועט זיין גוט!

אויף דעם שבת, וואָס מען האָט געבענשט ר"ח אלול, האָבען זיי געדאַוועט אין אַ שטעדטעל אין טשערניגעווער גובערניע. מיין שוואָגער יעקב שפּץ האָט אויסגענומען מיט זיין דאַווענען, האָט מען איהם פאַרהאַלטען פאַר אַ חזן אויף ימים נוראים, און ער איז שוין דאָרטען פאַרבליבען. בין איך שוין געבליבען מעהר ניט מיט איין חזן, איז אונזער חוט המשולש דער דריי-בונד צוריסען געוואָרען. האָב איך גענומען קלערען, וואָס וועט זיין, אַז מען וועט ביי מיר אָפּנעמען דעם לעצטען חזן אויך, וואָס וועל איך דאַמאָלסט טהאָן? נאָר וואָס האָב איך געקענט בעסער מאַכען? איך בין שוין צו ווייט פאַרפאָהרען. און כך הוה, אַזוי איז טאַקע געוועזן, אַז אויף דעם

צווייטען שבת האָט מען ביי מיר, אין אַן אַנדער שטעדטעל, צוגענומען דעם צווייטען חזן.

איך האָב געגומען רעדען מיט מיין לעצטען חזן — זאָג מיר, וואָס טהו איך איצט? העלפען דיר זינגען קען איך ניט, זאָל איך איצט פאָהרען צוריק אַהיים?

האָט ער מיר געזאָגט—אַז איך זאָל פון דאַנעט פאָהרען אין קרעמענטשוג, ער וועט מיר געבען אַ בריף צו זיינעם אַ פריינד דאָרטען זאָל איך וואַרטען אויף איהם ביז נאָך יום כפור, דאַן וועט ער קומען מיט געלט וועלן מיר ביידע מאַכען מסחר.

איך האָב געמוזט מרוצה ווערען, פאָהרען אַהיים? האָב איך זיך געשעמט. ער האָט מיר געגעבען עטליכע רובעל און איך בין אוועק אליין, אָהן חזנים. דאָס איז געווען ניט וויים פון דער שטאָדט לאָיעוו.

13
ראש השנה אין לאָיעוו ביים גוטען אידען

אַז איך בין געקומען מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק אויפ'ן וואָגזאַל, שטעה איך און קלער וואוהין פאָהרט מען? פאָהרען אַהיים, איז דאָך ניטאָ וואָס צו טראַכטען וועגען דעם, איך וועל דאָך ניט קענען ווייזען זיך פאַר מענשען, מען וועט דאָך פון מיר חוזק מאַכען. פאָהרען גלייך אין קרעמענטשוג, וואָס וועל איך זיצען ביי אַ פרעמדען מענשען אַזאַ לאַנגע צייט?

ווי איך שטעה אַזוי און טראַכט, געהט צו צו מיר אַ אידעל און פרעגט מיך:

— יונגערמאַן, וואוהין פאָהרט איהר, פילייכט צום רבי'ן אויף יום טוב? איך פאָהר אויך, וועלען מיר פאָהרען צוזאַמען.

האָב איך בעת מעשה אַ טראַכט געטהאָן, אפשר איז טאַקע כדאי איך זאָל פאָהרען צום רבי'ן? צייט האָב איך, נו, מיר אַמאָל זעהן, וואָס באַטייט אַ גוטער איד? בין איך מיט דעם אידען געפאָהרען קיין לאָיעוו.

אין לאַיעוו איז דער איד אַוועק צו זיינעם אַ פריינד און איך אויף אַן אכסניא. דאָס איז געווען פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג. איך האָב זיך גרייט געמאַכט געהן צום רבי׳ן. איך האָב ניט געוואוסט ווי געהט מען אַריין צו אַ רבי׳ן, נאָר פרעגען דעם בעל־אכסניא האָט ניט געפּאַסט, ער זאָל ניט וויסען, וואָס איך בין אַ מתנגד. ניט פרעגענדיג בין איך אַוועק, און אַרויף צום רבי׳ן אויפ׳ן הויף. פאַרוואונדערט בין איך געוואָרען, אַז איך האָב דערזעהן דעם הויף. איך האָב געמיינט, אַז אַ גוטער איד וואוינט אין אַ הויז ווי אַלע רבנים. ערשט עס איז גאָר ניט דאָס. דער הויף איז ווי פון אַ גרויסען גוט באַזיצער, פון אַ רייכען פּריץ. גאַנצע פּאַלאַצען, סטאַניעס פאַר פערד, קאַרעטען, ליאַדניקעס, קעלערס, שפּייכלערס. ווי איך בין געשטאַנען פאַרוואונדערט, האָב איך דערזעהן אַ יונגען מאַן געהט, געווען רייך געקליידט אין אַ שעהנעם זיידענעם שלאַפראָק, אַ שטריימעלע אויפ׳ן קאָפּ און שיכעלאַך מיט ווייסע זאָקען, אַ הויכער, אַ דיקער, מיט אַ קלאָרען ווייסען פּנים, אַ שוואַרצע בערדעל מיט לאַנגע פאַרגרייזעלטע פאות, און געהט זיך אַזוי לאַנגזאַם. האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז דער רבי בכבודו ובעצמו. ער האָט מיך גאַרנישט געפרעגט, האָב איך קיין העזה ניט געהאַט צו געהן צו איהם, און איך בין אַריין אין הויז.

אַז איך בין אַריין אין הויז, דערזעהן ווי דער צימער איז גרויס אָהן אַ שיעור, און שטעהען לאַנגע טישען, האָב איך געמיינט אַז דאָס מוז זיין אַ ישיבה, וואו דער רבי לערענט מיט תלמידים. האָב איך אָבער דערזעהן אַז אויף די טישען ליגען ניט קיין ספרים, נאָר עס שטעהען גרויע זילבערנע מנורות אָנגעשטעקט מיט סטרין ליכט. האָב איך געמיינט אַז דאָס גרייט מען זיך אויף אַ חופּה וועטשערע, האָב איך אָבער געזעהן, אַז אין אַ ווינקעל שטעהט אַן עמוד וואו דער חזן דאַווענט און נעבען עמוד אַן ארון קודש, מיט פּרוכת. איך האָב דערזעהן נאָכדעם עטליכע מענשען, אויך אין שיכעלאַך מיט ווייסע

זאקען און גארטלען אויף זייערע לאנגע קאפאטעס זיינען אומגעגאנגען אין זאל הין און צוריק, איך האב פארשטאנען, אז דאס איז דער זאל וואו מען דאווענט, און דא עסט מען, און דא פראוועט מען חסידות!

איך האב געפרעגט ביי איינעם: — וואו געהט מען דא אריין צום רבי׳ן? האט ער אויף מיר א בליק געטהאן מיט א וואונדער, וואס איך פרעג, און ווייס ניט וואו דער רבי זיצט. נאר ער האט מיר אנגעוויזען די טהיר פון צימער, וואו דער רבי זיצט.

ווי איך האב אן עפען געטהאן די טהיר און דערזעהן ווי דער רבי זיצט אויף א גרויסען שטול נעבען א טיש איבער א חומש און זאגט תרגום, כאטש איך בין א מתנגד מלידה ומבטן (א געבוירענער מנתנגד), בין איך זיך מודה, אז איך האב דערזעהן דעם רבי, האט ער געשיינט ווי חסידים זאגען כמלאך ד׳ צבאות. זיין ליכטיגער פנים, זיין שעהנע לאנגע בארד, מיט די זילבערנע פעדים, די געגרייזעלטע פאות און זיין סייבעלנע שטריימעל האבען איהם צוגעגעבען חן און יראת הרוממות און ס׳איז קענטיג אז דאס איז א מענש א גייסטליכער, ניט קיין פראסטער בשר ודם.

מיט גרויס דרך ארץ און מיט יראת הכבוד בין איך צו־געגנאנגען צו איהם און געגעבען איהם שלום, (דאס האב איך געוואוסט, אז מ׳דארף דעם רבי׳ן געבן פריהער שלום). ער האט מיך געפרעגט:

— מאין באת ולאן אתה הולך. פון וואנען קומסטו, און וואוהין געהסטו? ומה מלאכתך. און וואס איז דיין ארבייט?

האב איך איהם אין קורצען דערצעהלט, ווי יונה הנביא האט געענטפערט: „עברי אנוכי", איך בין א איד, א נע ונד׳ניק, — ואת אלקים אני ירא, — איך בין א שוחט, א שוחט דארף זיין א ירא אלקים.

דער רבי האט דא פארשטאנען, אז ער האט צו טאהן מיט א מענשען, וואס ווייס די שווארצע פינטלעך, האט ער מיך

פאַרבעטען, איך זאָל ביי איהם זיך אָפּשטעלען איבער ראש השנה. איך האָב איהם באַדאַנקט און אַרויס פון זיין חדר, כמעט אַהינטער געגאַנגען, ווי מען שטעהט אויס שמונה־עשרה.

14

שבת ביים רבי'ס טיש

אין אַ שטונדע אַרום האָבען זיך צוזאַמען געקליבען אַ גרויסער עולם, אַלע אורחים. רייך געקליידעטע און אָרעמע, יונגע און אַלטע. מען האָט מקבל שבת געווען. דער רבי איז געזעסען אין זיין חדר ניט מיט דעם עולם צוזאַמען. נאָך „עלינו" האָט דער רבי געעפענט זיין צימער און געשטעלט זיך אין טהיר. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צום טהיר. מען האָט געשטופּט איינער דעם צווייטען. יעדער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע זאָגען דעם רבי'ן „גוט שבת"! דער רבי האָט יעדען געענטפערט מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

באַלד זיינען אַלע געגאַנגען וואַשען זיך צום עסען, און צו־זעצט זיך ארום די לאַנגע טישען. דער רבי האָט זיך געזעצט אויבען־אָן און געזאָגט „שלום עליכם" מיט אַזאַ ליעבלעכע, זיסע שטימע האָט ער גענומען רופען די מלאכים. עס איז גאָר אומגלויביג, אז די מלאכים זיינען ניט געקומען צו זיין רוף! נאָכדעם האָט ער קידוש געמאַכט אויפ'ן קול מיט אַ זי־סען ניגון אויף אַ גרויסען גאָלדענעם בעכער וויין.

אַז דער רבי האָט געענדיגט קידוש האָט זיך דער עולם אַ נעם געטהאָן עסען זייערע חלה'לאַך (יעדער האָט געהאַט נעבען זיך אַ קליין חלה'לע). דער שמש האָט דערלאַנגט דעם רבי'ן אַ זילבערנעם קרוג מיט וואַסער, און אַ זילבערנעם טאַץ. דער רבי האָט זיך געוואַשען, געזאָגט „שאו ידיכם" אויפ'ן קול אויפהויבענדיג די הענט און געמאַכט „המוציא" איבער אַ גרוי־סע חלה, וואָס נעבען איהר זיינען געלעגען נאָך עלף קליינע

חלה׳לאך, שנים עשרה חלות, צוועלף חלות, ווי דער צאָהל פון „לחם הפנים". א ביס געטהאָן זיין המוציא, און די גאַנצע חלה די גרויסע צושניטען אויף קליינע שטיקעלאך און אַ שטופּ געהטאָן זיי צום עולם. איז געוואָרען אַ מין כאַפּעניש, מען איז געקראָכען איבער די קעפּ, אַזאַ כאַפּעניש איז געווען מיט די פיש און מיט די פלייש, אפילו מיט די לאָקשען. דער רבי האָט פאַרזוכט פון יעדער זאַך צו שטיקלאַך און געלאָזען שירייים פאַר זיינע חסידים. א כאַפּעניש א גרויסע ביתר שאת, איז געווען צום „צימעס", טעלער זיינען צובראָכען געוואָרען, ווייל צום צימעס זיינען אָנגעקומען שטאָדטישע איינוואוינער און האָבען אויך צוגעלייגט אַ האַנט כאַפּען די שירים וכל המרבה צו כאַפּען הרי זה משובח. איך האָב אויך געמוזט כאַפּען, מען זאָל מיך ניט דערקענען, אַז איך בין אַ מתנגד.

מען האָט געזונגען זמירות, מיט התלהבות, קולות, אַז די ווענט האָבען געציטערט. אָפּגעפּראַוועט די עבודה און דער עולם איז אַוועק צופרידען אַהיים.

שבת פריה נאָכ׳ן דאַווענען, איז אויך צוגעגאַנגען דער טיש מיט די שירים ווי ביי נאַכט און נאָך מיט מעהר ברען, ווייל עס איז שוין געווען אַריינגעמישט עטליכע צעהנדליג פלע־שער וויין. מען האָט געטרונקען מעהר ווי צום „סדר", מעהר ווי אַרבע כוסות. מען האָט געזונגען זמירות, אַזוי חסידישע ניגונים. ס׳איז געווען פרעהליך, לעבעדיג, ניט ווי ביי די פּאַראומערטע, פאַרטרויערטע מתנגדים. חסידים דינען ניט גאָט מיט עצבות, מיט געוויין, נאָר מיט שמחה, מיט ריקודים, מיט טענץ, מיט געזאַנג, מיט עסען, מיט טרינקען. אין אַלץ ליגט אַ הייליגקייט. דעם רבי׳ס טיש איז גלייך ווי אַ מזבח, און דער עסען און טרינקען, איז ווי קרבנות.

איך האָב א פרעג געטהאָן ביי א חסיד, וואָס איז געזעסען נעבען מיר, — ווארום זאָגט דער רבי קיין תורה ניט ווי ביי די ליבאַוויטשער חסידים? — האָט ער מיר געענטפערט מיט כעס — זאָלען זאָגען תורה די וואָס ווייסען ניט דעם סוד, וואָס

באַטייט דער טיש פון אַ צדיק. איך האָב אַ קלער געטהאָן, בעת מעשה, אַז איך ווייס יע דעם „סוד", וואָס זיי זאָגען קיין תורה ניט, גאָר פשוט, ווייל זיי קענען ניט.

דער שלש סעודות איז געפּראַוועט געוואָרען אויף אן אנ־דער אופן. קיין שירים איז ניט געווען, ווייל אויפ׳ן טיש איז געווען „קדחת", האָט דער רבי ניט געוואָלט פאַרזוכען דערפון. עטליכע צושניטענע ליטווישע הערינג מיט ציבעלעס. דערפאַר אָבער איז געווען זמירות אַ סך פון אַלע מינים און ניגונים אַלערליי, פרעהליכע, אומעטיגע. מ׳האָט געזונגען מיט התלהבות, ביז עס אז געוואָרען גוט פינסטער.

זעהר אַ גוטען איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר יענער אָבענד, זעהענדיג מיט וואָס פאר א התלהבות, מיט וואָס א באַ־גייסטערונג זיי האָבען פאַרבראַכט די צייט. איך האָב דאָן מקנא געווען דעם אמת׳ן, גלויביגען חסיד, זיין התפשטות הגשמיות, ער ווערט נשמה׳דיג און פליהט אין די הויכע, אמת׳ע וועלטען, נאָהענט צום רבש"ע, דאַ זיצענדיג נעבען צדיק.

הער ווייס, וואָס מיט מיר וואָלט געוואָרען, ווען איך וואָלט יענעם אָוועגד אָפּגעפאָהרען פון דאָרטען? און איך וואָלט בלייבען מיט דעם איינדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט דער פיהרונג פון דעם גאַנצען שבת, און איבערהויפּט דער שלש סעודות. איך וואָלט פיליכט געוואָרען דער אמת׳ער גלויבי־גער חסיד. אָבער זיצענדיג איבער ראש השנה, און געזעהן זייער גאַנצען פיהרונג, האָב איך געביטען מיין מיינונג, און פאַרבליבען דער זעלבער מתנגד, ווי איך בין געווען!

15

מוצאי שבת, די פדיונות און די בקשות

נאָך הבדלה איז דער רבי אַוועק אין זיין חדר מיוחד, און אַ גבאי האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען זיין טהיר, ווי דער מלאך ביים טהיר פון גן עדן מיט׳ן חרב-המתהפכת, ניט אַריינ־לאָזען אַהין אָהן זיין ערלויבעניש.

אין דעם חדר איז ער געזעסען צו נעמען די בקשות פון יעדען חסיד אָדער חסידה, וועלכע נויטיגען זיך אין זיין הילף, צי אַ ברכה, צי אַן עצה, וואָרים ער מיט זיינע תפלות היילט אַלע צובראָכענע הערצער, מיט זיינע קלוגע עצות פיהרט ער אויף׳ן גלייכען וועג. יעדער וואָס געהט אַריין צו איהם מיט אַן אומעטיגען פנים, געהט אַרויס פרעהליך, צופרי־דען, מיט׳ן צדיק׳ס צוזאָג. ער גיט אָפּ אַ פּדיון דעם רבי׳ן פיעל ער פאַרמאָגט, און דער רבי איז איהם מבטיח, אַז ער וועט געהאָלפען ווערען. און פיעל מאָל ווערט מען טאַקע געהאָלפען, ווייל די אמונה, וואָס מען האָט, דאָס העלפט זעהר פיעל צו באַ־רוהיגען, און מען ווערט דער מיט געהאָלפען!

די בקשה מוז יעדער ברענגען געשריבען אויף אַ קוויטעל, און מוז אונטערשרייבען זיין נאָמען און זיין מוטער׳ס נאָמען, כדומה „פלוני בן פלונית" (פאַרוואָס דוקא דער מוטער׳ס נאָמען, און ניט דעם פאָטער׳ס? מסתמא איז פאַראַן אַ סוד אין דעם על פּי חסידות). דעם קוויטעל שרייבט דער גבאי ראשון, דאָס איז זיין הכנסה. מיט דעם קוויטעל קומט מען צום טהיר. דאָרטען שטעהט דער גבאי שני, דאַרף מען אויך אַריין רוקען אין יד, ווי ניט לאָזט ער ניט אַריין. ער איז דער שומר הפתח. ער לאָזט דורך איינציג-ווייז ווי די שעפּע־לאָך ביים צעהלען אָפּנעמען פון זיי מעשר, און דער גבאי איז

שוין קלאָר אין חכמת־הפרצוף. ער גיט אַ בליק, ווייס ער באַלד, וואו ער קען נעמען מעהר, לאָזט ער איהם אַריין פריהער. במילא קומט אוים דעם אָרימאַן זיין פון די לעצטע.

אַז איך בין צוגעגאַנגען צום גבאי שרייבען דעם קוויטעל, פרעגט ער מיך: — ווי מען רופט מיך און מיין מוטער? און וואָס פאַרלאַנג איך צו שרייבען אין מיין בקשה? האָב איך איהם געזאָגט — אַז ער באַדאַרף זיך ניט באַמיהען, איך וועל אַליין אָנשרייבען. ער האָט אויף מיר ברוגז אַ קוק געטהאָן, פאַר מיין הוצפּה, וואָס איך רעד אַזוי, נאָר ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, און האָט מיר געגעבען אַ פען מיט פּאַפּיר.

איך נעם שרייבען, איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך בעטען? דאָס וואָס איך דאַרף, וועט דאָך דער רבי מיר ניט געבען. גענוג וועט זיין, אַז מיר וועלען דורכקומען גלייך אויף גלייך, מיר ניט, דיר ניט. האָב איך אָנגעשריבען — אַז איך בעט אַן עצה פון איהם, ער זאָל מיר זאָגען צי זאָל איך פאָהרען אַהיים אָדער פאָהרען ווייטער?

אַריין בין איך צום רבי'ן כמעט דער לעצטער (ווייל איך האָב ערגעץ ניט געשמירט). דער רבי האָט מיך צוגענומען פריינדליך, ער האָט שוין גוט פארשטאַנען, אז ער האָט דאָ צו טאָהן מיט אַן אָרעמען לערנער, אַ מתנגד. ער האָט מיר אַן עצה געגעבען, איך זאָל פאָהרען ווייטער, און האָט מיך געבענשט, אַז גאָט זאָל מצליח זיין מיין וועג. איך בין אוועק צופרידען, באַדאַנקט איהם שטאַרק, פאַר זיין אויפנעמען מיך!

16
#ביידע טעג ראש השנה און צום תשל״ד

זונטאָג נאָך האַלבען טאָג בין איך געגאַנגען זעהן, וואָס טהוט זיך ביים רבי'ן אין הויף? דאָרטען האָט גע'רעש'ט ווי אויף אַ יאריד. מענשען לויפען הין און צוריק מיט איילעניש, ווער אין מרחץ, ווער פון מרחץ, געבאָדענע, גע'טובל'טע, פאַר־שוויצטע. איך האָב אַ קלער געטהאָן — אַז מיר וועט דאָס אויך קיין שאַדען ניט טהאָן, בין איך געוואָרען אַ הייסער חסיד און אַריין אין דער הייסער שוויין־באָד. איך וואָלט אַרוים פון דאָרטען גאַנץ ריין, ווען איך וואָלט זיך ניט גע'טובל'ט נאָכדעם אין מקוה, וואו הונדערטער חסידים האָבען זיך גע'־טובל'ט, וואָס אַנדערע מהדרים האָבען זיך געטוקט ווי די קאַטשקעס צו „ש״י״ טבילות.

צו מעריב האָט מען געדאַווענט אַזוי ווי פרייטאָג צו נאַכט די חסידים אין זאַל און דער רבי אין זיין חדר מיוחד. נאָך „עלינו״ האָט זיך דער עולם א לאָז געטהאָן צום טהיר פון רבי'ס חדר, נאָך מיט מעהר איילעניש ווי פרייטאָג צו נאַכט, ווייל דאַן איז מען געלאָפען כאַפּען „אַ גוט שבת״ און איצט אַ „גוט יאָהר״.

דער טיש איז צוגעגאנגען דאָס זעלבע ווי פרייטאָג צו נאַכט. ביי מיר איז שוין דאָס געוואָרען אַביסעל וואָכענדיגער, אַט ווי דער אַנדער סדר, נאָך אַמאָל „אודך״. נאָר דער גאַנ־צער עולם האָבען געהאַט התפעלות הנפש און האָבען געלעקט די פינגער פון די שירים, ווי זיי וואָלטען דאָס געכאַפּט צום ערשטען מאָל. אַזוי ווי די חסידישע מעשה'לאַך, וואָס ווערען דערצעהלט צעהן מאָל דאָס זעלבע, און די צוהערער די חסידים הערען זיך איין מיט גרויס התפעלות, ווי זיי וואָלטען דאָס הערען דעם ערשטען מאָל!

דעם ערשטען טאָג ראש השנה בין איך געקומען אין שוהל פריה זיבען אזייגער. איך האָב גערעכענט אז דאָס איז אביסעל צו שפּעט. ערשט, ווער, וואָס? עס איז נאָך אַ פּוס פון אַ הסיד ניט געוועז. ערשט נאָך ניין דעם זייגער האָט זיך גענומען קלייבען דער עולם. איך בין געזעסען אין שרעק. מ׳וועט אודאי אָפּדאַווענען פאַר נאַכט, אַז מ׳שטעלט זיך אַזוי שפּעט דאַווענען. און איך בין נאָך ניכטער געוועז, געאיילט זיך לויפען וואָס גיכער אין שוהל. נאָר אומזיסט איז געוועז מיין שרעק. דער בעל שחרית האָט אַ געשריי געטהאָן „הודו" (ער איז געוועז דער אַנהויבער אויך) און האָט אַ מאָהל געטהאָן גיך ווי אַ ווינט מיהל, אַז דער שחרית מיט קריאת התורה צוזאַמען האָט געווערט אַ שטונדע און אַ האַלב. עלף דעם זייגער האָט מען זיך גענומען גרייטען צו תקיעות שופר. דער רבי איז פון זיין חדר אַריין זאַל, האָט זיך געשטעלט נעבען בימה (אַ טיש). דאָרטען האָט מען אַוועק געלייגט אַלע קוויט־לאַך פון די בקשות, וואָס מען האָט שבת ביי נאַכט דערלאַנגט דעם רבי׳ן. דער רבי האָט זיך איבערגעדעקט מיט׳ן טלית אי־בער׳ן קאָפּ, גענומען די קוויטלאַך צו זיך. אַז צו תקיעות שופר זאָל ער קענען זיי מעלה זיין גלייך צום כסא הכבוד. איך ווייס ניט, צי האָט ער דאָס איבערגעגעבען צו די מלאכים, וואָס זיינען אויפגענומען אויף די תקיעות, זיי זאָלען דאָס איבער־געבען, אָדער ער האָט דאָס אַליין אָהן שתדלנים דערלאַנגט אויפ׳ן אָרט, פאַר איהם זיינען אָפען אַלע שערי רחמים, דעם סוד ווייס קיינער ניט (נאָר ער אַליין), נאָר אַלע זיינען געווען זיכער, אַז זייערע בקשות וועלען אָנקומען אויפ׳ן אָרט.

גליקליך זייט איהר הסידישע אידען! אייך איז פאַר־שפּאָרט צו וויינען און קלאָגען בעטען ביים רבש"ע אַ גוט יאָר, אַזוי ווי די מתנגדים טהוען. איהר זייט זיכער אַז דער צדיק וועט פאַר אייך אַלץ פועל זיין. אַך, ווי גוט דאָס איז! ווען מען האָט ווער עס זאָל מיך באַזאָרגען!

17
„צום תשליך"

אזייגער צוויי האָט מען געענדיגט דעם דאַווענען. קיין טיש האָט דער רבי דעם ערשטען טאָג ראש השנה ניט גע־פּראַוועט. מ׳האָט גיך אָפּגעגעסען, און באַלד געדאַוועט מנחה.

אזייגער פיער האָט זיך גענומען קלייבען דער עולם. אויך אַלע איינוואוינער פון שטעדטעל גרויס און קליין זיינען געקו־מען געהן צום תשליך צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן. דער הויף, ווי ער איז גרויס, איז ער פול געוואָרען מיט מענשען. דער עולם איז געשטאַנען געפּרעסט צוזאַמען ווי אַ וואַנט. עס האָט גע־טומעלט, גע׳רעש׳ט. עס איז געווען היציגע חסידים, וואָס האָבען מיט זייערע עלענבויגענס געוואָלט מאַכען זיך אַ וועג צוגעהן נעהענטער צום טהיר פון רבי׳ס חדר (דער חדר האָט געהאַט אַ טהיר צום הויף) און האָבען זיך געשטופּט מיט אַלע כחות. עס האָט זיי אָבער ניט געהאָלפען ברעכען די לעבעדיגע וואַנט, און זיי זיינען פאַרבליבען שטעהן אויף זייער אָרט. אַלע זיינען געשטאַנען אָנגעשטרענגט מיט פאַררייסענע קעפּ, געקוקט ווען וועט זיך עפענען דעם רבי׳ס טהיר. איך בין אויך געווען אַ ציגעל פון יענער וואַנט. איך בין אויך געשטאַ־נען אַ צוגעדריקטער, מיט אַ פאַררייסענער קאָפּ, אויך אָנגע־שטרענגט די אויגען קוקען ווי דער רבי וועט אַרויס פון טהיר.

מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרען ווי אויף אַ בית-עולם, און די לעבעדיגע וואַנט האָט זיך אַ בויג-געטהאָן צום טהיר. די טהיר האָט זיך געעפענט, דער רבי האָט זיך געוויזען. אַלע פון נייגעריגקייט האָבען די מיילער צועפענט. דער רבי איז געווען אָנגעטהאָן אין אַן אַטלעסענע אַ לאַנגע קאַפּאָטע, פאַר־גאַרטעלט מיט אַ זיידענעם גאַרטעל, מיט אַ סויבעלנע שטריי־מעל אויפ׳ן קאָפּ. אַרויס לאַנגזאַם פון הויז, נאָך איהם זיינען

געגאַנגען זיין גאַנצע סוויטע. דער אײדעם זיין ממלא מקומו, אויך אָנגעטהאָן אין פאַרגלייך ווי דער רבי, דערנאָך דער זוהן (אַ בחור) מיט זיין מלמד, די גבאים אַלע כסדרם, און די שמשים זיינען געגאַנגען אַפריהער געשריען — „פנו דרך", געמאַכט אַ וועג, פאַראַנאַדערגעריסען די וואַנט. דער עולם האָט זיך צושפּאָלטען אויף צווייען, ווי אַמאָל דער ים פאַר די אידען, און ער מיט זיין גאַנצער סוויטע זיינען געגאַנגען אין מיטען. ביז וואַנען מען איז אַרויס פון הויף.

אויף דער גאַס האָט זיך דער עולם צוטיילט אין פיער זייטען און דער רבי אין מיטען ווי אין דער מדבר די דגלים, און אין מיטען דער ארון מיט די כהנים. דער עולם איז גע־גאַנגען המון הוגג, ברומענדיג, טאַנצענדיג, ביז מען איז צוגע־קומען צום טייך דניעפּער. הים ראה וינס, דער דניעפּער האָט דערזעהן ווי דער רבי מיט חסידים געהען, האָט ער זיך אָנ־געהויבען וואַרפען, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען אַנטלויפען. איך ווייס ניט צי דאָס איז געווען פון צופרידענהייט, געבען דעם רבי'ן מיט די חסידים אַ שעהנעם „קבלת פנים" אָדער אין גע־גענטייל ער איז אומצופרידען געווען, וואָס אַלע חסידים געהען אַריינוואַרפען אין איהם זייערע זינד, וואָס האָבען אָנ־געקליעבן דעם גאַנצען יאָהר? נאָר פון זיין וואַרפען זיך, און פון די שוים, וואָס האָט זיך געוויזען ביי די ברעגען, איז קענטיג געווען, אַז ער איז אין כעס געווען, וואָס ער דאַרף אָוועקגעטראָגען אלעמענס עבירות. נאָר באמת, אויב ער איז ברוגז געווען, איז ער אומגערעכט אז דער שעיר העזאזל, אַזאַ קליין ציגעלע האָט געטראָגען אויף זיך די זינד פון אַלע אידען און דו, גרויסער און שטאַרקער, רוישענדיגער דניעפּער, קענ־סטו ניט פאַרטראָגען די זינד פון די עטליכע חסידים פון לאָיע־ווער רבי'ן? דו באַדאַרפסט וויסען, אַז אַזוי פיהרט זיך די וועלט. עס טרעפט זעהר אָפט וואָס איינער זינדיגט, און אַ צווייטער טראָגט יענעמ'ס עבירות! אַזוי האָט זיך געפיהרט, און פיהרט זיך איצט און עס וועט זיך פיהרען.

דער גאַנצער עולם האָבען זיך צושטעלט נעבען ברעג טייך. דער עולם האָט ניט געזאָגט, מען איז יוצא מיט דעם רבי'ס זאָגען. נאָר ווי דער רבי האָט אָפּגעזאָגט און אָפּגעטרייסעלט די פאָלעס פון זיין מאַנטעל, האָבען אלע חסידים גענומען טרייסלען די פאָלעס פון זייערע קאַפּאָטעס. עס איז געוואָרען אַ רעש „מקול כנפי החיות״. מען האָט אויסגעטרייסעלט די קעשענס, הפנים זיי האָבען געוואוסט, אַז זייערע קעשענעס זיינען אויך ניט ריין פון זינד. דער דניעפּער האָט איינגעשלונגען זייערע עבירות, און האָט ברוגז'ערהייד אוועקגעטראָגען אלעמענס עבירות ווייט, ווייט אין טיפען ים אריין.

צוריק איז דער עולם געגאַנגען זעהר פרעהליך. ריין געוואָרען פון זינד, ווי די מלאכים, בזכות דעם צדיק'ס תפלות. קומענדיג צוריק אין זאַל האָבען די רייכע חסידים מנדב געווען פאַר דעם עולם אַ היבשע ביסעל משקה, מען האָט געטרונקען, געזונגען און געטאַנצט ביז שפּעט אין אָוועגד. איך האָב קיין מאָל שמחת תורה אַזוי פרעהליך ניט פאַרבראַכט ביי די פאַרוויינטע מתנגדים.

נאָך מעריב האָט מען קידוש געמאַכט יעדער פאַר זיך. און אַזוי ווי די צווייטע נאַכט ראש השנה דאַרף מען האָבען צו קידוש אַ נייע פּרי אויף שהחיינו, זיינען די חסידים געגאַנגען אין א צווייטען צימער, דאָרטען איז געזעסען די רבי'צן מיט איהרע צוויי טעכטער און האָבען געטיילט צו שטיקלאַך קאַוואַן און צו עטליכע ווינאַגראַדען אויף שהחיינו. די רבי'צן איז ניט געווען, ווי א פּשוט'ע אשת הרב, ווי א רבי'צן פון א קליין שטעדטעל. זי איז געווען געקליידט ווי אַ גבירה מיט טייערע צירונג, און דאָס גלייכען איהרע טעכטער. איך בין אויך געווען בתוך הבאים, אויך גענומען אויף שהחיינו און דער ווילע גוט באַטראַכט דעם רבי'ס פאַמיליע.

דעם צווייטען טאָג איז געווען דער דאַוונען מיט די תקיעות אַזוי ווי דעם ערשטען טאָג, נאָר דער ווארמעס איז געווען

אַנדערש. מען האָט געפּראַוועט אַ טיש, ביתר שאת ווי אַלע מאָל. שריים, געזאַנג. דער רבי האָט געהייסען פיעל חסידים (וועלכע ער האָט געוואוסט אַז זיי קענען זינגען), אַז יעדער זאָל אָנהויבען אַ ניגון, און דער גאַנצער עולם האָט געהאָלפען. און דערנאָך האָט יעדער געמוזט מנדב זיין אַ פלאַש וויין פאַר'ן עולם, וכל המרבה לספר הרי זה משובח. (דער גבאי האָט גע־האָט אין הויף אַן אייגענעם קעלער מיט וויין, און ער האָט געגעבען די הסידים בהקפה). מען איז געוואָרען גוט בגילופין, איז מען אַרויס פון טיש און געגאַנגען אַ ריקוד'ל, פרעהליך, לעבעדיג. געענדיגט ראש השנה, גאָט האָט אָנגעשריבען אַ גוט יאָהר, בזכות דעם צדיק. איך האָב דאָן שטאַרק מקנא געווען די חסידים. ווי גליקליך זיי זיינען! אין דער צייט, ווען די מתנגדים זיצען פאַרטרויערט, פאַראומערט, זאָגענדיג דעם תהילים אָדער תפלה זכה מיט צובראָכענע הערצער, פאַר־צווייפעלטע, זיינען די חסידים לוסטיג, פרעהליך, מען דינט גאָט מיט פרייד, עבדו את ד' בשמחה, און פול מיט בטחון. איהר (איך מיין מיר) מתנגדים זוכען (און פיליכט געפינען) הסרונות אויף די הסידים, אָבער די מעלות זייערע פאַרדעקט די הסרונות. זייער אהדות צווישען זיך, דער אָרימער מיט'ן רייכען, דער עם הארין מיט'ן למדן. איינער גרויסט זיך ניט אויף דעם צווייטען. אַלע גלייכע חברים, הסידים פון איין רבי'ן. מען בלאָזט זיך ניט אזוי ווי די מתנגדים. מען האָט הנאה פון דער וועלט און בזכות דעם צדיק האָט מען בטחון צו האָבען עולם הבא, ער לעבט צוויי וועלטען!

נאָך ראש השנה האָט מען זיך צוגעזעגט מיט'ן רבי'ן און געפאָרען צופרידען יעדער אהיים. אזוי ווי עס האָט זיך געפיהרט אַמאָל ביי אידען ווען זיי זיינען געזעסען אין זייער לאַנד, פלעגען קומען אויף יום טוב עולי רגל געווען, און דערנאָך אוועק אהיים. איך האָב זיך אויך געזעגענט מיט'ן רבי'ן, קיין פדיון האָב איך איהם ניט געגעבען. פון דעסטוועגען האָט ער מיך גע־בענשט, איך זאָל האָבען אַ גליקליכען וועג!

א צופרידענער בין איך אפגעפאָהרען פון לאָיעוו קיין קיעוו מיט'ן באָן. עטליכע הסידים זיינען מיט מיר צוזאַמען געפאָהרען. זיי זיינען געפאָהרען אָהן בילעטען, נאָר מיט'ן רבי'ס זכות. אָבער דער ערל דער קאָנדוקטאָר ווייס ניט קיין גליקען, האָט ער זיי געכאַפּט און געוואָלט זיי אַוועקפיהרען צום נאטשאַלניק סטאַנציע, האָבען זיי מיר א זאָג געטאָהן — עברי, זיי זיך משתדל פאָר אונז, רעד מיט דעם אדון. מיר האָט געוואונדערט אַז אַזעלכע פרעהליכע, לעבדיגע הסידים זיינען געבליבען אָהן לשון פאָר דעם ערל? איך בין אפילו אויך געווען פון די קליינע רייזדער אויף רוסיש, אָבער איך האָב ווי עס איז געמאַכט אַ פשרה צווישען זיי מהצה על מהצה, און זיי זיינען געפאָהרען ווייטער בשלום.

18
אין קיעוו

באַשרייבען די שטאָדט קיעוו איז איבעריג. ווער ווייס דאָס ניט, ווער האָט ניט געהערט פון קיעוו? אַז קיעוו איז געוועזען איינע פון די גרעסטע שטעדט אין רוסלאַנד. איך קום נאָר צו באַשרייבען ווי איך האָב פאַרבראַכט אין דער שטאָדט, וואו אַ אידישע פוס האָט ניט געטאָרט אַרויף טרעטען.

אַז איך בין אַראָפּ אין קיעוו אויפ'ן פּלאַטפאָרמע, דער געדראַנג פון די אָנקומענדיגע פאַסאַזשירען און פון וואָס האַלטען ביים אָפפאָהרען איז געוועזען זעהר גרויס. איך האָב זיך קוים דורכגעשטופּט מיט מיין רענצעל און אַוועק זוכען אַ אידישען פורמאַן, ער זאָל מיך אָפּפיהרען אין אַזאַ אָרט, וואו איך זאָל קענען איבערזיצען עטליכע טעג אָהן שרעק פון דער פּאָליציע. איך האָב געפונען אַ אידישען פורמאַן, מיט אַן אָרימע דראָזשקעלע, מיט אַ מאָגערען פערדעל. ער האָט מיך געפרעגט: — וואוהין זאָל איך אייך פיהרען? איהר פאָהרט, איך וועל אייך שוין זאָגען. דער אידעל האָט א קראַץ געטהאָן

אונטער'ן אויער, אַ קנייטש געטהאָן מיט די אַקסלען. גענומען מיין רענצעל און מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען.

מיר זיינען געפאָהרען איבער דער גרויסער גאַס „קרים-טשאַטיג". איהרע פּראַכטפולע, שעהנע מאַגאַזינען מיט די רייכע אויסשטעלונג אין די גרויסע פענסטער און די שפּיגעל-גלעזער האָט פאַרכאַפּט מיין אויג, און איך האָב זיך דערזעהן מיט'ן בעל-העגלה, די דראָזשקעלע מיט'ן מאָגערען פערדעל, וועלכער איז געגאַנגען טראָט ביי טראָט, גלייך ווי זיין פער-דישע קאָפּ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער פיהרט דאָ אַ קליין-שטעד-טעלדיגען אידען, וואָס איז נייגעריג צו זעהן דאָ אין דער גרוי-סער, שעהנער שטאָדט, וואָס ער האָט דאָס קיין מאָל ניט געזעהן. אָדער גאָר פּשוט יעדע פערדישע קאָפּ קען דאָס פאַרשטעהן, אַז מען גיט ניט עסען, האָט מען קיין כח ניט צו געהן, און זיינע אויסגעטאַרטשעטע ביינער האָבען עדות געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין גוטע קעסט ביי זיין באַלעבאָס. נאָר ווי דאָס איז? דערווייל האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט אויסקוקען אַלעס, און באַוואונדערען די שעהנקייט פון דער שטאָדט. געזעסען רוהיג אויף דער דראָזשקעלע, און פאַרגעסען וואו איך געפין זיך.

איך האָב פאַרגעסען, אַז איך בין אין קיעוו, אין דער הייליגער שטאָדט, וואו אַ אידישע פוס טאָר ניט באַטרעטען איהר הייליגע ערד, וואו עס געפינען זיך די קברים פון די הייליגע אַפּאָסטאָלעס, און יעדע ווייַלע קען איך אַרעסטירט ווערען און אָפּשיקען מיך צוריק אַהיים. אפילו מיר האָט זיך זעהר געוואָלט פאָה-רען אַהיים, נאָר ניט מיט אַזאַ אופן, מיט'ן עטאַפּ לאַנגע חדשים. אָבער ווען מיר זיינען ביי געפאָהרען דעם מאָנומענט פון „וולאַ-דימיר" דעם הייליגען, האָב איך זיך דערמאָנט, וואו איך בין אין דער וועלט, האָב איך געבעטען דעם פורמאַן, ער זאָל פאָהרען אַביסעל גיכער. דער פורמאַן האָט דאָס איבערגעגע-בען דעם פערדעל מיט'ן בייטש. איז ער באַרג אַראָפּ געלאָפען, ווייל דער וועגעל האָט איהם געשטופּט, נאָר ווי עס איז גע-

קומען געהן בארג ארויף האט ער קוים די פיס געשלעפט. עס האט ניט געהאלפען זיין באלעבאס בייטש, און איהם האט ניט געקימערט, וואס איך זיץ אין איינע ציטערניש, און זיך געגאנגען ווי ער טהוט שטענדיג.

דער פורמאן האט מיך נאך אמאל געפרעגט:

—נו, זאגט מיר וואוהין זאל איך אייך פיהרען?

האב איך איהם געזאגט:

— פיהרט מיך אין אז ארט, איך זאל ניט מורא האבען פאר דער פאליציע, און פיליכט קענט איהר מיך נעמען צו זיך אויף א פאר טעג, איז „מה טוב"!

האט ער געזאגט:

— אמת, ביי מיר קענט איהר רוהיג זיצען, אבער איך וואוין זעהר ענג.

איך האב זיך דערמאנט אן דעם חכמ'ס ווארט „טוב לשבת על פנת גג, ושלוה בה" (עס איז בעסער צו זיצען אין א ווינקעל אויפ'ן דאך, נאר אז מען קען זיצען רוהיג), לכן פיהרט מיך צו אייך.

ער האט מיך פארפיהרט אויף „פאדאל". דאס איז כמעט ווי די אידישע געטהע. פון דארטען האט ער מיך ערשט געפירהט אין א זייטיגע געסעל, און האט זיך אפגעשטעלט נעבען זיין וואוינונג, א צוויי עטאזש הייזעל. ער האט געוואוינט אין דעם ערשען עטאזש, די פענסטער גלייך מיט דער ערד פון גאס. אין שטוב איז חושכ'דיג, די ווענט זיינען פייכט, גלייך ווי זיי וואלטען באוויינען דעם גורל פון דעם ארימען פורמאן. דריי קליינע צימערלאך פאר נישט א קליינע פאמיליע. אין פאדערשטען צימערעל איז געשטאנען א ווארשטאט פון א שוסטער, מיט שוסטער געצייג און עטליכע צוריסענע שיך.

האב איך איהם געפרעגט: — איז ער דען א שוסטער אויך? האט ער מיר געענטפערט מיט א זיפץ: — אז דער ווארשטאט מיט עטליכע רובעל, וואס ער צאהלט יעדען חודש

די פּאָליציע, דאָס גיט מיר ערלויבעניש צו זיצען אין קיעוו. איך בין פאַרשריבען אין פּאָליציע פאַר אַ רעמעסליעניק (אַ בעל מלאכה. אַ בעל מלאכה האָט געמעגט זיצען) און די פּאָליציע וויים שוין פון אַזעלכע רעמעסליניקעס, און פאַר דעם שווייגען נעמען זיי „כאַבאַר", הודש געלט.

ביי דעם פורמאַן־שוסטער האָב איך גענעכטיגט. איך בין געווען רוהיג, אַז די פּאָליציע וועט מיך ניט אַנריהרען, אָבער רוהיג שלאָפען האָב איך ניט געקענט, פאַראַן אויסער פּאָליציע נאָך אַנדערע חיות, וואָס גיבען דעם אורח קיין רוה ניט. אויף דער קאַנאַפּקעלע וואו איך האָב געשלאָפען (איך מיין געקאָרטשעט זיך) איז געווען פול מיט די בייסענדיגע היה׳לאַך. זיי האָבען מיר געגעבען אַ שעהנעם קבלת פּנים, און ניט געלאָזען מיך שלאָפען די גאַנצע נאַכט.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה בין איך אַוועק אין שטאָדט זוכען פאַר זיך אַ מקום מנוחה אויף עטליכע טעג, און אַזוי ווי איך בין אַמאָל געווען אַ באַרלינשציק, האָב איך געוואוסט דעם דין, אַז אויפ׳ן טייך האָט פּאָליציע קיין שליטה ניט. דאָרטען מעג אַ איד זיצען, וויל אונטער זיינע פיס איז ניטאַ די היי־ליגע ערד. בין איך אַוועק צום טייך זוכען אַ באַקאַנטען אידען מיט אַ באַרלינע, און איך האָב געפונען מיינעם אַ גוטען פריינד, וועלכער האָט מיך צוגענומען מיט כבוד.

עטליכע טעג בין איך געזעסען ביי איהם. אַלע טאָג פלעג איך אַרויסגעהן אין שטאָדט פּיעלייכט וועל איך עפּעס גע־פינען וואָס צו טהאָן. נאָר עס איז געווען אומזיסט מיין זוכען. האָב איך באַטראַכט צוליעב וואָס זאָל איך דאַ זיצען אין שרעק, טאָמער וועט מען מיך כאַפּען אין גאַס. איז געבליבען ביי מיר, איך זאָל פאָהרען אין קרעמענצוג צו מיין חזנ׳ס פריינד און זיצען ביי איהם, ביז מיין חזן וועט קומען.

איך האָב גענומען אַ בילעט פאַר מיינע לעצטע געלט, און געקויפט שפּייז און אַרויף אויפ׳ן פּאַראַכאָד. ווי מען האָט נאָר אַרויף געצויגען דעם בריקעל, וואָס פאַראייניגט די יבשה

מיט'ן ים, האָב איך פריי אָפּגעאָטעמט. דאָ האָבען שוין די קיווער מלאכי חבלה קיין שליטה ניט.

דער פּאַראַכאָד האָט אַ פּייף געטהאָן מיט אַ שטאַרקען קרעכטש און גענומען מיט זיין נאָז שניידען די וואַסער און לאָזען הינטער זיך שוים מיט פּיענע, ווי ער וואָלט אויסגיסען זיין צאָרן אויף דער שטאָדט מיט איהרע פאַרפלוכטע פיהרונגען. וואָס מאַכען אַן אונטערשייד צווישען פאָלק און פאָלק. איך בין געשטאַנען און נייגעריג געקוקט ווי ביסעלכווייז ווערען פאַרשוואונדען אַלע הויכע געביידעס פון שטאָדט, די הויכע געגילטע קופּאָלען פון די גרויסע קלויסטערס, וואָס איבער זיי ווערען אונזערע ברידער פאַרפאָלגט.

ערב יום כפור אין דער פריה בין איך געקומען אין קרע־מענטשוג. איך בין אַראָפּ פון פּאַראַכאָד מיט מיין רענצעל, גע־גאַנגען נעמען אַ פוהר פאָהרען אין שטאָדט. אַ טאָפּ געטהאָן אין קעשענע, וואָס הערט זיך מיט מיין אייגענס? האָב גע־זעהן, אַז פון מיין קעשענע וועגען מעג באַלד משיח קומען. ווייל אין איהר איז קיין פּרוטה ניט פאַרבליבן*). וואָס זשע טהוט מען? פאַר וואָס וועל איך דינגען אַ פוהרל? נאָר אין אַ נויט גיט מען זיך אַן עצה. ניט אומזיסט זיינען אידען אַזוי שאַרפזיניג, ווייל זייערע שלעכטע אומשטענדען, זייערע נויטען האָבען מיט געבראַכט, זיי זאָלען זוכען תמיד עצות ווי אַרויס־צוקריכען פון זייערע צרות אין די שלעכטע צייטען. זיי זאָלען קענען עקזיסטירען. דער זאַטער, דער רייכער מאַן, וואָס איהם פעלט גאָרנישט, זיצט ער רוהיג און דאַרף גאָר ניט באַנוצען זיין שכל, ווערט דאַרום זיין שכל איינגעשלאָפען. אָבער דער הונגעריגער, דער ליידענדער איז שטענדיג פאַרטראַכט, זוכט מיטלען ווי אַרויסצוקריכען פון זיין שווערער לאַגע. זיין שכל איז שטענדיג אויף דער וואַך, ער קען ניט איין שלאָפען ביי

---

*) ווי דער תלמוד זאָגט „אין משיח בן דוד בא, עד שתכלה פרוטה מן הכים", (משיח קען ניט קומען, ביז עס וועט זיך ענדיגען דער לעצטער גראָשען פון קעשענע).

איהם. דעריבער זאָגען די חכמי התלמוד „הזהרו בבני עניים שמהם תוצא תורה״ (זייט געהיט מיט די אָרימע קינדער, פון זיי קענט איהר זיך לערנען).

איך האָב געזאָגט מיין פורמאַן, איך וועל ביי אייך שטעהן, ביז איך וועל געפינען מיינע פריינד. און איך בין צו איהם פאַרפאָהרען. ניט קיין אָרימער אידעל געווען. ביי איהם געגעסען ווארמעס אן ערב יום כפור'דיגען, כפרה מיט קרעפכען נאָר קיין כפרות האָב איך ניט געשלאָגען יענעם ערב יום כפור. נאָר איך בין יוצא געווען מיט כפרות, ווייל מיין דאַמלאָסדיגע לאַגע האָט געטויגט אויף „צעהן כפרות!״

19
מיין פאַרברענגען אין קרעמענטשוג

קרעמענטשוג איז איינע פון די גרויסע אידישע שטעדט אין רוסלאַנד. זי שטעהט נעבען דניעפּער, פּאָלטאַווער גובער־ניע. דאָרטען געפינען זיך גרויסע פריסטאַנים פון האָלץ גע־שעפטען, סוחרים אידישע, וועלכע קויפען אויף די פליטען, וואָס ווערען געטריבען מיט'ן טייך דניעפּער פון די ליטווישע גובערניעס, פיעל ליעסאָ־פילניעס, וואו מען צוזעגט די גרויסע קלעצער אויף ברעטער, אויך פיעל מאַגאַזינעס פון אלערליי סחורות, פיעל אין אידישע הענט.

אין יענער צייט האָט זיך די שטאָדט קרעמענטשוג גע־רעכענט פאַר דער פרומסטער אידישער שטאָדט אין דעם גאַנ־צען געגענד. די מעהרהייט פון דער אידישער געמיינדע זיינען חסידים, פון פאַרשיידענע גוטע אידען. פיעל שוהלען, בתי מדרשים, ישיבות אידישע אַנשטאַלטען אין אַלע צווייגען פון צדקה. שבת און יום טוב איז דאַן געווען אַלע געשעפטען געשלאָסען. דאָ אין דער שטאָדט האָב איך זיך געפיהלט היי־מישער ווי אין קיעוו, „בתוך עמי אנכי יושב״, איך זיץ צווי־שען מיין פאָלק, מיינע ברידער. איך געה פריי, אָהן שרעק, אָהן פחד. א מענש מיט אַלעמען גלייך.

נאָך ווארמעס בין איך געגאַנגען אויף זוכען מיין חזנ׳ס פריינד, ליעד. מיר איז אפילו ניט געוועזן אַנגענומען קומען צו אַ פרעמדען מענשען, נאָר איך האָב גערעכענט, מאָרגען איז דאָך יום כפור, וואָס קען ער צו מיר צולייגען? אין אַ תענית קען מען זיין ביי יעדען אַ גאַסט, און נאָך יום כפור וועל איך גלייך זעהן.

איך האָב איהם אָפּגעגעבען דעם חזנ׳ס בריף, האָט ער מיך צוגענומען פאַר אַ גוטען גאַסט, און האָט מיר געהייסען ברענ־גען צו איהם די זאַכען מיינע, נאָר איך וויים דאָך מיין צרה, אַז איך מוז פריהער באַצאָהלען דעם פורמאַן פאַר דער פוהר און פאַר דעם קרעפּכען־ווארמעס, האָב איך איהם געזאָגט אַז די זאַכען וועל איך ברענגען נאָך יום כפור.

איך בין ביי איהם פארבליבען צו דער סעודה־המפסקת, געגאַנגען מיט איהם אין שוהל צו „כל נדרי״.

אויף מאָרגען, דער יום כפור איז אַראָפּ גלאַט, פאַסטען, האָב איך זיך אויסגעגלייכט מיט אַלעמען צו גלייך. מחרת יום כפור בין איך אַוועק צו די פּריסטאַנים ביים טייך, פּיעל־לייכט וועל איך געפינען מיינעם אַ באַקאַנטען, אַרויסהעלפען זיך מיט אַ גמלות חסד ביז מיין חזן וועט קומען. והנה אח לצרה יולד, איך האָב נעבען טייך געפונען, עס זיצט מיט אַ געשעפּטעל מיין פרוי׳ס אַ שטיף ברודער. מיר איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען, וואָס הייסט אַזאַ פריינד! פּשוט ווי אַ מלאך פון הימעל איז ער געקומען מיר צו הילף. איך בין צוגעלאָפען צו איהם, מיר האָבען זיך פיין צוקושט, ברידער־לאָך, און דערצעהלט איהם אין גאַנצען מיין איצטיגע לאַגע, און בעט איהם ער זאָל מיר אויסלייען עטליכע רובעל ביז דער חזן וועט קומען. ווי ער האָט דאָס דערהערט, איז ער מיט מיר באַלד אוים מחותן געוואָרען און האָט אַנגעשטעלט אַ פּאָר בייזע אויגען אויף מיר, און אַנגעהויבען ביי מיר מאָנען התחייבות פאַר מיין שוויגער זיין שטיף מוטער. איך האָב דערזעהן, אַז איך האָב דאָ צו טאָהן מיט אַן אוממענש, האָב

איך מיט איהם קיין וואָרט מעהר ניט גערעדט, נאָר איך האָב איהם געזאָגט: — איך האָב געמיינט אַז איך האָב געפונען אַן אח לצרה (אַ ברודער אין אַ שלעכטער צייט) ערשט ביסטו אַן „אח אַ צרה" (אַ ברודער אַ צרה!) און בין אַוועק פון איהם.

געהענדיג פאַרטראַכט און קלער מאין יבא עזרי? פון וואַנען קען איך געהאָלפען ווערען? האָב איך דערזעהן ווי אַ יונגער מאַן קויפט אויף אַ פריסטאַן ברעטלאַך אויף אַ סוכה. האָב איך זיך מישב געווען, איך וועל איהם פרעגן, פיעלייכט, וועט ער מיך נעמען העלפען איהם מאַכען אַ סוכה, וועל איך פאַרדינען וואָסער האַלבן רובעל, וועל איך האָבען מיט וואָס אויסלייזען מיינע זאַכען. בין איך צוגעגאַנגען און פרעג איהם. דער יונגערמאַן האָט אויף מיר אַ קוק געטהאָן, אָפּגעמאָסטען מיך מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט הפנים פאַר־שטאַנען, אַז ער וועט מיך נעמען פאַר אַ העלפער צו מאַכען די סוכה, וועט ער קיין סוכה געווים ניט האָבען. נאָר ער האָט מיר געענטפערט: — זעהר רעכט, קומט מיט מיר, זעצט זיך מיט מיר אויפן' וואָגען.

פאָהרענדיג קלער איך: רבש"ע, וואָס האָב איך זיך אָנגענומען טהאָן אַז זאַך, וואָס ניט איך ווייס, און ניט איך קען. דער יונגער מאַן האָט באַמערקט מיין פאַרצווייפלונג, האָט ער מיט מיר גענומען פריינדליך רעדען, ביז מיר זיינען געקומען צו איהם אַהיים. ער האָט באַלד געהייסען זיין פרוי גרייטען צום טיש, און זאָגט צו מיר: — איידער מיר וועלען אָנהויבען בויען די סוכה, וועלען מיר פריהער אָפּעסען וואַרמעס

עסענדיג האָבען מיר זיך פאַנאַנדערגערעדט, נאָך גע־פרעגט ביי מיר, ווי קום איך אַהער? איך האָב איהם אַלץ דערצעהלט דעם אמת. אַביסעל פאַרבראַכט אין תורה.

נאָך וואַרמעס זאָגט מיר דער יונגער מאַן:

— ווייסט איהר וואָס? מיין ליעבער אורח, די סוכה וועט אויפבויען אַן אַנדער איד, וואָס קען האַלטען אַ זעג מיט אַ האַמער בעסער פון אייך, און מיר וועלען אַביסעל אַזוי פאַר־

ברענגען אין אַ גמרא „סוכה”. איך בין אַמאָל אויך געווען אַ ישיבה בחור.

מיר האָבען גוט פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדען ביז וואַנען א בעל מלאכה האָט איהם די סוכה פארטיג געמאַכט. ער האָט מיר געגעבן אַ גמ״ח דריי רובעל ביז נאָך יום טוב, און האָט מיך פאַרבעטען איך זאָל זיין ביי איהם יום טוב. איך האָב איהם שעהן באַדאַנקט און געזאָגט איהם, אַז איך מוז זיין יום טוב ביי ליעד׳, און צוגעזאָגט איהם אַז יום טוב וועל איך אַריין צו איהם.

איך בין פון דאָרטען גאַנץ פרעהליך אַוועק צו מיין פוהר־מאַן און פאַרדינט אַ מצוה פון „פדיון שבוים”, אויסגעלייזט מיין טשעמאָדאַנטשיק, אָפּגעצאָהלט דעם פוהרמאַן, און ער האָט מיך אָפּגעפיהרט צו ליעד׳.

דעם יום טוב האָב איך פאַרבראַכט זעהר גוט, מיט כבוד ביי ליעד׳. שמיני עצרת בין איך אַוועק צו דעם יונגען מאַן פון דער סוכה, ביי איהם געגעסען וואַרמעס, גענומען אביסעל משקה לכבוד יום טוב (און טאַקע מעהר ניט ווי אַביסעל) בין איך געוואָרען שכור׳לאך. איך בין געקומען צו ליעד׳ איז געווען די טהיר פאַרשפּארט, בין איך אַוועק איבער שטאָדט. האָב איך אָנגעהויבען פיהלען, אַז מיר איז ניט גוט, כאָטש נעם און לייג זיך אין מיטען גאַס. בין איך אַריין אין מיין אַמאָלי־גען האָטעל (אַ שוהל) און געלייגט זיך שלאָפען.

איך בין געשמאַק איינגעשלאָפען, חלום׳ט זיך מיר אַז איך זיץ אין קיעוו אין בולוואַר אויף אַ באַנק, איז געקומען צו מיר אַ פּאָליסמאַן און פרעגט מיך: „אָטקודעווא טי זשיד”? (פון וואַנען ביסטו דו איד) פּאַספּאָרט! פון שרעק האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. איך זעה אַ איד שטעהט נעבען מיר און זאָגט: — שטעהט אויף יונגער מאַן דאַווגען מנחה. איך האָב זיך אפילו פאַרשעמט, נאָר ניט דערשראָקען. איך האָב דערזעהן, אז ניט קיין בולוואר, און ניט קיין פּאָליציימאַן, ניט מען פרעגט א פאספּאָרט, נאָר א שוהל, א איד, רופט דאַווגען מנחה.

20

מיין הזן איז געקומען, מיר מאַכען געשעפט

נאָך יום טוב בין איך ארוים אין שטאָדט זוכען, צו מאַכען עפעס מסחר. קנעלן האָב איך ניט געוואָלט. איך וואָלט עס געקענט קריגען גרינג און גוט, נאָר מיר האָט זיך געגלוסט מסחר. מיר איז אַרויף אויפ'ן זינען, אַזוי ווי מיין ברודער משה הערש האָט אין מינסק אַ פאַבריק פון גערויכערטע, ליטווישע הערינג, זאָל ער מיר צושיקען אהער אויף קאָמיסיע. דאָ אין שטאָדט איז די סחורה ניטאָ, וועל איך זיי קענען דאָ פאַר־קויפען זעהר פיעל. „אומר ועושה", געטראַכט און געטהאָן. אָוועקגעשיקט אַ בריף צום ברודער, ער זאָל מיר אַרויסשיקען עטליכע קעסטלאַך גערויכערטע הערינג.

אין אַ וואָך אַרום איז דער הזן געקומען און געבראַכט אַ מאה רובעל פאַר זיין דאַווענען. מיט עטליכע טעג שפעטער איז אָנגעקומען צוויי קעסטלאַך הערניג 2000 שטיק. עס איז גוט מיט אַלעמען. דער הזן מיט געלט איז דאָ. די ליטווישע גערויכערטע הערינג איז אויך דאָ. מיר זיינען אַוועק איבער די קראָמען פאַרקויפען. מען האָט געקויפט אין פיעלע קראָמען. מיט אַ גוטען ריוח. אויף מאָרגען ווייטער אַרוים מיט די סחורה. ווייטער פאַרקויפט זעהר גוט. מיר זיינען געוואָרען מלא שמחה, מיר האָבען געקראָגען אַ גוטען געשעפט. אין אַ פאָר טעג אַרום זיינען מיר געגאַנגען צו די זעלבע קרעמער פיעלייכט דאַרפען זיי נאָך ? ערשט, נעכטיגער טאָג. די הערינג ליגען זיך רוהיג אויף זייערע ערטער פאַרטרוקענטע, אויסגעצויגען ווי מען האָט זיי צולייגט. קיינער וויל דאָס אין האַנט ניט נעמען. אוים מסחר ! פאַרפאַלען אונזער האָפע־נונג. מיט גרויסע שוועריגקייט האָבען מיר אויסגעבראַכט

אונזערע הערינג אָהן פּרנסה, אָבּי פּטור געוואָרען פון זיי און געמאַכט אַ ברכה „ברוך שפּטרני" און אויס סוחרים!

אָבער מען דאַרף דאָך פּאַרט עפּעס טהאָן! קרעמענטשוג איז דאָך ניט ווייט פון יעקטס/. מיט יאָהרען צוריק האָב איך דאָך געהאַט דאַרטען אַ באַרלינקע בשותפות מיט מיין שוואָגער יש"צ. דאַרף מען פאָהרען אין יעקאַט/ צום שוואָגער אויפ־מאַנען מיין חלק פון דער באַרלינקע, און פיעלייכט וועלען מיר קריגען עפּעס מסחר?

מיר זיינען געקומען צום שוואָגער יש"צ, ער האָט מיך צוגענומען פאַר אַ גאַסט, נאָר אַז איך האָב איהם געזאָגט, וואָס מיין קומען איז, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שמייכעל: איך וואָלט אויף דיר ניט ריכטען, דו זאָלסט טהאָן אַזאַ נאַרישקייט. איך האָב דיר געהאַלטען פאַר אַ קלוגען, זאָלסט זיך אַזוי באַנאַרישען, לייגען הוצאות, פאָהרען אַזוי ווייט, מאַנען אַלטע חובות? די באַרלינע איז צובראָכען געוואָרען, וועסטו ביי מיר אויך גאַרניט קריגען. מיט גרויס מיה, מיט גוּטען, מיט בייזען, האָב איך ביי איהם אַרויסגעריסען 25 רובעל. די געלט האָב איך אַוועקגעשיקט אַהיים, און געגאַנגען איבער שטאָדט זוכען וואָס צו טהאָן?

נאָר וואָס האָבען מיר געקענט טהאָן? געלט האָבען מיר זעהר ווינציג, אין מסחר ווייסען מיר ביידע אויך זעהר ווינציג. האָב איך שוין געקלערט נעמען זיך צו מיין אַלטען געשעפט, מען דאַרף דאָך מפרנס זיין אַ פאַמיליע וועלכע איך האָב איבער־געלאָזען אין דער היים אָהן שטיצע. איז אָבער די יעקאַטע־רינאָסלאווער באַלעבאַטים האָבען ניט געוואָלט וואַרטען אויף מיר ביז וואַנען איך וועל קומען לערנען מיט זייער קינדער, און מלמדים פעלען ניט ב"ה אין יעקס/, זיי זיינען דאָ עד בלי, די. זיי זיצען שוין ביי אַ חודש צייט און קנעלען, איז שוין, אַ דאַנק גאָט, קיין מלמדות אויך ניטאָ. איך האָב גערעדט מיט מיין חזן, געפרעגט איהם: — וואָס טהוט מען? זאָגט ער: — דאגה ניט, יעדער וואָך האָט אַ שבת, און אידען האָ־

בען ליעב צו הערן אַ נייעם חזן. מיר וועלען פאָהרען ווייטער, אויף דער הוצאה וועט זיין, מיר וועלען קריגען וואָס צו טהאָן.

זיינען מיר אַוועקגעפאָהרען אין מאריאופּ׳. ער האָט דאָר־טען געדאַווענט, און איך בין באַקאַנט געוואָרען מיט׳ן רב. ער האָט זעהר געוואָלט איך זאָל זיך אָפּשטעלען פאַר אַ שוחט, אויף דעם אַלטען שוחט׳ס אָרט, ווייל ער איז שוין געווען זעהר אַלט און שוואַך. נאָר דער שוחט האָט ניט געוואָלט לאָזען זיין שטעלע, כאָטש די שטאָדט האָט איהם געוואָלט געבען שכירות ביז זיין לעבען. איך האָב ניט געוואָלט קריכען וואו עס איז פאַראַן טענות פון הסגת הגבול, און זיך ענטזאָגט דערפון. דער רב האָט מיר געגעבען אַ בריף צו דעם באַרדיאַנ׳ רב. זיינען מיר אַוועק קיין בערד„.

דאָרטען האָט מען באַדאַרפט האָבען אַ צווייטען שוחט מיט אַ חזן. דער חזן האָט דאָרטען שבת געדאַווענט און זעהר אויסגענומען מיט זיין דאַוונען, און איך האָב אויך אויס־גענומען ביים רב, און אַ שוחט מיט אַ חזן האָבען זיי באַ־דאַרפט. איז דאָך אַלין צום בעסטען, איז אָבער פאַראַן אַ הפרון וואָס מיר זיינען צוויי מענשען, אַ חזן באַזונדער און אַ שוחט באַזונדער, און זיי זוכען אַ שוחט און אַ חזן אין איין מענשען, צוויי קענען זיי ניט אויפהאַלטען. האָבען מיר גע־מוזט פון דאָרטען אויך אַוועק.

מיר האָבען געטראַכט פאָהרען אין טשערקעש מיט׳ן אזאָוו־סקען ים, האָט שוין אָבער דער ים ביים ברעג אָנגעהויבען פרירען, די שיפען זיינען שוין געגאַנגען מיט שווערקייט, האָ־בען מיר ניט געוואָלט פאָהרען, און באַרעכענט, מיר זאָלען פאָהרען אין די אידישע קאָלאָניעס מיט׳ן פוהר, נאָר פאָהרען אַהין מוז מען דורכפאָהרען פריהער די דייטשישע קאָלאָניעס און פיעל פויערשע דערפער.

21

די דייטשישע קאָלאָניעס און פויערשע דערפער

אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע געפינען זיך דייטשי־שע קאָלאָניעס, און עטליכע און צוואַנציג אידישע. אַז מיר זיינען אַריינגעפאָהרען אין דער ערשטער דייטשישער קאָלאָ־ניע פרי׳, האָבען מיר געמיינט, אַז מיר זיינען געקומען אין אַ שטאָדט, נאָר די גרויסע שטייגען מיט תבואות און מיט שטרוי, וועלכע זיינען געשטאַנען אין די הויפען, ניט ווייט פון די הייזער, האָבען עדות געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין שטאָדט, נאָר איהרע באַזיצער זיינען ערד אַרבייטער.

די קאָלאָניע איז געווען צוטיילט אין גאַסען מיט אַ סדר. די גאַסען זיינען אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער. די הייזער זייערע, גרויסע און שעהנע איין שטאָגיגע און צוויי, שטיי־נערנע און הילצערנע, נעבען די הייזער שעהנע גערטנער פאַר־פלאַנצט מיט בלומען זומער צייט און אַרומגעצוימט מיט אַ שעהנעם צאַם. די גאַסען פאַרפלאַנצט פוןביידע זייטען מיט בוימער. אין די הויפען געבויטע שעהנע שייערען פאַר די תבואות, און שטאַלען פאַר די בהמות, פערד און שאָף. שעהנע, גרויסע קראָמען מיט אלערליי סחורות. א גרויסע קיר־כע און אַ שוהלע פאַר קינדער. אַלץ אין אָרדענונג געבויט. איהרע איינוואוינער די קאָלאָניסטען זיינען געזונד און פריש מיט פרעהליכע פנים׳ער, קענטיג אַז זיי פעלט גאָרנישט, לע־בען צופרידען אָהן זאָרג.

מיר זיינען דורכגעפאָהרען עטליכע קאָלאָניעס, זיינען כמעט אַלע געווען מיט איין פאָרמע. אַלע לעבען מיט איין פיהרונג, היטען אָפּ זייער ערד אַרבייט, צו דער צייט אַרבייטען זיי, צו דער צייט עסען זיי, זיי אַרבייטען גוט, און לעבען גוט, עס געפינט זיך פון זיי זעהר רייכע לייט.

די פויערשע דערפער זיינען פיעל אָרימער פון די דייטשי־שע קאָלאָניעס, אָבער אויך שעהנע און גרויסע דערפער. זייערע הייזער ניט קיין גרויסע, זיינען פון דרויסען אויסגעשמירט מיט ווייסע ליים. עס איז שעהן צו קוקען ווי פוןביידע זיי־טען פון דער גאַנץ לאַנגער גאַס שטעהען אין צייל די ווייסינגע הייזער, די דעכער זיינען פון שטרוי, פענסטער ניט קיין קליינע, די קוימענס אַלע אָפּגעווייסטע, נעבען די הייזער שטע־הען גרויסע שטייגען מיט שטרוי פון די אָפּגעדראָשענע תבואות. קיין האָלץ זעהט מען כמעט ניט ביי זיי (אין מאלע־ראָסיע איז זעהר ווינציג וועלדער), זיי באַהייצען די הייזער מיט שטרוי אָדער מיט „קערפיטש“, וואָס זיי מאַכען פון די מיסט פון די בהמות און שאָף. אין די הייזער איז ביי זיי ריין, ציכטיג, ניט ווי ביי די ליטווישע פויערים, וואָס די קאָרעטע מיט די הזירים געפינט זיך אָפט אין שטוב. די ערד אין די הייזער איז גלאַט אויסגעשמירט מיט געלע ליים. אין מיטען שטוב שטעהט אַ נידעריגער טיש, וואָס אויף איהם עסט דער פויער מיט זיין פאַמיליע, זיצענדיג אַרום אויף נידעריגע קליי־נע בענקעלאַך. איין צימער געפינט זיך ביי יעדען פויער אין הויז, וואו עס הענגען זייערע הייליגע בילדער, אונטער באַלקען הויך אין אַ ווינקעל הענגט די מאַמע מיט׳ן זוהן, אונטער דעם בילד הענגט אויף קייטלאַך אַ גלעזעל אָנגעגאָסען מיט פעטס, און ברענט שטענדיג. אַנטקעגען דעם בילד אונטען שטעהט אַ טישעל באַדעקט מיט אַ ווייסען האַנטוך און אויף איהם ליגט אַ גרויסער ברויט. די ערד אויסגעשמירט מיט געלע ליים און באַדעקט מיט קאַוויאָרלאַך, וועלכע זיי פלעכטען אַליין אוים. אין דעם צימער קומט אַריין אַלע טאָג אין דער פריה דער פויער מיט זיין פאַמיליע אָפּזאָגען זייער געבעט פאַר די הייליגע בילדער שטעהענדיג אויף די קניה. זיי פאָהרען אַרוים אויף אַ גוטע פאָר פערד געשפאַנט אין אַ שעהנע בריטשקע, וואָס קאָסט ביז 150 רובעל, ניט ווי דער ליטווישער פויער, וואָס פאָהרט אויף אַ קליינעם צובראָכענעם וועגעלע, מיט אַ

מאַגערען, אַ דאַרען פערדעל. זיי האָבען זעהר אפּולע ערד צום זייען. די ערד איז גוטע און פעטע, ניט קיין זאַמדיגע, דארום איז אין אַ רעגן צייט, ווי אין הערבסט איז זעהר בלאָטיג. די בלאָטע איז קלעפּיג, עס נעמט זיך אָן אויף די פיס. דער ליטווישער פויער אין זיינע לאַפּטשעס וואָלט ניט קענען אַרויסקריכען. זיי געהען אַלע אין שטיוועל אפילו זייע־רע פרויען. אין דער צייט פון רעגען, ווען אַ וואָגען פאָהרט דורך אין דאָרף, זעהט מען ניט קיין רעדער, נאָר בערג מיט בלאָטע דרעהען זיך. ווען זיי דאַרפען פאָהרען אין אַ צווייטען דאָרף אָדער אין שטאָדט, פאָהרען זיי ניט מיט פערד, עס איז אוממעגלאַך, נאָר זיי שפּאַנען איין אַ פּאָר אָקסען און אַמאָל צוויי פּאָר און מען שלעפּט זיך פּאַמעלאַך.

מיר זיינען געקומען אין די ערטער ריכטיג אין דער צייט פון בלאָטע, האָבען מיר געמוזט פאָהרען אויף אָקסען, צוויי פּאָר אָקסען געשפּאַנט אין אַ לאַנגען וואָגען, וואָס מען פיהרט אין איהם היי. זיינען מיר געפאָהרען לאַנגע שטונדען, ביז מיר זיינען געקומען אין אַ צווייטען דאָרף, ניט קיין לאַנגע שטרעקע. דאָרטען האָבען מיר גענעכטיגט. ביי נאַכט איז געוואָרען אַ פראָסט און ס'האָט געשאָטען אַ שנעה, האָבען מיר געמוזט דאָרטען שטעהן אַ פּאָר טעג ביז מען האָט גע־קענט פאָהרען אין שליטען. אין אַ האַלבען טאָג צייט זיינען מיר געקומען צו די אידישע קאָלאָניעס.

22

די אידישע קאָלאָניעס אין יעקאַט' גובערניע מיט פופציג יאָהר צוריק

די אידישע קאָלאָניעס פון יעקאַטערינאָסלאַווער גובער־ניע זיינען געגרינדעט געוואָרען פון צאַר ניקאָליי דעם ערש־טען. ער האָט באַזעצט אַ גרויסע שטרעקע לאַנד מיט אידישע קאָלאָניסטען. ער האָט זיי צוגעזאָגט גרויסע גליקען, וואָס ער האָט ניט מקיים געווען, ווי אַלע רוסישע צאַרען. די ערשטע פיאָנערען, איז די מעהרהייט פון זיי צולאָפען אין די אַרומיגע שטעדטלאַך. צוויי סיבות האָבען ארויסגערופען זייער אנט־לויפען. דאָס ערשטע, ווייל די קאָלאָניסטען האָבען ניט געקענט אַריבערטראָגען די אונטערדריקונג פון ניקאָליי'ס משרתים, די אָנגעשטעלטע פון דער רעגירונג, זיי זאָלען אַכ־טונג געבען אויף די קאָלאָניסטען און האָבען געדריקט די קאָלאָ־ניסטען זעהר שטאַרק מיט אַן אייזערנער האַנט. פאַר יעדער קלייניגקייט שטאַרק באַשטראָפט זיי, און ניט געלאָזען אַנט־וויקלען זיך גייסטיג. דאָס צווייטע איז, ווייל דאַמאָלסט איז די ערד אַרבייט געווען זעהר שווער, און די איינוואָנדערער זיינען צו ערד אַרבייט ניט געוואוינט געווען. זיי האָט געצויגען צום האַנדעל, זיינען זיי צולאָפען צוריק אין שטאָדט און פאַרלאָזען די ערד אַרבעט מיט ניקאָליי'ס הסדים צוזאַמען, און גענומען זיך אין די שטעדט צום האַנדעל.

און פון די, וואָס זיינען פאַרבליבען, איז געוואָרען אַ ישוב פון פיער און צוואַנציג קאָלאָניעס, גרעסערע און קלענע־רע. אַנדערע פון זיי ניט שלעכט איינגעאָרדענט. נאָר די מעהרהייט זיינען געווען אָרעם בגשם און ברוח.

איך בין געפאָהרען אַהין מיט דעם געדאַנק, איך זאָל זיך דאָרטען באַזעצען. אויב איך וועל נאָר קענען. נאָר אַז איך האָבען דערזעהן זייער לעבען מיט זייער פיהרונג, האָב איך

אָפּגעטרייסעלט די הענט. איך האָב ניט געפונען דאָרטען קיין לעבען פאַר זיך און ניט קיין תכלית פאַר די קינדער, אין אזא מדבר, וואָס איז ערגער ווי צו פארברענגען אין פויערשען דאָרף.

ווען מיר זיינען אַריינגעפאָהרען אין דער ערשטער קאָלאָניע (איך האָב פארגעסען איהר נאָמען) האָבען מיר דערזעהן פון ווייטען צווישען צוויי בערג שנעע קוקט זיך אַרויס קליינע, נידעריגע הייזלאַך, ווי די קברים שטיבלאַך אויפ'ן בית־עולם. קיין בוים, קיין צאָם נעבען די הייזלאַך איז ניט געווען, נאָר איינער אָדער צוויי טורעמס פון שטרוי, וועלכע דער שנעע האָט זיי באַדעקט, און האָבען פאָרגעשטעלט ווי אייז־בערג שטעהט נעבען הויז, וואָס האָבען געוואָרפען אַן אימה אויף דעם רייזענדער. אַז מיר האָבען באַדאַרפט אַריין אין הויז צו דעם קאָלאָניסט, וואוהין מיר זיינען פאַרפאָהרען, האָבען מיר פריהער באַדאַרפט דורכגעהן אַ גרויסען פרוזדר (א פאָהר הויז) א שטאָדאָלע א גרויסע, וואו עס זיינען געשטאַנען די פערד מיט די בהמות, אָפּגעצאַמט מיט עטליכע ברעטער. פון דעם פרוזדר, פון דער שטדאָלע, זיינען מיר אַריין אין טרקלין, צום קאָלאָניסט אין הויז. אַ קליין לעמפּעלע האָט באַלויכטען די גאַנצע הויז, וואָס ס'איז געווען צוטיילט אויף צוויי חלקים, איין האַלבע האָט געדינט פאַר אַ שייער, געווען אָפּגעצאַמט מיט ברעטער פאר די אָפּגעדראָשענע תבואה און פאַר די גאָרטען זאַכען, בולבעס, ציבעלעס, בוריקעס און ד"ג. עס האָט פאַרשמעקט די הויז מיט אַלערליי ריחות. די אַנדערע האַלבע שטוב האָט געדינט פאַר אַ וואוינונג פאַר דעם קאָלאָניסט מיט זיין פאַמיליע פון פינף מענשען. נעבען די צוויי פאַרפראָרענע פענסטער איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ פּאָר בענקלאַך. ביי דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ גרויסע קאַך־אויווען, וואָס האָט געוואָרעמט די שטוב, און אַ קליין שלאָף צימערעל אָפּגעטיילט מיט א פאָרהאַנג. זאת תורת הבית, אָט דאָס איז געווען די געשטאַלט פון דער הויז וואוהין מיר זיינען פאַרפאָהרען.

מיר האָבען אָפּגעגעסען אַ קאָלאָניסטישע וועטשערע, שוואַרצע, גראָבע ברויט מיט אַ גרויסען הערינג (ראַטניק בלע"ז) און פּאַרזופּט מיט א מילכיגען קרופּניק. שלאָפען זיינען מיר אַרויף געקראָכען אויפ'ן באַרג תבואה, און געאָטעמט מיט דעם ריח פון די פאַרפוילטע בולבעס.

פרייטאג צו נאכט איז דער שבתדיגער טיש צוגעגאַנגען זעהר אידישלאַך, אפילו קיין זמירות האָט ניט געפעלט. דעם קידוש האָבען מיר געמאכט איבער אן אמת'ע רביעית בראָנ־פען, נאָר די חלה איז געווען זעהר טונקעלע, ווייצענע נאָר פאַרשוואַרצטע, ניט פון להם הפנים, ווייל די חלה האָבען קיין פנים ניט געהאט. די שוואַרצע לאָקשען זיינען געווען בלינדע אָהן איין אויג, מאָגערע פון אַ שטיקעל קעלבערנע פלייש, פאַרבייסען (צימעס בלע"ז) אָפּגעפּאַרעטע שטיקלאַך מערען. געבענטשט מיט אַ מזומן כהלכתא, און ווייטער אויפ'ן באַרג אַרויף שלאָפען.

אויף מאָרגען זיינען מיר געגאַנגען אין שוהל, דעם חזן מיינעם האָט מען מכבד געווען מיט דאַוונען. די שוהלכל אַ קליינע אַן אָרימע. די עלטערע אידען זיינען געזעסען נעבען דער הרובע געוואַרעמט זיך. אייניגע געקליידט אין קורצע פּעלצ־לאַך, אנדערע אין וואַרעמע קאַפּטלען. דער אויבען אָן איז געווען פאַרנומען פון די נכבדים. קיין רב איז ביי זיי ניט גע־ווען, דער שוחט האָט געפיהרט די רבנות אויך. נאָכ'ן דאַוו־נען האָט דער גבאי פון שוהל פאַררופען דעם גאַנצען עולם צו זיך אויף ברכה (צוליעב אונז). איך האָב זיי געפרעגט:

— וואָרום לעבט איהר אַזוי אָרעם? פאַרוואָס די קריסטען לעבען שעהנער און בעסער פאַר אייך?

האָבען זיי געענטפערט: — ווייל מיר זיינען גרעסערע בעלי הוצאות פון די קריסטען. מיר דאַרפען צאָהלען אַ רב, אַ שוחט, דינגען מלמדים לערנען אידישקייט אונזערע קינדער, דאָס קאָסט געלט, און דעם קריסט איז דאָס אַלץ פאַרשפּאָרט. ער האָט דאָס אַלץ פון דער רעגירונג.

איך האָב זיי געזאָגט: — אַ טייל איז דאָס אמת, נאָר ניט אין גאַנצען, דער הויפּט איז, ווייל דער קריסט, ער איז אַן עובד האדמה, זוכט ער ניט קיין אַנדערע פּרנסות. ער זעהט באַאַרבייטען זיין ערד, טהוט אַלץ צו דער צייט, ער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, די גרויסע און די קליינע אַלע איבערגעגע־בען מיט זייער לייב און לעבען צו זייערע פעלדער. האָט ער מזל ברכה און האָט זיין הינה. איהר אבער, איהר ארבייט די ערד, אָבער אייער קאָפּ ליגט אין מסחר, און צו יעדער געלע־גענהייט פארלאָזט איהר די פעלד ארבייט, און לויפט אַוועק זוכען אַן אַנדער פּרנסה, אייערע הייזער זיינען אַפגעלאָזען, אז איהר קוקט אויף דעם ווינציג. איהר זוכט מסחר. דער מלאך פון פרנסה קען אייך ניט געפינען, אַז איהר זיצט ניט אויף אַן אָרט. אַזוי ווי ביי אונז אין שטעדטעל, אַז דער שמש פון שוהל האָט געהאַט פולע פרנסות, אַ שמש, אַ שוסטער, געהאַלטען די שטאָדט באָד, און נאָך צוגעהאַנדעלט אין דאָרף מיט די פויערים, און געווען אַ קבצן אין צעהן פאַלען, ער האָט געפרעגט מיין שוואָגער, דעם רב פון פון שטעדטעל: — רבי, וואָס איז די סיבה וואָס איך בין אַז קבצן? איך האָב דאָך אַזוי פיעל פרנסות! — האָט איהם דער רב געזאָגט: — דו ביסט אַ קבצן, טאַקע דערפאַר, וואָס דו האָסט צופיעל געשעפ־טען. דער מלאך פון פרנסה געפינט דיך ניט, ער קומט אין שוהל, זאָגט מען, דו ביסט אין דער היים ביים וואַרשטאַט, קומט ער צו דיר אַהיים, ביסטו גאָר אין באָד, קומט ער אין באָד, זאָגט מען, דו ביסט אַוועק אין דאָרף. ער זוכט דיך שטענדיג און קען דיך ניט געפינען. אָט אַזוי, ברידערלאַך, איז מיט אייך. דאָ זייט איהר אין פעלד מיט'ן אַקער, און דאָ זייט איהר אויף אַ יאַריד און האַנדעלט מיט פערד, דאַרום איז ביי אייך קיין מזל ברכה ניטאָ, האַלט זיך ביי איין זאַך, זייט איהר ערד אַרבייטער, טאָ זעהט איהר צו, ווי זי פאָדערט. עובד אדמתו (דער וואָס אַרבייט זיין ערד) ישבע לחם (ווערט ער זיין זאַט מיט ברויט!)

אין דער צווייטער קאָלאָניע, אַ רב אַ „בר תנורא"

מיר זיינען געקומען אין אַ צווייטער שטעדטעל. עס איז געווען גאַנץ פריה, האָב איך געזאָגט מיין חזן, אַז איך וועל אַריין צום רב, ווייל איך האָב געהערט אַז ער איז מיט מיר פון מיין שטעדטעל (איך האָב איהם ניט געקענט). איך בין אַרויף צום רב אויפ'ן הויף. דער שנעע איז געווען גרויס, און דער פראָסט האָט געברענט. די שטיבעלע איז געווען פאַרוואַר־פען מיט שנעע ביז די פענסטער. האָב איך געזעהן אַז אַ יונגער מאַן געהט אַנגעטהאַן אין אַ וואַרעמן קאַפּטען, אַ פעלצענע היטעל אויפ'ן קאָפּ, גרויסע וואַליקעס אויף די פיס, און טראָגט אויף זיך אַ גרויסען פאַק שטרוי אַרומגעבונדען מיט אַ שטריק.

פרעגט איך איהם: — וואו וואוינט דאַ דער רב?

ענטפערט ער מיר: — „אנכי הרואה", דאָס בין איך דער רב! — און בעט מיך איך זאָל אַריין מיט איהם אין שטוב.

ער האָט אַ וואָרף געטהאָן דעם פאַק שטרוי און דערלאַנגט מיר אַ בענקעל און געבעטען מיך זיצען און אַליין האָט ער גענומען און אַרויסגעשאַרט דעם אַש פון דער הרובע, און גענומען שטאָפּען בינטלאַך שטרוי, הייצען די הרובע (דאָרטען הייצט מען מיט שטרוי). האָב איך איהם געזאָגט בדרך הלצה: — הפנים אַז די רבנים מעגן הייצען די הרובעס ביי די קאָלאָניסטען! אויף הייצען הרובעס, האָט איהר געדאַרפט האָרעווען יאָהרען לערנען צו קריגען סמיכת אויף רבנות, הייצען הרובעס קען דאָך אַ פראָסטער בשר ודם! אָהן סמיכות, אָהן תורה, אָהן חכמה.

זיין ענטפער איז געווען אַ שווערער זיפץ און קיין וואָרט.

איך האָב באַטראַכט זיין וואוינונג: אַ קליין שטיבעלע, דריי קליינע צימערלאַך, מעבעל זעהר אָרימע. נאָר צוויי

גרויסע פּאַליצעס אָנגעשטעלט מיט ספרים ש״ס און פּוסקים, דרוש ספרים, אויך השכלה ספרים. איך האָב זיך מיט איהם פאַנאַנדערגערעדט (אַז ער האָט געענדיגט הייצען די הרובע און פאַרמאַכט דעם קוימען) ערשט, ער איז אַ מאַן פול מיט תורה און חכמת ישראל. מיין האַרץ איז מיר צובראָכען געוואָרען באַטראַכטענדיג זיין לאַגע. אַ מענש האָט אָפּגעהאָרעוועט פיעל יאָהרען, די בעסטע יונגע יאָהרען אָפּגעגעבען פאַר׳ן לערנען, געוואַלגערט זיך אין די ישיבות, געשלאָפען אויף די האַרטע בענק, פיעל מאָל ניט דערעסען, ניט דערשלאָפען, ביז וואַנען ער איז א רב געוואָרען. און וואָס האָט ער דערפאַר? אָרימקייט, דלות, וואַלגערט זיך אין אַ מדבר, אין א קליין אָרימע שטיבעלע מיט זיין פאַמיליע, און באַדאַרף נאָך זיין אַ „בר תנורא" הייצען די הרובעס! זו תורה וזו שכרה? אָט דאָס איז די געצאָהלט פון די לומדי תורה?

זיין ווייב די רבי׳צען וואָס פאַר אַ מציאה האָט זי דאָ געכאַפּט? אַ רב וואָס הייצט די הרובע! זי איז דאָך געווען מסתמא א טאָכטער פון אַ רייכען באַלעבאָס, אַז ער האָט געקענט נעמען אַ רב פאַר זיין טאָכטער. וואָס פאַר אַ גוטס האָט ער איהר געטהאָן? וואָלט ניט געווען גלייכער, ווען ער וואָלט איהר חתונה געמאַכט פאַר אַ סוחר, אָדער פאַר אַן איידעלמאַן אַ בעל מלאכה? נאָר אָבער דער כבוד, האָבען אַן איידעם א רב. אָט דער כבוד המדומה פיהרט אַראָפּ פון וועג, פאַרבלענדט די אויגען, ניט זעהן וואָס גלייכער איז.

איך זאָג דאָס מעהר ניט, מיין אייגענעם מיינונג, פילייכט האָב איך אַ טעות. מיר איז פרעמד די פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי בכלל און פון דער אמת׳ער אידישער טאָכטער בפרט. עס קען זיין, אַז די אָרימע רבי־צען איז שטאַרק צופרידען מיט איהר שיקזאַל. איהר אָרימקייט פאַרדונקעלט ניט איהר גייסט־ליכען פאַרגעניגען! אויסער דעם וואָס דעם רב׳ס ווייב איז אין שטעדטעל פון די ערשטע נכבדות, וואו זי קומט, צי אין שוהל, צי אין אַנדערע ערטער, איהר גיט מען אָפּ כבוד. ווען

קען אָפּשאַצען דעם גייסטיגען פאַרגעניגען, וואָס די נשמה פון דער אידישער טאָכטער שעפּט ווען זי הערט אַז איהר מאַן לערענט מיט'ן זיסען גמרא ניגון. און ווען זי הערט איהר מאַר דרש'נענדיג פון בימה פאַר דעם עולם. זי פיהלט אַ געט־ליכען פאַרגעניגען פיעל מעהר פאַר די רייכע פרויען, די פאַר־פוצטע דאַמעס, וואָס זיצען אין די קלובען, אין די טעאַטערס און פאַרברענגען די צייט אין קערפּערליכע פאַרגעניגענס, וואָס פיעל מאָל ענדיגט זיך מיט טראַגעדיעס. אַלזאָ קענען מיר ניט וויסען העלכע פרוי איז גליקליכער און מעהר צופרידען?

און איך האָב באַלד באַמערקט, אַז די רבי'צען איז צופרי־דען מיט איהר שיקזאַל. ווען דער רב האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די כלי גולה, די אַרבייט קליידער, זיך איינגעוואַשען און אָנגעטהאָן זיין אַטלאַסענע קאַפּאָטע מיט'ן זיידענעם גאַר־טעל, מיט דער רב'אָנישע היטעל, איידעל און שעהן בכבוד'יג האָט ער אויסגעזעהן. די רבי'צען איז געשטאַנען פון וויטען און האָט מיט הן געקוקט אויף איהר איידעלען מאַן. איהר פּנים האָט געשטראַהלט מיט פרייד און ליעבשאַפט, זי האָט פאַרגעסען איהר אָרימקייט און איז צופרידען געווען מיט איהר לעבען, מיט הנ'עוודיגע אויגען האָט זיך נאָך געקוקט ווען מיר זיינען פון הויז אַרויסגעגאַנגען ,געהן אין שוהל.

24
דער ברית אין שוהל

נאָך דעם דאַווענען איז געווען אַ ברית אין שוהל (דאָרטען פראַווועט מען אַלע ברית'ן אין שוהל). דעם רב האָט מען מכבד געווען מיט „סנדק". איך האָב באַמערקט, ווי די רבי־צען שטעהט און קוקט אין די פענסטערלאַך פון ווייבער'שען שוהל, פרייד און צופרידענהייט האָט באַדעקט איהר געזיכט און מיט ליעבלאַכע בליקען האָט זי געקוקט אויף איהר מאַן ווי ער זיצט בכבוד'יג אויפ'ן „כסא של אליהו". איהם, איהר מאַן, האָט מען אָפּגעגעבען דעם כבוד און ניט קיין אַנדערען.

היינט פרעג איך אייך, באדארף אט די פרוי האבען קלור־בען, טעאטערען און אלע פארגעניעגן פלעצער? אז דערפון האט זי דעם בעסטען און דעם גרעסטען פארגעניגן! אך, ווי גליקליך ביסטו אמאל געוועזן דו אידישע טאכטער! דו האסט זיך באנוגענט מיט גייסטיגע פארגעניגענס, דיין הארץ, זיין נשמה איז ריין געוועזן פון פארדארבענהייט, טריי ביסטו געוועזן צו דיין געליבטען מאן וועלכען דו אליין, אדער דיינע עלטערען האבען אויסגעקליבען פאר דיר. גליקליך איז דיין מאן געוועזן מיט דיר, וועלכער האט דיך גענומען פאר א באַ־גלייטערין אין זיין לעבענס־וועג. זיין הארץ איז געוועזן רוהיג, אז זיין פרוי איז טריי און איבערגעגעבען צו איהם מיט'ן הארץ און נשמה. מיט גרעסטען צופרידענהייט לעבען זיך אט די פאר פאלק אין דעם פארוואָרפענעם ווינקעל אין דער אידישער ארימער קאלאָניע.

איך האב זיך דורכגערעדט מיט'ן רב, האב איך געזעהן, אז ער איז אויך צופרידען מיט זיין לעבען. — וואס פעלט מיר? — האט ער מיר געזאגט — לחמי נתן, מימי נאמנים, ברויט גיט מען מיר פארטיגע, וואסער פיהרט מען מיר, עטליכע רו־בעל מזומן האב איך אויך דורכ'ן יאהר, רוהיג בין איך, איך קען זיצען און לערנען פיעל איך וויל, כבוד גיבען זיי מיר מעהר ווי איך בין ווערטה. היינט וואס פעלט מיר, וואס באדארף איך נאך? און מיין פרוי איז אויך צופרידען מיט דעם וואס מיר האבען, און פארלאנגט ניט מעהר. אי, וואס עס קומט מיר אוים ווינטער צו הייצען די הרובע, איך האלט דאס ניט פאר קיין טרחה, און פאר קיין אומ'כבוד.

נאר ווי איך בין ניט געוואוינט געוועזן צו אז סארט לע־בען, האב איך ניט מקנא געוועזן ניט דעם רב און ניט דער רבי'צען און ניט זייערע פארגעניגענס, און ווען זיי וואלטען אפילו וועלען פארהאלטען מיך דארטען, און צוזאגען מיר, אז איך וועל די הרובעס ניט באדארפען הייצען, וואלט איך זיך אנטזאגט פון אזעלכע גליקען, לא הן ולא שכרן.

און מיר האָבען זיך צוזעגענט מיט'ן רב, און מיט דער רבי'צען, און מיר זיינען געפאָהרען ווייטער זוכען בעסערע גליקען. דער הזן האָט מיך איינגערעדט מיר זאָלען פאָהרען נאָך אַמעריקע, נאָר איך האָב זיך אַנטזאָגט, אפילו איך האָב חשק געהאַט צו פאָהרען, נאָר אָהן מיין פרוי'ס ערלויבעניש, האָב איך ניט געוואָלט הערען דערפון. און מיר זיינען אוועק קיין פּאָוואָגראַד. איך האָב געזעהן אַז קיין געשעפטען וועל איך מיט'ן הזן ניט מאַכען, האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך שטעל זיך אָפּ דאָ, און דו קענסט זיך פאָהרען, וואוהין דו ווילסט. מיר האָבען זיך פריינדליך צוזעגענט וילך החזן, דער הזן איז אַוועק אין זיין וועג, און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין פּאָוולאָגראַד.

25
די שטאָדט פּאַוולאָגראַד

די שטאָדט פּ', וואו איך האָב זיך באזעצט, אין וועלכער איך האָב אָפּגעוואוינט מיט מיין פאַמיליע צוואַנציג יאָהר, די שטאָדט וואו איך האָב פאַרבראַכט מיינע בעסטע מיטעלע יאָה־רען, און דאָרטען איבערגעלעבט אַלערליי צייטען, גוטע און שלעכטע, אָט די שטאָדט געפינט זיך אין יעקאָס' גובערניע, אויף דער ליניע וואָס ציהט זיך מיט'ן אייזענבאַהן פון יעקאָס' ביז כאַרקאָוו.

אַ שטאָדט ניט קיין גרויסע, אומגעפער ביי 30 טויזענט איינוואוינער, אידען און קריסטען. אידען זיינען דאָרטען גע־ווען אַ קליינע פּראָצענט ביי הונדערט פאַמיליעס, נאָר זיי האָבען פאַרנומען די גרעסטע געשעפטען פון שטאָדט.

די שטאָדט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר תבואה האַנדלונג אויף אויסלאַנד, און מיט איהרע פאַראָווע מיהלען, וואָס האָבען געמאָהלען ווייצענע מעהל. זיבען מיהלען אַזעל־כע האָבען זיך דאָרטען געפונען, אַלץ אידישע. אַלע אַמבאַרען

פון תבואה האנדעל, אלץ אין אידישע הענט. צוויי אַפּטייקען אידישע. פאַדוואַלען פון בראָנפען איז שוין געווען אי אידישע אי קריסטליכע. צוויי גימנאַזיעס פאַר מענער באַזונדער און פאַר פרויען באַזונדער. א גאָראָדסקאָיע אוטשיליטשצע, מאַגאַזינען, קראָמען פון אַלערליי סחורות, פּריסטענס פון האָלץ, אויך אידישע אי קריסטליכע. צוויי שוהלען אויף דאַזונען (ניט אויף לערנען ווי אין ליטע), דריי בתי-ספר פּרטים ערלויבט פון דער רעגירונג. זיי רופען זיך אידישע שוהלעס, ניט ווייל מען האָט דאָרטען געלערענט אידיש אָדער העברעאיש, חלילה! נאָר ווייל די לערער זיינען געווען אידען, און אידישע קינדער האָבען דאָרטען געלערענט. די אידישע למודים איז געווען אויפ'ן שפּיץ מעסער, אַז צוויי פליגען האָבען דאָס געקענט פאַרשלעפּען, און דאָס אויך מיט רוסישע איבערזעצונג. קיין אידישען וואָרט איז דאָרטען ניט געהערט געוואָרען, וואָרים די עלטערען אַליין האָבען ניט מדקדק געווען צו ערציהען זייערע קינדער אידיש. זייער גאַנצער אַרויסקוק איז געווען מען זאָל זיי צוגרייטען, זיי זאָלען אָנקומען אין גימנאַזיע אָדער אין גאָראָדסקאָיע אוטשילישצע. און אַז עס האָבען זיך געפונען געצעהלטע מענשען, וועלכע האָבען יע געוואָלט לערנען זייערע קינדער העברעאיש און אידיש איז ניט געווען ביי וועמען, ווייל די לעהרער פון די בתי ספר פּרטים, האָבען ניט דערלאָזען עס זאָל זיך געפינען חדרים און מלמדים (זיי האָבען דאָס געקענט אויספיהרען, ווייל דאַן האָט די רעגירונג פאַרווערט חדרים מיט מלמדים) אין שטאָדט, איז אויסער זייערע דריי בתי ספר איז ניט געווען וואו צו געבען לערנען א קינד. דער רעכטער פיהרער פון די לערער איז געווען הער פ'קע ער האָט אַכטונג געגעבען, אַז קיין חדר, קיין מלמד זאָל זיך ניט געפינען.

דער לערער פ' האָט געהאַט דעם בעסטען און דעם גרעסטען קלאַס אין שטאָדט, ניט ווייל ער איז געווען דער גרויסער מלומד, און דער פעהיגער פּעדאַגאָג, נאָר ווייל ער האָט געקענט און געוואוסט ווי צו געווינען די פריינדשאַפט פון די

דירעקטאָרען און די לערער פון די רעגירונג'ס אנשטאַלטען מיט אַלערליי מיטלען, כשר'ע און ניט כשר'ע, זיי זאָלען צו־נעמען זייערע תלמידים אין צאָהל פון דער צעהן־פּראָצענטיקע נאָרמע, וואָס האָט געהערשט דאַן פאַר אידישע קינדער און יענע צוויי לערער האָבען אויף איהם שנאה געטראָגען דער־פאַר. אין אַלגעמיין האָבען זיי געלעבט צווישען זיך תמיד אין פיינדשאַפט, ווי מען זאָגט: — ווי קעץ אין איין זאַק. נאָר געגען מלמדים איז ביי זיי געווען יד אחת. דארום „לא דרכה בעיר רגל מלמד" (אַ פוס פון אַ מלמד האָט ניט בא־טראָטען די שטאָדט.

אָט אין דער שטאָדט בין איך געקומען צו באַזעצען זיך און מאַכען אַ לעבען פון מלמדות. ערשטענס, האָב איך ניט געוואוסט, אַז דאָ איז אַזעלכע שטאַרקע געגנער פון מלמדים, און צווייטענס, וויל איך בין זעהר געווען אויסגעמאַטערט פיזיש און גייסטיג, האָב איך געמוזט זיך אָפּשטעלען דאָ.

געקומען בין איך אין שטאָדט, ווי אַן אמת'ער אָרטאָ־דאָקס. מיין אויסזעהן און מיין קליידונג האָבען עדות געזאָגט אויף מיר, אַז איך בין פון דעם קלאַס פון די כלי קודש. איז ווען איך בין אין דער פריה אריין אין שוהל, האָט מען מיך פאַררעכענט פאַר אַ רב, אַ מגיד, אַ שוחט, אַ משולח פון ארץ ישראל. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אהער קיין געלט ניט געבראַכט. איך האָב באַלד געלייזט אַ היבשע ביסעל שלום עליכמ'ס פון די שוחטים, פון באַלעבאַטים. אפילו דער רב אַן אַלטער מאַן, וואָס מען האָט אונטערגערעדט אויף איהם, אַז ער איז זעהר קאַרג, האָט מיר אויך געשיינקט אַ שלום עליכם. נאָכ'ן דאַווענען, האָב איך זיך מיט איהם דורכגערעדט, האָט ער מיר אָנגעמיהט אַ שטעלע ביז פסח, אין אַ מיהל וואו מען מאַהלט פסח'דיגע מעהל, זיין דאָרטען אַ משגיח. מען וועט מיר גוט באַצאָהלען. מיר איז דאָס געפעלען געוואָרען. אויסער וואָס איך וועל פאַרדינען עטליכע רובעל, קען דאָך אַמאָל טרעפען, אַז איך וועל נושא חן זיין ביי דעם באַלעבאָס,

ווען ער מיך צונעהמען אין מיהל, פאר א פריקאזשציק. איך בין אוועק מיט'ן רב צו איהם אהיים פול מיט האפענונג. דער רב האט מיר געגעבען א צעטעל אין מיהל צום באלעבאס.

דער באלעבאס האט איבערגעלאזען דעם צעטעל און אפגע־מאסטען מיך מיט זיינע בליקען, און געהייסען מיר געהן צו דער ארבייט. איך האב געטהאן מיין ארבייט באמונה, געהיט עס זאל זיין בתכלית ההכשר, קיין השש פון המין זאל ניט זיין. געמיינט האב איך, אז איך האב זעהר אויסגענומען ביים באלעבאס, און איך וועל שוין ביי איהם אפשר קריעגן א שטעלע אויף שטענדיג, און אוועק פארנאכט אויפ'ן אכסניא גאנץ פרעהליך.

נאר ווי אנטווישט בין איך געווארען אויף מארגען, אז איך בין געקומען אין מיהל צו דער ארבייט, איז צוגעגאנגען צו מיר דער באלעבאס און געגעבען מיר פינף רובעל, און זאגט: — יונגערמאן, דאס האט איהר פינף רובעל פאר אייער נעכטיגער טרחה, און איהר קענט געהן אהיים. איהר זייט פאר אונז צו גוט און צו פרום!

ווי א דערשלאגענער בין איך געבליבען שטעהן, ניט גע־וואוסט, וואס צו זאגען איהם. אהן ווערטער בין איך אוועק צום רב און דערצעהלט איהם, אז מען האט מיר אנטזאגט, ווייל איך בין צו גוט, און צו פרום, אט וואס ביי אייך איז א חסרון! דער רב האט א שמייכעל געטהאן און געזאגט: — וואס ביי אייך אין דער ליטא איז א מעלה איז דא ביי אונז א חסרון. מסתמא זייט איהר געווען א צו גרויסער מדקדק, טויג דאס ניט פאר איהם!

26

„פאון־גראדער שוחטים"

אַז דער רב האָט ניט געקענט פאַרענטפערען מיר די שאלה — „ואם תאמר מה נאכל?" בין איך געגאַנגען צו די שוחטים. זיי זיינען דאָך מיינע קאָלעגס, אפשר וועלען זיי קענען פאַרענטפערען מיר?

שוחטים האָט די שטאָדט געהאַט צוויי, איינער א חסידי־שער מ"י, און איינער א מתנגדישער ר"י. בעסער געזאָגט איי־נער א „חסיד", און דער צווייטער א „מתנגד", אַזוי האָט זיך געמאַכט, ניט ווייל די שטאָדט איז געווען צוטיילט אויף חסידים און מתנגדים. הלילה, ווענען דעם איז אין שטאָדט קיין מאָל קיין מחלוקת ניט געווען. ווייל די איינוואוינער האָ־בען אַליין ניט געוואוסט,וואָס זיי זיינען, און צו וועמען זיי באַלאַנגען?

איך, ווייל איך בין א מתנגיד בין איך געגאנגען צום מתנגדישען שוחט ר"י. דערצעהלען פון איהם זיינע מעלות און הסרהונות איז קיין פולע ניטאָ. ער איז געווען א מענש פאר זיך. געקענט אביסעל לערנען, א פרומער איד, א גוטער שוחט, נאָר פון מענשליכקייט איז ער געווען ווייט, ער איז געווען א גרויסער קמצן (פאר לייטען) מיט א פאַרמאַכטער האנט. איך בין געקומען צו איהם פאַר וואָרמעס. ער האָט געבעטען מיך זיצען (דאָס קאָסט קיין געלט ניט), אויסגעפרעגט ביי מיר אלץ ווי דער סדר איז און ניט פאַרפעלט פרעגען ווי היים איך? (ד. ה. ווי רופט מען מיך?) האָב איך איהם געזאָגט — אויב איהר פרעגט מיך ווי איך היים? וואָלט איך הייסען — איהר זאָלט גרייטען צום טיש. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס איך מיין, האָט ער,נעבאך, געמוזט פאָלגען און געהייסען גרייטען צום

טיש. איך האָב ביי איהם וואַרמעס געגעסען. פון זיינע רייד, האָב איך פאַרשטאַנען, אז פון איהם וועל איך ניט געהאָלפען ווערען, ביז איך אַוועק צום חסידישען שוחט מ"י. דער חסי־דישער שוחט איז געווען אַן אנדער סאָרט מענש. ער האָט אָנגעצויגען אויף זיך א מלבוש פון א האַלבען גוטען אידען. זיין קליידונג, זיין פיהרונג, אלץ פאַרפּרומט פאַרגעטערט, צי מיט אַן אמת? איז איהם צו וויסען, נאָר געווען זעהר א קלוגער איד, געקענט אביסעל לערנען, אביסעל חסידות, א מעורב עם הבריות, א פרעהליכער ניט ווי יענער מתנגדישער. צו איהם פלעגען פאַרפאָהרען אלע כלי קודש. ביתו היה פתוח לרוחה, זיין הויז איז געווען אָפען פאר רבנים, שוחטים, מגידים און אלערליי משולחים. ביי איהם געזעסען, ביי איהם געווען קוואַר־טיר. ער האָט צו זיי ניט צוגעלייגט, זיין ווייב די אשת חיל האָט געוואוסט ווי צו פיהרען מיט אזויגע אורחים. ער איז געווען א מאַן ניט קיין הויכער אָבער א גאַנץ דיקער מיט רויטע באַקען, מיט א לאנגע שווארצע באָרד געמישט מיט זילבערנע האָר, לאנגע פּאות געדרייטע מיט א פּאָר שווארצע, קלוגע אויגען, וואָס האָבען ארויסגעוויזען פריינדליכקייט, א שטיק יארמולקע האָט זיך ארויסגעזעהן פון הינטען אונטער זיין סאַמעטענע היטעל, א ברייטער גאַרטעל אויף זיין לאַנגע שווארצע קאַפאָטע. שבת האָט ער געטראָגען זיין מאַנטעל אויף איין האַנט און דער אנדער ארבעל האָט אראָפּגעהאַנגען א ליידיגער (עפ"י חסידות) און א גרויסע, א רויטע פאַטשיילקע ארומגעבונדען אויפ'ן האַלז, פלעגט געהן עקב בצד גודל, טראָט ביי טראָט. דעם טיש האָט ער געפיהרט ווי א גוטער איד, נאָר אָהן שיריים (פון איהם פלעגט קיין שיריים ניט בלייבען), גע־געסען אָהן א גאָפּעל מיט די הענט ווי די גוטע אידען*)

*) די גוטע אידען עסען אָהן א גאָפּעל, ווייל דער טיש איז א מזבח, און די תורה זאָגט „לא תניף עליהם ברזל", מען טאָר ניט באַנוצען אייזען אויפ'ן מזבח.

זמירות האָט ער געזונגען חזנ׳ישדיג (ער איז געווען א בעל תפלה). זיין זוהן א בן יחיד׳ל א בחור׳ל פון א יאָהר פופצעהן פלעגט איהם אונטערהעלפען, מען פלעגט זיך קלייבען ארום די פענסטער הערען זייערע זמירות, און זיין אשת היל פלעגט זיצען ביים זייט און קלייבען נחת פון איהר געטליכען מאַן, פלעגט קוקען אויף איהם מיט גרויס דרך ארץ, ווארום אויסער דעם, וואָס זי האָט איהם פארעכענט פאר דעם גרויסען גע־לערנטען און געטליכען מאַן, איז ער געווען ניט דער ערך שעהנער פון איהר. זי איז געווען דער היפוך פון איהם. ער איז געווען שעהן, דיק, מיט א הדרת פנים און זי איז געווען קליין, דאַר ווי א טרוקענער לולב, מיאוס, שווארץ מיט א לאַנגען פלאַטשיגען נאָז מיט קליינע סערע אויגעלאך און דער שטערען־טיכעל, וואָס האָט באדעקט איהר קאָפּ, איז געווען אראָפּגערוקט ביז די אויגען. איהר בן־יחיד פלעגט איהר אָפּט זאָגען: — „מאַמע, דו האָסט אָפּגעטאַרט דעם טאַטען". — נאָר זי פלעגט דערפאר ברוגז ניט ווערען, אין געגענטהייל, איהר פלעגט נאָך הנאה האָבען, וואָס זי האָט זוכה געווען צו האָבען אזאַ שעהנעם אידען פאר א מאַן. זי פלעגט תמיד זאָגען — ווער עס איז שעהן און איך בין קלוג. — זי איז געווען פרום אויך. זי פלעגט קלייבען נדבות פאר ארימע לייט, פאר ארעמע כלות און ד. ג. געווען אפילו אזעלכע, וואָס האָבען אויף איהר אונטערגערעדט, נאָר מאלע וואָס מענשען רעדען. זי איז געווען א גוטהערציגע, ליעב געהאט העלפען א געפאַלענעם, מקרב זיין א גר, א אידען א למדן און פרומען.

אָט צו דעם מ״י שוחט בין איך געקומען און דערצעהלט זיי אלץ. זיי האָבען מיך צוגענומען בסבר פנים יפות, און האָ־בען מיך צוגערעדט איך זאָל פארבלייבען ביי זיי ביז נאָך פסח, לערנען דערווייל מיט זייער בן יחיד און פאר דער צייט וועט ער שוין זעהן מאַכען מיר א חדר א גוטען. ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס די לעהרער פארפאָלגען די מלמדים און לאָזען ניט צו זיי זאָלען עפענען א חדר, נאָר ער וועט שוין זעהן

דאָס בעוואָרענען, אז די לערער זאָלען מיר קיין שלעכט ניט קענען טאָן. איך בין מרוצה געווארען און אָפּגעשטעלט זיך ביי זיי און אָנגעהויבען לערנען מיט זייער בן יחיד. איך האָב אָפּגעלערענט איין וואָך צייט, האָט דער טאַטע מיט'ן זוהן (דער תלמיד) געקליבען נחת פון מיין לערנען און די שוחט'קע האָט פאַרקלונגען די שטאָדט מיט מיר, אז גאָט האָט איהר צוגעשיקט א גוטען לערער פאַר איהר זוהן, אזא וואָס די שטאָדט פאוו־גראד האָט דאָס ניט געהאט קיין מאָל. מיך האָט זי צו־געזעהן גלייך ווי איהר בן יחיד. זי האָט געהאט צוויי ציגען, איהר בן יחיד פלעגט זי געבען טרינקען פון זייערע מילך (ווייל ציגענע מילך איז געזינטער ווי פון בהומת'ע) און איך האָב איהר געזאָגט, אז איך קען ניט טרינקען די מילך, פלעגט זי מיך אָפּנארען און זאָגען אז דאָס איז פון בהמות, און דאָס האָט זי געטאָן צוליב מיין טובה. דער שוחט האָט מיר אויס־געליהען 25 רובעל און איך האָב אָפּגעשיקט אהיים פאַר פּסח און האָט אָנגעהויבען ארבייטען מאכען פאר מיר א קנעלונג. זיינער א שכן י., דער זייף־מאַכער, א איד א למדן, האָט אויך געהאט א אינגעל פון א יאָהר 12, געוואָלט איהם לערנען און עס איז ניט געוועזן ביי וועמען, אז דער שוחט האָט איהם דער־צעהלט וועגען מיר, האָט ער מיך פארופען צו זיך און האָט מיר געזאָגט, אז ער גיט אָפּ זיין בחור'ל לערנען צו מיר אין הדר און ער מיט'ן שוחט וועלען שוין זעהן מאכען מיר דעם חדר, און אזוי איז געוועזן. זיי ביידע האָבען פארטיג געמאכט א חדר פון צעהן קינדער, צוויי הונדערט רובעל איבער'ן זומער מיט קעסט ביי די באַלעבאטים. איך בין געוועזן צופרידען, און פּסח צום סדר, אז איך האָב געזאָגט די הגדה „ויגר שם מלמד" האָב איך דאָס אָנגעמאָסטען אויף זיך, אז דער גר איז געוואָ־רען א „מלמד", אפילו אין דעם אָרט וואו מען ראַמט זיי אוים ווי חמץ ערב פּסח, און ניט מיט די ארבעה בנים און מיט ר' יהודה'ס דרייערעל נאָר מיט צעהן און מיט צוויי הונדערט רובעל מיט קעסט. באלד נאָך פּסח האָב איך זיך געזעצט על

כסא המלמדות מיט צופרידענהייט, ווייל איך האָב געזעהן, אז א מלמד אָהן א קנעלונג איז נאָך ערגער.

פון אָנפאנג איז מיר שווער געווען צו לערנען מיט זיי, ווייל די מעהרהייט פון די תלמידים האָבען קיין אידיש ניט געקענט רעדען און קיין רוסיש האָב איך ניט געקענט, נאָר מיט דער צייט האָט זיך פארבעסערט און איך בין צופרידען געווען מיט די תלמידים און די תלמידים מיט זייערע עלטערען פון מיר.

27
די זעלביגע יוצרות נאָר מיט אַן אנדער נאָמען

„ראו זה הדש הוא”, די שטעדטעל האָט דערזעהן א נייס: א חדר, א מלמד, מען לערענט חומש, תנ״ך און גמרא, העברע־איש, אידיש. עס איז געוואָרען אין שטעדטעל א רייד וועגען דעם, די דריי לעהרער פון די בתי־ספר האָבען דאָס דערהערט, האָט דאָס זיי גיט גוט געשמעקט. זיי האָבען זיך עצות געהאל־טען פטור ווערען פון מיר. די איינציגע זאַך מען זאָל דאָס איבערגעבען דעם אינספעקטאָר. מיינע באַלעבאַטים האָבען זיך דערוואוסט וואָס די לערער זיינען גרייט מסר׳ען מיך, האָט מען מתרה געווען די לערער, אז זיי זאָלען זיך ניט דערוועקען צו טהאָן דאָס, ווארום די שטאָדט וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען.

איך האָב אָפּגעקנעלט דעם זומער מיט גרויס ערפאָלג, מען האָט מיר קיין שלעכטס ניט געטהאָן, נאָר איך האָב געלעבט די גאַנצע צייט אין שרעק. איך האָב געציטערט מקול עלה נדף, א קלאַפּ מיט׳ן טיהר האָט מיר א קלאַפּ געטהאָן אין הארצען. דערזעהן דורכ׳ן פענסטער געהענדיג פאַרביי אַן אינטעליגענ־טען קריסט, פלעגט דאָס מיר איבערשרעקען, טאָמער איז דאָס דער אינספעקטאָר. און אזוי האָב איך געענדיגט דעם זומער בשלום. ס׳איז געקומען דער בין הזמנים, דער לערער פ. האָט דערזעהן, אז מען נעמט ביי איהם צו די בעסטע קינדער און מען גיט זיי אָפּ צו מיר, ער האָט געזעהן אז מיט דעם אופן קען זיין קלאַס אונטערגעהן, האָט ער מיך פאַרופען צו זיך

און מתרה געווען מיך, אַז איך זאָל לאָזען מיין חדר און ער וועט מעהר ניט דולדען, נאָר אויב איך וויל דאָ פארבלייבען זאָל איך אָנקומען צו איהם אין קלאַס פאר א העברעאישען לערער און ער וועט מיר צאָלען 75 רובעל א חודש. איך האָב זיך עצות געהאלטען מיט מיינע באַלעבאַטים, זיי האָבען שטארק באַדויערט וואָס מען קען ניט טהאָן בעסער, און איבער־הויפט די שוהט׳קע, זי האָט ממש מיט טרערען געוויינט און זי האָט צוגענומען איהר זוהן פון מיר, געבען איהם אין קלאַס צו פ. האָט זי ניט געוואָלט בשום אופן. און אזוי אויף דעם הינטערדיגען זמן בין איך געוואָרען אוים מלמד, טאַקע קנע־לען און פאָרט ניט קיין מלמד, נאָר מיט׳ן נאָמען „לערער". „די זעלביגע יצרות, נאָר מיט אַן אנדער נאָמען", נאָר פאַסט דאָס פאַר א לערער, וואָס לערענט אין א קלאַס וואו עס העגגט דעם צאר׳ס בילד און די קלאַס קינדער זיצען אָהן היטלען און דער פרינציפּאל איז א גלוה און אָפט געהט אריין אהין דער אינספעקטאר נאַראַדניך אוטשילישץ, וואָס פאר א פנים וועט דאָס האָבען, אַז דער אידישער לערער זאָל אומגעהן אין א לאַנגער קאַפּאָטע מיט לאנגע פּואות? האָב איך געמוזט ווע־רען א מקצר בעליונים ומאריך בתחתנים, ד. ה. א קורצען רעקעל מיט לאנגע הויזען כפי חקי הממדע, פאר א לערער פון א קלאַס. אז די שוהט׳קע האָט מיך דערזעהן אין דעם גע־שטאַלט (איך האָב ביי זיי קעסט געגעסען און געלערענט מיט איהר זוהן). דעם ערשטען מאָל האָט זי אויף מיר קרום א קוק געטהאָן און א ביטערער זיפץ האָט זיך ביי איהר ארויס־געריסען פון טיפען הארצען און א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, ווי איינער זאָגט — אָך און וועה, וואָס פון אזא יונגענמאַן איז געוואָרען! נאָר פון דעסטוועגען האָב איך ביי איהר קיין חן ניט אָנגעוואָרען. זי האָט מיך צוגעזעהן ווי פריהער אפילו מיט ציגענע מילך, און ווען איהר בן יחיד׳ל פלעגט זאָגען שבת די גמרא פאר זיין פאָטער פלעגט זי זיין אויף דעם זיבעטען הימעל.

מיין לערנען אין קלאס איז געווען: עברי און א פסוק חומש און דיינן! פאר די תלמידים פון דעם קלאס פ. איז דאס געווען אריבער געגוג. די עטליכע פסוקים חומש האבען זיי געלערענט אהן היטלען, כי כן צוה המלך, אזוי האט אנגעזאגט דער לערער פ. איך האב קוים ביי איהם פועל געווען, אז דאווענען זאלען זיי אין היטלען.

28
איך האב זיך אנגעהויבען לערנען רוסיש

די רוסישע שפראך האב איך קיינמאל ניט געלערענט, ניט אין חדר און ניט אין די ישיבות, און אז איך בין א שוחט געווארען אי סווים׳ אודאי ניט. וואס הייסט א שוחט זאל זיך לערנען גוי׳איש? אמאל איז מיר ארויפגעקומען דער געדאנק, אז א מענש מוז קענען די לאנד־שפראך, און איך האב זי בשתיקה אנגעהויבען לערנען. איך פלעג אויפשטעהן גאנץ פריה און לערנען די „גראמאטיקע" און די „כריסטאמאטיע" מיט׳ן גמרא ניגון מען זאל ניט באמערקען, אז איך לערען גוי־איש, האט אבער געטראפען א פאר מאל, אז אין מיטען פלעגט אריינקומען א פרוי קוילען אן עוף אדער א קצב פלעגט קומען רופען מיך געהן קוילען א בהמה, האב איך שטארק מורא געהאט עס זאל ניט נתגלה ווערען דער סוד אין שטעדטעל און דאן גאט וויים וואס מיט מיר וואלט געטראפען, וואס פאר א בזיונות איך וואלט פארטראגען?

האב איך געמוזט אויפגעבען מיין לערנען, און אזוי האט זיך דאס געצויגען ביז איך בין אנגעקומען צו פ. אין קלאס. דא האב איך דערזעהן, אז איך מוז זיך לערנען די שפת המדינה. צו איהם פלעגען אריינקומען די לערער פון די רעגירונגס אנשטאלטען אדער פון די אידישע אינטעליגענציע, וועלכע האבען מורא געהאט פאר א אידישען ווארט ווי א שד פאר א מזוזה. ער פלעגט מיך פארשטעלען פאר זיי און איך פלעג

ענטפערען מיט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ, איינטייל נעמען אין זייערע געשפּרעכען איז ניט איך האָב געוואוסט וואָס זיי רעדען און ניט וועגען וואָס. איך פלעג זיצען ווי א שטומער. זיי האָבען מיך פאַררעכענט פאַר אן אומוויסענדע בריאה וואָס ווייס ניט און פאַרשטעהט ניט קיין זאַך. איך פלעג ברוגז ווערען אויף זיך אליין, אין וואָס האָב איך פאַרבראַכט מיינע גאַנצע יאָהרען? וואָס פאַר א נוצען האָבען מיר געבראַכט צום לעבען מיין מיה מיט מיין לערנען? וואָס האָב איך דערפון, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ישיבות ביז צוואַנציג יאָהר אין לערנען גמרא און פּוסקים, געלערענט דריי יאָהר אין וואָלאָזשינער ישיבה, געלערענט און געלעזען פיעל ספרי השכלה און געבליבען א שטומער צווישען מענשען. ווי מען זאָגט: — וואָס טייג דעם אָקס אז ער האָט א לאַנגען צונג, אז ער קען קיין שופר ניט בלאָזען.אָט איז מיין פּרינציפּאַל גאָר א קליינער יכול, איז ער דער קענער און איך בין דער אומוויסענדער. אלזא, איז ביי מיר געבליבען, אז אין אלע אומשטענדען, ווי עס זאָל ניט זיין, מוז איך אָנפאַנגען לערנען די שפת המדינה, נאָר ביים שוחט אין הויז וועל איך דאָס ניט קענען דערוויסען, האָב איך געדונגען אן אנדער קוואַרטיר און גענומען א רוסישען לערער און גענומען זיך צום לערנען און איבער ווינטער בין איך שוין געוואָרען א האלבער קענער. איך פלעג שוין קענען זיצען אין א פאַרזאַמלונג צווישען רוסישע שפּרעכענדיגע כאָטש איך האָב נאָך אונטערגעהונקען, אָפּט פאַרטשעפּעט זיך מיט'ן צונג אין מיין רעדען, אָבער עס איז מיטגעגאַנגען, איך פאַרשטייט וואָס מען רעדט און קען ענטפערען.

29

מיין פאַמיליע איז געקומען צו מיר און איך בין געוואָרן ווידער א מלמד

אכטצעהן חדשים בין איך אין דער היים ניט געווען, האָב איך באַרעכענט און געפאָהרען אויף פסח אהיים, מען האָט מיר צוגערעדט, איך זאָל פארבלייבען אין דער היים, נאָר איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט. אויב מיר איז באַשערט איך זאָל לעבען פון מלמדות, איז בעסער אין מאלעראָסיע ווי אין דער ליטע, דאָרטען אין ליטע איז ניט קיין געלט, ניט קיין לעבען, אין מאלעראָסיע פאַרדינט א מלמד פינף מאָל אזוי פיעל ווי אין דער ליטע. ער קען לעבען גוט און פריי מיט אלע מענשען צו גלייך. בין איך געקומען צוריק אין פאָוו-גראד צום לערער פ. אין קלאַס. אין מיטען זומער האָב איך אראָפּגעבראכט מיין פאַמיליע צו זיך, בין איך אָפּגעווען ביי פ. אין קלאַס דעם זומער מיט נאָך א ווינטער. סוף ווינטער האָבען מיר געזעהן אז פון די שכירות קענען מיר ניט פיהרען אונזער הוצאה, האָט מיין פרוי מיר צוגערעדט מיר זאָלען מאכען א חדר פאַר זיך, אפילו מיט א הדר קען מען ניט לעבען רוהיג איבער די לערער, אבער עס איז בעסער ווי לעבען אין דחקות.

פאַר פסח האָב איך אָנגעהויבען מאכען א חדר פאַר זיך און מיר איז דאָס זעהר לייכט אָנגעקומען, ווייל מיין נאָמען איז געווען גוט, האָב איך געקראָגען קינדער פון רייכע עלטערען, אָבער איין חסרון איז געווען „חסרון כיס", עס האָט מיר גע־פעלט געלט אויף צו מאכען א קלאַס. דינגען א גרויסע הויז פאַר א וואוינונג און פאַר א חדר און מעבעל פאַר׳ן חדר, דאָס איז ניט ליטע, וואָס א מלמד באַנוגענט זיך מיט א פאָר קליינע

צימערלאַך פאַר זיך און מיט'ן חדר צוזאַמען, נאָר גאָט האָט מיר צוגעשיקט א גוטען מענשען, וואָס האָט מיר אויסגעהאָלפען מיט אלץ, דאָס איז מיין פריינד ר. מ. זיידלען, וואָס ביז היינטיגען טאָג בין איך באַפריינדעט מיט איהם און מיט זיין פאַמיליע, כאָטש מיר זיינען ווייט איינער פון צווייטען טויזענטער מיילען, נאָר אונזערע הערצער זיינען פאַרקניפּט און פאַרבונדען עד היום. אָט דער נאָבעלער מענש האָט אונז אויסגעהאָלפען, און ער האָט מיר אָפּגעגעבען זיינע קינדער אין חדר און זיינע קינדער האָבען ביי מיר געלערענט ביז ער איז אָפּגעפאָהרען נאָך אַמעריקע אין 1905.

איך האָב געדונגען א שעהנע דירה, געהאַט א גוטען חדר און מיר האָבען געלעבט רוהיג, קיין סיבה פון די אינספּעקטאָרס האָט מיר ניט געטראָפען. עס איז אלץ געגאַנגען כשורה. אין א יאָהר צייט ארום איז אראָפּגעקומען אן אוקאַז, א צירקולאַר פון דער רעגירונג דורך די השתדלות פון מפיצי השכלה, אַז כל דיכפין, דער וואָס וויל נאָר ווערען א מלמד קריגט ער אן ערלויבעניש פון דער רעגירונג עפענען א חדר, ווען ער צאָלט איין דריי רובעל יעדען יאָהר, אפילו צוליב דעם האָבען זיך פאַרמעהרט מלמדים ווי שוואָומען נאָך א רעגען, נאָר מיר האָט דאָס קיין שאָדען ניט געטהאָן. איך האָב שטענדיג געהאַט דעם בעסטען חדר אָהן מיה, און אין מלמד'ישען לעבען האָב איך אָנגעהויבען לעבען צופרידען.

די צופרידענהייט און דער גליק ביי דעם מענשען אין וועלכען ער געפינט זיך איז ניט ביי יעדען גלייך, ווען ער געפינט זיך אויף אַ שטעלע, גאָר ניט גלייך, וועמען עס געהט אָהן אויפהאלטונג, עס ציהט זיך כסדר און ווערט ניט איבערגעריסען פון וויגעלע ביז'ן קבר, זיין זון שיינט ווי אין מיטען די זומער טעג, קיין וואָלקען באַדעקט איהר ניט, זי לייכט און שיינט קלאָהר און דער בלאָהער הימעל פון פריה־מאָרגען ביז אונטערגאַנג, ביז זי לאָזט זיך אַראָפּ אין מעריב זייט און לאָזט נאָך זיך ברענענדיגע גאָלדענע שטראַהלען, וואָס שיינען אויף די הויכע בוימער און אויף די שפּיצען פון די

הויכע בערג און די פויגלען מיט זייערע אווענד ליעדער באַ־גלייטען איהר ביז זי ווערט פאַרשוואונדען פון אונזערע אויגען, אַז עס קומט די נאַכט. אזוי געהט זיך דער לעבען פון דעם גליקליכען מענשען. ער לעבט זיך אָפּ זיין לעבען גליקלאך פון זיין קינדהייט ביז ער ענדיגט זיין וועלטעל, ער געהט דורך דעם ים החיים פון איין ברעג ביז׳ן צווייטען אָהן מאַטערניש, מיט פאַרגעניגען קוקט ער ווי זיין שיפעלע שווימט זיך רוהיג איבער׳ן ים, שווייגט שטיל, די כוואַליעס ווארפען ניט, ער איז געזונט און פרעהליך זיין גאנצע רייזע ביז ער קומט צום צווייטען ברעג מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען, מיט א צופרי־דענעם געזיכט פארלאָזט ער זיין וועלט. פאראן אָבער פילע, וואָס זייער גליק פון לעבען איז מעהר ניט ווי די זון אין א ווינטער טאָג, זי גיט א שיין אויף א ווײלע אין דער טונקעלער, גראָהער הימעל און באלד ווערט זי באדעקט מיט סערע, שוואַרצע וואָלקענס און ווערט פינסטער אין מיטען טאָג ווי אין א פינסטערער נאכט. דער ים החיים שווימט ער זעהר שטורמ־דיג, ווינציג צייט געהט זיין שיפעל רוהיג איבער דעם קאָכע־דיגען, רוישענדען ים, יעדע ווײלע איז זי אין געפאהר זי זאָל צושלאָגען ווערען אָן די שפיציגע פעלזען און פארזונקען ווע־רען אין די טיפעניש פון אָפּגרונט אין מיטען ים. זיין גאנצע רייזע איז אין שרעקעניש, אין געפאהר ביז ער קומט צום צווייטען ברעג. ווינציג צייט געניסט ער פארגעניגען, אין זיין גאַנצען לעבען ביז ער ענדיגט זיין וועלט.

אן אומגליק האָט אונז געטראָפען נאָך סוכות שנת תרנ״ג

מיינע רוהיגע פארגעניגענס טעג אין מיין אָרעמען מלמדות׳ן לעבען האָבען זיך ניט פיעל געצויגען, אויף א קליינע צייט טונקעל א שיין געטאָן די זון און באלד איז זי באדעקט געווארען מיט א פינסטערען וואָלקען. נאָך סוכות, ווען איך האָב שוין איינגעאָרדענט מיין הדר, געווען צופרידען האָבען מיין חיונה, כאָטש מיט פיעל מאַטערניש אויף א האלב יאָהר צייט באזאָרגט מיט פרנסה (כפי מנהג המלמדים) איז אין מיטען צושטערט געוואָרען דורך דעם אומגליק וואָס אונז האָט געטראָפען, אזא אומגליק וואָס ביז מיינע לעצטע טעג וועל איך איהם ניט פארגעסען, אפילו די „צייט״ וואָס היילט אלע וואונדען איז ניט בכח צו פארהיילען די גרויסע שרעקליכע וואונד, וואָס זי איז טיף, טיף איבערגעבליבען אין מיין הארצען. זי האָט איבערגעלאָזען וואָרצלען אין מיין צובראָכענע הארץ, אז זי וועט קיין מאָל ניט געהיילט ווערען. און זעהר אָפט רופט זי זיך אָפּ אין שמערצליכען קרעכץ מיט א ביטערען זיפץ פון טיפעניש פון מיין הארצען. עס איז שוין פארלאָרען באלד פיער צעהנדליג יאָהר זינט דער אומגליק האָט געשעהן און די וואונד טליעט נאָך אין מיין הארצען.

חול המועד סוכות שנת תרנ״ג האָט פארקריינקט אונזער אינגסטע טעכטעריל רזה׳לע ע״ה און דעם פערטען מר חשון איז זי געשטאָרבען און איבערגעלאָזען נאָך זיך א שרעקליכע קראנקהייט אין אונזער הויז, אז מיין גאנצע פאַמיליע, מיין פרוי מיט פיער קינדער זיינען אלע שטארק קראנק געווארען,

אויסער איך מיט אונזער זוהן אלי׳ (א אינגעל פון זיבען יאָהר) זיינען מיר געזונט געבליבען. דעם הדר האָב איך פאנאנדער־געלאָזען. אלע הדרים פון הויז זיינען געווען פארנומען מיט די חולאים. מיין הויז איז געוואָרען ווי א האָספיטאל, פאר־בלאָקירט, קיינער זאָל אין הויז ניט אריין, אויסער מיין בעס־טער און טייערער פריינד מר. חיים צווילמאן (א מלמד ווי איך) ער האָט צוגענומען אונזער זוהן אליהו׳ן צו זיך און ביינאכט פלעגט ער אריינקומען העלפען מיר ארומגעהן ארום די חולאים. קראפטלאָז פלעג איך ארומגעהן ארום זיי טאָג ווי נאכט, אין שרעק איך זאָל אויך ניט פארקריינקען. גאָט האָט געהאָלפען מיין פרוי און מיין טאָכטער אניוטע און די קלענערע טאָכטער אידע זיינען בעסער געווארען און די עלטערע טאָכטער נחמה לאה און די אנדערע העניע זיינען צושטאָרבען. נחמה לאה דעם 12טען כסלו און העניע ע״ה אין זיבען טעג ארום. מען האָט אונז צוגעכאפט פון דער הויז אין אן אנדער דירה. דעם אומגליק האָב איך פארשריבען לזכרון עולם אין מיין ספר הזכרונות מיט טינט און טרערען האָב איך פארשריבען זייערע מצבות, זייער הייליגען נאָמען פון זייערע נשמות, תנצב״ה.

עבר לים אין וווייטען ווייט,
א גרויסע פעלד דער יאָמער טהאָל
שטעהען מצבות גרויסע און קליינע
אַלטע און נייע אָהן א צאָל.

צווישען שורות פון די קברים,
ווען איהר געהט דאָרט פאַרביי,
זעהט איהר עס שטעהט א מצבה
אויף קליינע קברים׳לאך דריי.

דאָרט רוהען אין אייביגען שלאָף
וואָס ליעב איז געווען און געטריי,
גערויבטע פון גרויזאַמען טויט
יונגע שוועסטערלאך דריי.

דער גרויזאמער טויט האָט גערויבט
דריי ליעבע קינדער קליינע
קרבנות אויף זיין מזבח געבראַכט,
כשרה'ע נשמות ריינע.

זאַפטיגע בליהענדע בוימעלאך
אין צייט פון זעקס וואָכען,
ווי א שטורעם האָט זיי דער טויט
מיט די וואָרצלען אויסגעבראָכען.

זיי האָבען נאָך קיין פרוכט געבראכט
ערשט בליהען אָנגעפאנגען,
האָט זיי דער טויט אָפּגעשניטען
ווי דער שנייד-מעסער די זאַנגען.

יונגע קינדערלאך טייערע,
קורץ איז געווען אייער לעבען.
זאָלען אייערע הייליגע נשמות
הויך אונטער הימעל זאָל שוועבען!

טיף אין הארצען רייסט זיך ארויס
זיפצען, קרעכצען פון צייט צו צייט.
מיר דערמאָנען אייך מיט טרערען
אי איצט פון ווייטען ווייט!

הצעירה **ראָזעלע,** ז"ל. נפטרה ב'
מר חשון, בת שתי שנים.
בשנת תרנ"ג.

הבכירה **נחמה לאה,** ז"ל. נפטרה
י"ד כסלו בת ט"ו שנה

השלישית **העניע,** ז"ל. נפטרה
כ"א כסליו, בת י"ב שנה.
1893 בעיר פ"ג תנצב"ה.

מיר האָבען געדונגען אַן אנדער הויז, ווייט פון דאָרטען וואו דער אומגליק האָט אונז געטראָפען. דער חדר איז ווידער געוואָרען ווי געווען, האָט זיך די וואונד ביסלעכווייז אָנגעפאַנ־גען פאַרהיילען זיך, מען פלעגט אָפט דערמאָנען, אבער דאָס פלעגט אריבער מיט א זיפץ, מיט א קרעכץ און פאַרגעסען. און דער לעבען איז אוועק אביסעל נאָרמאַל, ווי מען זאָגט — וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פאַרגעסען — „על כרחך אתה חי", מען מוז לעבען כל זמן מען לעבט.

אין א יאָהר ארום איז ביי אונז געבאָרען געוואָרען א טאָכטער, און ווייל זי איז געבאָרען געוואָרען פורים, האָבען מיר איהר א נאָמען געגעבען אסתר, און דערצו איז אין יענעם יאָהר געשטאָרבען מיין פאָטערס א שוועסטער אסתר, דאָס איז די באָבע פון דעם איצטיגען וועלט־הומאָריסט **עדי קאַנטאָר.** אויך איז דאַן געקומען צו אונז מיין פרוי'ס מוטער (נחמה ע"ה מיט איהר טאָכטער הנה חיי' און זיינען ביי אונז פאַרבליבען (איהר מאַן, מיין שטיף־שווער איז געשטאָרבען), איז אונזער פאַמיליע פאַרגרעסערט געוואָרען, איז געוואָרען פרעהליכער. אזוי איז דורכגעגאַנגען א פאָר יאָהר אָהן השתנות. מיין פרוי האָט געבאָרען א זוהן, שושן פורים 1896 איז געווען זיין ברית און מיר האָבען איהם א נאָמען געגעבען שלום (פריד). אלע האָבען אונז געוואונשען, אז ביי אונז זאָל זיין שלום ושלוה, מיר זאָלען לעבען רוהיג, מעהר פון קיין שלעכטס ניט וויסען.

מיט די צוויי נייע געבאָרענע קינדער האָבען מיר זיך גע־טרייסט אויף אונזער גרויסען פארלוסט. מיין עלטערע טאָכטער אַנויטע האָב איך אָבגעגעבען לערנען אין גימנאַזיע און די טאָכטער אידע האָט געלערענט ביי מיר אין חדר, געגרייט איהר אויך אין גימנאַזיע. איך האָב געהאַלטען ביי זיך אין חדר די בעסטע רוסישע לעהרער, כאָטש עפ"י חוקי המדינה האָט א מלמד ניט געטאָרט לערנען קיין רוסיש ביי זיך אין חדר, נאָר א מנהג — זאָגט מען — ברעכט אַ דין, אלע מלמדים האָבען

געלערענט רוסיש. מיר האָבען קיינעם קיין שאָדען ניט געטהאָן דערמיט.

איך האָב געוואָלט האַלטען עקזאמען אויף לערער און עפענען א בית ספר פרטי, בין איך געפאָרען אין יעקאטערי־נאָסלאוו צו מיין יוגענד פריינט דר. שמריהו לעווין (ער איז דאמאָלסט געוועזן קאַזיאָנע ראבין דארטען) פרעגען ביי איהם אן עצה, האָט ער מיר ניט געהייסען. ער האָט געזאָגט — איהר זייט א גוטער מלמד און קינדער לערנען ביי אייך אידיש, העברעאיש צום בעסטען, איז פיעל גלייכער צו זיין א גוטער פעדאַגאָג א מלמד איידער א שלעכטער לערער — און אזוי איז פארבליבען.

31

מיין פלימעניק דב״ש קומט מיט מיר מאַכען שותפות א קלאַס

מיר האָט זיך פאָרט געוואָלט עפענען א קלאַס און לערנען רוסיש כדת, האָב איך געזוכט א לערער מאכען מיט איהם שותפות. האָב איך ערהאלטען א בריף פון מיין פלימעניק דב״ש פון מינסק, אז ער וואָלט וועלען קומען צו אונז אין שטאָדט עפענען א קלאַס (ער האָט געהאט ערלויבעניש דערויף, וויל ער האָט געהאט א דיפּלאָם פאר זיבען קלאַסען רעאלנע אוטשילישצע). דערצו איז ער געווען א גוטער העברעיער און א שעהנע אסאָבע. איך האָב געוואוסט, אז מיט אזא מענשען וועלען מיר מאכען א גרויסען ערפאָלג, האָב איך איהם באלד געשריבען און ער איז אין א וואָך ארום געקומען. איך האָב זיך אין מיין רעכענונג ניט גענאַרט, אז מיר האָבען געעפענט

דעם קלאַס, האָבן מיר געהאַט תלמידים העכער פופציג מיט גוטע געצאָהלט, און איז אַוועק זעהר גוט. מיר האָבן אריבער־געשטיגט דעם לערער פ. אויך.

ער האָט זיין גאַנצע פאמיליע ניט געבראַכט צו זיך, מעהר ניט זיין עלטערע טאָכטער מיט דעם עלטערען זוהן און זיין פרוי מיט די קלענערע קינדער האָט ער איבערגעלאָזען אין מינסק. איך מוז פיעל וױנציג שרייבען, וואָס האָט איהם גע־בראַכט ער זאָל פארלאָזען זיין היים און קומען צו אונז. ער האָט אין מינסק גוט פארדינט פון לערעריי. איך וועל דא באַ־שרייבען די סבה זעהר קורץ.

מיין פלימעניק דב״ש איז געווען א גרויסער מלומד אין ביידע שפּראַכען און א גרויסער מאַטעמאַטיקער פון די בעסטע אין מינסק. א יונגערמאַן וואָס האָט געענדיגט א גימנאַזיע, איז ער געווען וױיט פון צו זיין פרום און דורך א ליעבע האָט ער געהייראַט אין מינסק ליפע דעם שוחט'ס טאָכטער, א בת יחידה מיט איין וואָך פריהער וואָס זי האָט געדאַרפט געהן צו דער חופּה מיט א רב'ס א זוהן, וואָס איהר פאָטער האָט איהר פאַר־קנאַסט. איהר פאָטער ליפע דער שוחט, א גרויסער מופלג און א יהקן דעם תוספות יום טוב'ס אן אייניקעל און דערצו א גרוי־סער פאַנאַטיק, איז ער געווען זעהר וױיט פון אוועקגעבען זיין טאָכטער פאַר א בחור א ראַדיקאַל, בפרט אז זי האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שאַנדע און אנטלאָפען פאַר דער חופּה מיט א בחור און חתונה געהאַט בשתיקה. ער איז אויף זיי ברוגז געווען זיין גאַנצען לעבען. מעהר ניט איהר מוטער פלעגט קומען צו זיי בשתיקה דער פאָטער זאָל ניט וויסען.

צי ליפע דער שוחט האָט געהאַנדעלט מיט זיין פיהרונג גוט צי שלעכט? וױיל איך ניט זאָגען. איך שרייב מעהר ניט די געשיכטע ווי ער האָט געהייראַט. זי איז געווען באמת א שעהנע, נאָר וױיט פון צו זיין קלוג און געבילדעט. זי איז געווען א מיידעל, וואָס מעהר ווי דעם טייטש חומש, דעם צאינה וראינה האָט זי ניט געלעזען, אזוי האָט דער פאָטער איהר ער־

צווינגען, ניט א וואָרט רוסיש רעדען און שרייבען. ער האָט זיך מיט איהר ערגעץ צווישען אינטעליגענטע מענשען ניט געקענט ווייזען.

די וועלט זאָגט א ווערטעל — אז די ליבע איז גלייך צו קדחת, זי וואַרפט פריהער אין היץ און דערנאָך אין קעלט, אז די ציינער קלאַפען. די זעלבע קדחת־ליבע האָט געטראָפען מיט מיין פלימעניק. די הייסע, ברענענדיגע ליבע האָט שטארק אין א צייט פון א פּאָר יאָהר אָפּגעקיהלט, אז עס האָט געפראָרען. ער האָט זיך ארומגעזעהן, אז זי איז פאר איהם קיין פּאָר ניט, אין דער היים האָט ער פון איהר קיין נחת געהאט און צווישען לייטען אודאי ניט. שיידען זיך מיט איהר האָט ער ניט געקענט, זי האָט קיין גט ניט געוואָלט נעמען, און צווייטענס אָט אין דער קאַלטער אטמאָספערע האָט זי איהם געבאָרען פינף קינדער, נאָר ער האָט שטענדיג געזוכט א געלעגענהייט צו זיין מיט איהר פון ווייטען. דריי יאָהר איז ער אָפּגעזעסען אָהן איהר אין פאלעסטינע. קומענדיג פון דאָרט, האָט ער ווייטער געזוכט אן אָרט ער זאָל קענען זיצען ווייט פון איהר. א האלב יאָהר צייט איז געגאנגען כשורה און דערנאָך האָב איך באַמערקט, אז ער געהט ארום זעהר צוטראָגען, זיין לערנען איז אויך ניט געוועזן ווי תמיד. איך האָב איהם געפרעגט די אורזאַכע דערפון, האָט ער מיר ניט געזאָגט, נאָר אין א פּאָר וואָכען ארום איז די קאַץ ארויס פון זאַק. ויהי היום, וואו ויהי איז א צרה, זיין ווייב איז געקומען מיט די קינדער. ער איז יענעם טאָג געוועזן ווי א דערשלאָגענער, נאָר פאַרפאַלען, זי איז געקומען האָט ער זי געמוזט צונעמען. ער האָט דערזעהן אז ער קען ניט אנטלויפען פון זיין צרה, ער איז צוגעבונדען ווי א פערד צום וואָגען, ווי דער פערד זאָל ניט לויפען, איז דער וואָגען יאָגט איהם נאָך, האָט ער זיך באזעצט אין א דירה און ווייטער געלעבט, אבער דאס איז שוין ניט געוועזן דער פרעהליכער פלימעניק דב"ש און דער לערנען איז אויך אוועק ניט צום בעסטען.

איך האָב זיך צושיידט מיט איהם

זיין ווייב האָט באַמערקט אז ער זיצט ביי אונז מעהר ווי ביי זיך אין דער היים, א גאַנצען טאָג זיצט ער ביי אונז מיט'ן קלאַס און זיין פרייע צייט פארברייינגט ער אויך ביי אונז מעהר ווי ביי זיך אין דער היים, האָט זי איהם געזאָגט, אז זי וויל זיך אריינקלייבען וואוינען מיט'ן קלאַס און איך מיט מיין פאַמיליע זאָלען דינגען אַן אנדער דירה. צוליב שלום בית האָבען מיר אָפּגעטראָטען פון קלאַס און געדונגען אַן אנדער דירה און זיי האָבען זיך אריינגעקליבען אין קלאַס, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען, ווי נאָר ער פלעגט ענדיגען דעם קלאַס, פלעגט ער לויפען צו אונז. איך האָב באַמערקט אז זיין גרויסע פריינד־שאַפט צו אונז, ווייל ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף מיין עלטערע טאָכטער, האָב איך איהם גוט אויסגערעדט, ער זאָל ניט קלערען אזעלכע נאַרישקייט, ווארום דאָס וועט קיין מאָל ניט געשעהן. ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט און איז אוועק.

אהבה התלויה בדבר, א ליעבשאַפט אז זי איז אנגעהאנגען אַן א זייטיגען אינטערעס, ווען דער אינטערעס ווערט צו־שטערט איז אויס ליעבשאפט, און די ליעבשאפט איז פאר־קערט געווארען צו פיינדשאפט. פון טאָג צו טאָג האָט דער מענש אָנגעפאנגען זוכען חסרונות אויף מיין לערנען און אָפט מיט כעס, האָב איך איהם געזאָגט, וואָס אונזער אלטער פאָטער א"א האָט געזאָגט זיין פלימעניק לוט — אם השמאל ואמינה, ווענסטו געהן לינקס וועל איך געהן רעכטס, און פארקערט דאס זעלבע — מלא כל הארץ לפניך — די שטאָדט איז גרויס גענוג פאַר אונז ביידען, לאָמיר זיך צושיידען, לאָמיר זיך צוטיילען די תלמידים, וועלכע עס וועלען געהן צו דיר, נעם דו, און איך וועל דינגען אַן אנדער קלאַס און נעמען די תלמידים, וועלכע

וועלען געהן צו מיר. איהם איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען, מיינענדיג אז דער גאַנצער קלאַס קינדער וועלען בלייבען ביי איהם, ווייל ער איז דאָך דער פּרינציפּאַל, נאָר ער האָט געמאַכט א חשבון אָהן באַלעבאָס, כמעט אלע תלמידים זיינען אריבער צו מיר, דאַן איז אונזער פריינדשאַפט ארויס צו אַן אָפענער שנאה און אונזער ליעבשאַפט פון קינדהייט אָן איז פאַרקערט געוואָרען צו פיינדשאַפט ביז היינטיגען טאָג, ניט ער וויים וואו איך געפין זיך און ניט איך וויים פון איהם. ער האָט אין פּאַוו־גראַד קיין פּולע ניט פאַרבראַכט און ער מיט זיין פאַמיליע זיינען אַוועק צוריק אין מינסק און איך בין ווייטער געבליבען א מלמד מיט א חדר.

33

נאָך מיין פּלימעניקס אַוועקפאָהרען

נאָך מיין פּלימעניקס אַוועקפאָהרען האָט זיך מיין קלאַס פאַרגרעסערט, קיין רוסישע לעהרער האָב איך שוין ניט בע־דאַרפט דינגען, מיין עלטערע טאָכטער אַנניטע האָט געלערענט מיט׳ן קלאַס און די אינגערע טאָכטער אידע האָט איהר שוין אויך געהאָלפען. די צייט איז מיר געגאַנגען ניט שלעכט, איך האָב געקויפט אַן אייגענע הויז פאַר זיך און פאַר דעם קלאַס. אין א יאָהר ארום האָב איך אויסגעבויט אין הויף א גרויסע הויז. מיין פריינד מ. זיידלען איז מיר צו הילף געווען, און עס איז ווידער אַוועק גוט. ביי אונז אין דאַן געבאָרען געוואָרען א זוהן, דאָס איז אונזער בן זקונים יעקב יאָשע און דער איצטיגער דזשייק. די שוויגער מיינע, וואָס איז געזעסען ביי אונז מיט איהר טאָכטער ח״ה, האָט זיך פאַר דער שוויגער געטראָפען א שידוך א מאַן אין איהרע יאָהרען, אַן אנשטענדיגער מענש, א פאַרמעגליכער און זי האָט פאַר איהם התונה געהאָט. נו, דאַרף מען בעסער! ? אויך פאַר דער שוועגערין ח״ח האָט זיך גע־מאַכט א שידוך פאַר א בחור פון באַברויסק, יעקב היימאַן, און

מיר האָבען געפראוועט התונה ווי פאר אן אייגענע טאָכטער און זי מיט איהר מאַן זיינען אוועק אין באברויסק, איז דאן אונזער פאַמיליע באשטאנען: איך מיט מיין פרוי און דריי זיהן, מיט דריי טעכטער זאָלען לעבען.

אין יענער צייט איז דער ציוניזם געווען אין רעכטען ברען, דאָס איז געווען מיט א פּאָר יאָהר פאר דר. הערצל׳ס טויט. איך האָב גענומען א גרויסען אנטייל אין דער באוועגונג, געווען אין אונזער שטאָדט פון די דורשי לציון, געזאָגט אין שוהל פאר׳ן עולם א פּאָר מאָל אין וואָך. אין חדר ביי מיר איינגעפלאנצט אין די הערצער פון מיינע תלמידים א ליעבשאפט צו אונזער הייליגער לאנד, געזונגען מיט זיי משירי ציון (אמאָל אז אוסישקין איז געווען ביי אונז אין שטעדטעל, איז ווען מיר זיינען געזעסען ביים באָל, וואָס מיר האָבען געמאכט פון זיין כבוד וועגען, האָב איך איהם געפרעגט — וואָס קען איך טאָהן פון ציונ׳ס וועגען? האָט ער מיר געזאָגט — אז איך און נאָך אזעלכע ווי איך קענען מיר זעהר פיעל אויפטהאָן פאר ציון. איהר, לערער, ווען איהר וועט איינפלאַנצען אין די יונגע הערצער פון אייערע תלמידים די ליעבשאפט צו ציון, איז אונזער האָפענונג גרויס, אז מיר וועלען מיט דער צייט האָבען א דור פון חובבי ציון, דערום איז פאר אייך לערער פאַראַן א גרויסע פעלד צו פארזייען ליעבשאפט פון ציון, וואָס מיט דער צייט וועט ארויסוואקסען די בעסטע און שעהנסטע פרוכט.

מר. אוסישקינ׳ס ווערטער האָב איך שטענדיג געדיינקט, און איך האָב ערפיהלט מיין פליכט ווי ער האָט געהייסען, און מיינע תלמידים זיינען געווען שטענדיג צופרידען, ווען איך האָב מיט זיי גערעדט וועגען ציון אדער געזאָגט איינעם פון די קאַפּיטלאך פון תנ״ך, וואו דער נביא טרייסט די אידען און זאָגט זיי צו, ווי זיי וועלען אויפבליהען אין זייער לאנד און זיין א געליבטע, א שעהנע פאָלק, פלעגען זיי דאָס הערען מיט דורשט , און איך גלויב אז פון מיינע אמאָליגע תלמידים זיינען

געבליבען הייסע ציוניסטען עד היום, און אזוי האָב איך ער־צויגען מיינע אייגענע קינדער, פארפלאנצט אין זיי ליבע צו זייער פאָלק, צו זייער לאַנד. איך האָב זיך מיט זיי שטריינג ניט געפיהרט, אז זיי מוזען טהאָן ווי איך הייס, נאָר תמיד געזעהן מיט גוטע רייד איבערצייגען זיי, און זיי זיינען שטענ־דיג מיר געהאָרכזאם געווען, און א דאנק גאָט מיינע קינדער זיינען תמיד געווען געלויבט פון לייטען, און ביז היינטיגען טאָג זיינען אלע מיינע קינדער ארענטליכע מענשען, האנדלען אָרענטליך, מיט גוטע, נאָבעלע נאַטורען, אלע געלערנטע, ווער מעהר, ווער ווייניגער, זיינען אלע קינדער פון מיין פאָלק מיט גוטע, שעהנע מידות און אלע פארהייראט מיט גלייכען צו זיך, אי די שניר, אי די איידימס אידישע, גוטע ארענטליכע קינדער. וזאת נחמתי, אז איך וועל איבערלאָזען נאָך זיך א דור, נאָך מיינע געפיהלען, נאָך מיין וואונש.

34

די רעוואָלוציע אין 1905 מיט די פּאָגראָמען דערצעהלט אין קורצען

איך קום ניט באשרייבען די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905, דאָס האָבען באשריבען היסטאָריקער מיט מעהר איינצעלהייטען. איך שרייב נאָר די איבערלעבונג פון זיך זעלבסט, נאָר שרייבענדיג וועגען זיך בפרט, מוז איך דער־מאָנען ווי עס האָט פאסירט מיט׳ן כלל כאָטש פיעל ווייניג.

די איינוואוינער פון רוסלאַנד אונטער ניקאָליי׳ס רעזשים האָבען אלע געליטען אונערטרעגליך, סײַ אידען און סײַ ניט אידען. עס איז געווען אוממעגליך צו איבערטראָגען דעם שווע־רען לאַסט פון דעם טיראַן ניקאָליי דעם צווייטען און פון זיינע משרתים. נאָר מעהר פון אלעמען האָבען געליטען אחינו בני ישראל, טאָג־טעגלאָך באנייט גזירות ווי אונטערצודריקען זיי בחומר און ברוח. וואָרים ער אליין איז געווען א שונא

ישראל, אַ אידען פּרעסער, און איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַרויסהעלפער ניט בעסערע פאַר איהם, וואָס האָבען איהם שטענדיג אָנגערייצט אויף דעם אידישען פאָלק, און ער ווי אַ בייזער הונט האָט געביסען און געריסען שטיקער פון זיי מיט זיינע אכזריות'דיגע באַפעלען. די אידען האָבען שטיל־ערהייט געזיפצט און געקרעכצט אונטער זיין שווערען יאָך.

אויך זעהר שלעכט איז ער זיך באַגאַנגען מיט דעם אָרי־מען קלאַס מענשען. ער האָט זיי געדריקט אכזריות'דיג. יע־דער הארץ איז פול געווען מיט צאָרן אויף דעם צורר מיט זיינע משרתים. ווי אַ ברענענדיגער פייער האָט געטליעט אין יע־דענס הארץ ווי אין אַ וואולקאַן, וואָס האָט מיט אַמאָל אויס־געבראָכען מיט אַ שרעקליכען שטורעם און עס האָט זיך פאַר־שפּרייט אויף גאַנץ רוסלאַנד. און די גאַנצע באַפעלקערונג האָט אויסגערופען אַ זאַבאַסטאָווקע (אַ סטרייק) איבער דער גאַנצער לאַנד פון אלע מינים ארבעטער: די באַנען, טעלעגראַ־פען, פאַסטען, פאַבריקען. אלע האָבען געוואָרפען זייער אַר־בייט.

עס איז געוואָרען אַ חושך אין דער גאַנצער לאַנד, דאַן האָט דער צורר ניקאָליי געניוט געווען, דורך זיינע מינים־טאָרען, געבען אַ מאַניפעסט, אַז רוסלאַנד ווערט אַ קאָנסטי־טוציאָנעלע רעגירונג, און עפענען אַ דומע מיט דעפּוטאַטען, זיי זאָלען האָבען אַ דעה צו זאָגען אין דער פיהרונג פון דער לאַנד.

שמחה וששון, טענץ און געזאַנג האָט געהערשט איבער דער גאַנצער לאַנד. אין אלע שטעדט און דערפער, איז דער עולם אַרוים אין די גאַסען, געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. מען האָט אָפּגעאָטעמט פריי. אלע באַאמטע פון דער רעגירונג, איבערהויפּט די פּאָליציע, האָבען אַראָפּגעלאָזען די נעזער, אוים ממשלה, וואָס זי האָט געוועלטיגט אָהן גרעניצען ביז דער צייט.

נאָר אָבער די שמחה האָט ניט פיעל געדויערט. אַ פינסטערער וואָלקען האָט באַדעקט איבער די קעפּ פון די

רוסישע איינוואוינער. אַ הושך איז געוואָרען אויף גאַנץ רוסלאַנד בכלל און אויף אידען בפרט. מיט גרוים אכזריות האָבען ניקאָליי׳ס משרתים גענומען פאַרפאָלגען די ,וואָס האָבען פריהער אַרוים געוויזען אַ פרייען גייסט. מען האָט געשאָסען, גע׳הרג׳עט, פאַרזעצט, געפּייניגט מיט אכזריות אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלען אַ שטיקעל חשד פון אומטרייהייט צו דער רעגירונג.

מיט שטאַרקע, אייזערנע הענט, מיט בלוט און מיט פייער אונטערדריקט די רעוואָלוציע, און געוואַשען מיט אידישע בלוט. מען האָט געגעבען אַ וואונק (דורך זיינע משרתים) אַז די גאַנצע צרות נעמט זיך פון די אידען. אלזאָ, איז כל דיכפין, דער וואָס הורייט נאָך אידישע האָב און גוטס, נאָך אידישע בלוט קען קומען אונטהאָן מיט זיי כחפין נפשו, ווי זיין האַרץ געלוסט להרוג ולאבד, שלאָגען און הרג׳ענען, ושללם לבוז, און צורויבען זייער גוטס. און ווי עס איז באַוואוסט, איז דער רוסישער פויער אַ גרויסער בעלן אויף די זאַכען, שלאָגען און רויבען, דאָס איז פון זיינע בעסטע פארגעניגענס, בפרט דעם אידען! האָבען די פויערים פאַרגעסען אין גאַנצען אויף דער רעוואָלוציע און גענומען זיך צו דער אַרבייט, שלאָגען און רויבען די אידען, פאַנאַנדער געלאָזען זייערע הענט „הידים ידי עשו" און געמאַכט פּאָגראָמען אויף די אידען, גע׳הרג׳עט גערויבט און געברענט אידישע הייזער, געשענדט אידישע טעכטער, געפּייניגט אכזריות׳דיג, הרוב געמאַכט העכער הונדערט שטעדט און שטעדטלאַך. דעם אידענ׳ס לעבען, זיין האָב און גוטס איז געוואָרען הפקר.

די גאַנצע אידישע פאָלק האָט געלעבט אין רוסלאַנד אין טויט שרעק. וועלכע שטעדט האָבען אפילו ניט געליטען די פּאָגראָם צרות, האָבען אויך געלעבט אין שרעק, זיי זאָלען ניט האָבען דעם זעלבען גורל, ווי זייערע אומגליקליכע ברידער. עת צרה ליעקב, אַן אומגליקליכע צייט האָבען דאַן אידען איבערגעלעבט אין רוסלאַנד! אַלע שולדען וואַרפט מען אויף

די אידען, אלע שריפות לעשט מען מיט זיין בלוט, ער איז שטענדיג דער „שעיר המשתלה", אלעמענס זינד מוז ער טראָגען, פאַר אַלעמענס עבירות באַצאָהלט ער מיט זיין לעבען!

35

אין פּאָוו-גראַד אין יענער צייט

מיט אונזער שטעדטעל פּאָוו-גראַד האָט אויך געהאַלטען, זי זאָל האָבען דעם זעלבען גורל, ווי אַלע שטעדט פון אוקראַי-נע, און די גרויסע שטאָדט יעקטס' איהר שכנה. פּאָוו-גראַד איז אויך אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט גרויסע דערפער פון רוסישע פּויערים, און פיעל מאָל זיינען זיי שוין געקומען אין שטאָדט ביי די טויזענטער צו טהאָן זייער שוידערליכע אַרבייט. נאָר אַזוי ווי מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז דאָס ווענדעט זיך אָן די רעגירונגס אַגענטען, זיי קענען ניט דער-לאָזען (אויב זיי ווילען), האָבען מיר זיך גענומען צו דעם אַל-טען מיטעל, די אַלטע רפואה, וואָס אונזער פאָטער „יעקב" האָט זיך געראַטעוועט פון זיין ברודער עשו'ס הענט, „וישלח יעקב מנחה לעשו אחיו", נאַדיר עטליכע גילדען און שלאָג מיך ניט.

מיר האָבען אויפגעקליבען פינף טויזענד רובעל און געגעבען דעם איספּראַווניק פון שטאָדט (דער מושל פון פּאָליציי), און דעם פּאָלקאָווניק פון פּאָלק (אַ פּאָלק סאָלדאַטען זיינען געשטאַנען ביי אונז אין שטאָדט), האָבען זיי אונז אָפּ-געהיט פון אַ פּאָגראָם. איז ווען די פּויערים פלעגען זיך צונויף קלייבען אין שטאָדט, פלעגט פּאָליציי מיט די סאָלדאַטען פאַר-טרייבען זיי. מיט דעם אופן זיינען מיר ניצול געוואָרען פון אַ פּאָגראָם. אָבער טויט שרעק האָבען מיר פיעל מאָל געהאַט. מען פלעגט דערהערען אַ געשריי, אַ טומעל אויפ'ן גאַס פון אַ פּאָר שכור'ע פּויערים, פלעגען מיר צולויפען באַהאַלטען זיך אויף די בוידימס, אין די קעלרען, ביז דער רעש פלעגט אַריבער.

נאָך א מיטעל האָבען מיר געפונען, וועלכען פיעלע אנדערע שטעדט האָבען דאָס געטהאָן. געמאַכט (זעלבסט שוין) סאַמאָבאָראָנע, אליין זיך פאַרטיידיגען, „החלש יאמר גבור אני!“ דער שלאָפער זאָל זאָגען: — איך בין אַ העלד! מיר האָבען איינגעקויפט אלע כלי משחית: רעוואָלווערען, פינסקע מעסער און ד״ג, פאַרטיג געווען אַרויסגעהן אויף מלחמה מיט די עמלקים. אין אַלע אידישע הייזער האָבען זיך געפונען די כלי משחית, אפילו ביי אונז אין הויז, וואָס איך האָב תמיד מורא געהאַט אפילו אָנריהרען זיך אָן זיי, האָב איך אויך געהאַט צוגעגרייט אַט די אַלע אינסטרומענטען.

מען זאָל מיך אַ פרעג טאָהן: — ווער איז ביי אונז געווען די שיסער? מיינע זיהן זיינען געווען קליינינקע, די טעכטער האָבען ניט געוואוסט פון די זאַכען. איז מעהר ניט ווי איך אליין, נאָר איך אַליין בין געווען נאָך אַ קלענערער שיסער פון זיי, נאָר אל תפרוש מן הצבור, מען דאַרף ניט זיין אָפגעשיידט פון אַלעמען, האָב איך זיך באַוואָפענט מיט כלי זין.

אַז ניקאָלאַי׳ס משרתים האָבען דערהערט, אַז די אידען באַוואָפענען זיך, איז דאָס זיי ניט געפעלן געוואָרען. ווי קומט אַ איד צו אַזעלכע זאַכען? אַ איד האָט ערלויבעניש צו שרייען ווען מען שלאָגט איהם, אָבער ניט שטעלען זיך אַנטקעגען, אָפשלאָגען זיך, שלאָגען זיך, דאָס איז עשו׳ס געשעפט, הידים ידי עשו, ער האָט הענט צום שלאָגען. האָט מען אַרויסגעגעבען אַן אוקאַז, אַז ביי וועמען מען וועט געפינען וואַפען, וועט שטאַרק באַשטראָפט ווערען, ווי אַ מורד במלכות, אפילו דאָס איז געווען אַרויס געגעבען פאַר אַלעמען גלייך, פאַר אידען און פאַר קריסטען, נאָר דאָס איז געווען מעהר ניט לפנים, אָבער זוכען, האָט מען געזוכט נאָר ביי אידען.

אַן אימה איז געפאַלען אויף אונז אַלעמען. יעדער האָט גענומען מבער זיין זיינע וואַפען, ווי ערב פסח דעם חמץ. מי באש ומי במים,. ווער עס האָט געוואָרפען אין פייער (אין אויוועז) און ווער אין וואַסער (אין טייך). אַנדערע האָבען

דאָס באַגראָבען אין דר׳ערד. איך האָב געמאַכט מיינע וואָפען אַ „גאָלדענעם קבר״. ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די פּאָגראָמען, האָב איך באַהאַלטען אין דר׳ערד (אין אַ בלעכענע פּושקע) עטליכע צעהנדליג גאָלדענע צעהנערלאַך און פינפערלאַך. האָב איך אין דעם זעלבען קבר באַגראָבען די וואָפען אויך, און געשטעלט אויף זיי אַ ביטערע מצבה, פאַרזייהט אויף זיי ציבעלעס, גלייך ווי עס וואָלט אויף זיי געשריבען געווען: „פּ״נ״, דאָ איז באַגראָבען געוואָרען דאָס „אידישע גוטס, מיט די זעלבסט־שוין״, „ולא ידע איש את קברתם״, קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זיי זיינען באַגראָבען געוואָרען, ביז „תחית המתים״, אַז ס׳איז שטיל געוואָרען, דאַן זיינען די מתים פון קבר אַרויס.

די פּאָליציע האָט געזוכט, בודק געווען אַלע אידישע הייזער און מיינע אויך ניט פאַרפעלט, און מיט איין מאָל ניט יוצא געווען, עטליכע מאָל געזוכט. ויהי בחצי הלילה, איין מאָל אין מיטען נאַכט האָט מען אַרום גענומען מיין הויז, גאַנץ פּאָליציע מיט סאָלדאַטען, זשאַנדאַרמעס, מיט געווער, ווי מען וואָלט באַזוכען דעם גרעסטען מערדער. מען האָט איבערגעטרייסעלט אַלע טישען, קאַסטענס, אַלמערס. זוכענדיג וואָפען, האָבען זיי שוין געזוכט פּיעלייכט וועלען זיי געפינען פּאַפּירען רעוואָלוציאָנערע. מען האָט אַלעמען פון די בעטען אַרויסגעטריבען, און געזוכט אין די בעטגעוואַנט, נאָר מען האָט ניט געפונען. מיר זיינען אָפּגעקומען מיט שרעק.

איין מאָל, ווען מען האָט דערשאָסען דעם יעקטס׳ גובערנאַטאָר, איז אַריין צו מיר אין קלאַס דער פּאָמאָטשניק איספּראַווניק מיט פּאָליציע (דאָס איז געווען נאָך וואָרמעס). איך האָב געמיינט, אַז זיי זיינען געקומען זוכען טריפות אין קלאַס זאַכען. ער האָט מיך אַ פרעג געטהאָן:

— איז דיין נאָמען אלכסנדר? האָסטו אַ זוהן יעקב?

איך האָב איהם געענטפערט: — אַז יע.

איך האָב דערזעהן, אַז ער איז מלא שמחה געוואָרען,

און האָט שוין אַ פרעג געטהאָן מיט אַ שטרענגען קול:

— אַ גדיע אָן? וואו איז ער?

— סעי טשאַס אָן פּרידיאָט, באַלד וועט ער קומען, — האָב איך איהם געענטפערט.

איך האָב באַלד אַרויסגעשיקט צוויי אינגלאַך (תלמידים) מען זאָל באַלד ברענגען יעקב אַלעקסאַנדראָוויטשען. מען האָט באַלד אַריינגעפיהרט דעם אַרעסטאַנט יעקב אַלעקסאַנדראָוויטשען, אַ פיער יאָהריגען אינגעל, אַ באָרוועסען אין איינע הייזקעלאַך, און זאָג זיי:

— אָט האָט איהר יעקב אַלעקסאַנדראָוויטש, וועמען איהר זוכט.

דער פּאָמאָטשניק איספּראַווניק קוקט מיך אָן און מיינט, אַז איך שפּאַט פון איהם. האָב איך איהם ערקלערט, די ריכ־טיגקייט, אַז דאָס איז מיין זוהן יעקב. האָט ער געמאַכט דעם דעם פּאָנעם „מי שברך” בקול רם, אויסגעשפּיגען אַ פּאָר מאָל און מיט כעס אַרויס פון הויז. די הדר־קינדער האָבען זיך צו־לאַכט פון דעם רעוואָלוציאָנער, דער פיער יאָהריגער, באָר־וועסער אינגעל, וואָס האָלט מלחמה מיט'ן רוסישען צאַר ני־קאָלאַי.

36

די פּוילישע סאָלדאַטען אין רוסלאַנד

אין יענע צייט איז מיין עלטערע טאָכטער „אַניוטע”, געוועזן אין אָדעס, געלערענט זיך אין אוניווערסיטעט. מיר האָ־בען דערהערט, אַז פּאָליציע פאַרפאָלגט די אוניווערסיטעטען, כאַפּען זיך אָפּט אַריין מאַכען אָביסקען (אונטערזוכונגען) ביי די סטודענטען און סטודענטקעס, און מ'שלאָגט זיי מיט גו־מענע פּאַלקעס, מ'פיהרט זיי אוועק פאַרוואונדעטע אין די האָס־פּיטעלער. האָבען מיר איהר באַלד געשריבען, אַז זי זאָל פאַרלאָזען דעם אוניווערסיטעט און קומען אַהיים.

א קנאַפּען יאָהר האָט זי זיך געלערענט דאָרט. פאַר דעם יאָהר צייט האָט זיך די פּאָליציע מיט איהר ניט באַקאַנט, נאָר זי האָט זיך יע באַקאַנט, ניט מיט דער פּאָליציע און ניט מיט זייערע שמיין, נאָר מיט אַ יונגען מאַן אַ סטודענט, וואָס האָט געלערענט דאָרט, אַ בחור פון אונזער שטעדטעל „גרישע מאַקאַראָווסקי״ איז זיין נאָמען און איז פאַר איהם אַ כלה געוואָרען. ער האָט געענדיגט זיין שטודיום, האָט ער געמוזט אָפּגעבען זיין חוב ניקאָלאַי׳ען, וואָיענסקע-פּאָווינאָסט, זיין אַ סאָלדאַט, און מען האָט איהם אָפּגעשיקט דינען סאָלדאַטסקע סלוזשבע״ אין פּוילען אין דער שטאָדט „סעדליץ״.

אַזוי פלעגט טהאָן דער צאַר ניקאָלאַי, די פּוילישע סאָלדאַטען פלעגט מען אָפּשיקען אין מאַלע-ראָסיע און די מאַלע-ראָסיער אין פּוילען, בכדי יעדער סאָלדאַט זאָל ניט זיין אין זיין היים.

די מאַלע-ראָסיער סאָלדאַטען איז אין פּוילען ניט אַזוי שלעכט געווען, ווייל זיי האָבען געקענט אַלע גוט די רוסישע שפּראַך און גוט געוואוסט, וואָס עס פאָדערט זיך פון אַ סאָלדאַט. אָבער ניט אַזוי גוט איז געווען דער גורל פון אַ פּוילישען סאָלדאַט, וואָס מען האָט אָפּגעשיקט אין מאַלע-ראָסיע, וואָרים די פּוילישע יונגע לייט זיינען געווען פרעמד פון דער רוסישער שפּראַך, און דאָס רוב פון זיי פרעמד אויך פון דער וועלט. מעהר ווי דעם רבי (דעם חסידישען גוטען אידען) מיט׳ן רבי׳ס טיש, האָבען זיי ניט געוואוסט. הייגט שטעלט זיך פאָר, ווען מען ברענגט אַזעלכע יונגע לייט אין דער קאַזאַרמע צווישען גוים, און מען הויבט אָן לערנען מיט זיי די סאָלדאַטסקע דינים, און די נעמען פון צאַר מיט זיין פאַמיליע מיט זייער טיטול, און די נעמען פון אַלע סאָלדאַטסקע אָפּיצערען. קוקט ער אָן ווי אַ האָהן אין „בני אדם״. פּיעל קלעפּ כאַפּט ער פון זיין דיאַטקע (דער עלטסטער וואָס לערנט זיי) ביז וואַנען ער לערענט דאָס אויס. פּיעל פאָנסקע מי שברכ׳ס כאַפּט, ער ווייס מעהר ניט, אז דאָס זיינען זידעל ווערטער.

ווען איהר וואָלט זעהן דעם בילד, ווען מען ברענגט זיי צו טרייבען מיט׳ן באַן, צום קאַזאַרמע, און פלעגן דורכגעהן די גאַסען פון שטאָט. ווען איהר וואָלט ניט געזעהן צווישען זיי די גוי׳אישע רעקרוטען, און די סאָלדאַטען וואָס פיהרען זיי, וואָלט איהר רעכענען, אַז דאָס געהען אַ געמיינדע חסידים, וואָס פיהרען דעם רבי׳ן צום תשליך, אָדער צו קידוש לבנה, ווייל זיי זיינען נאָך געקליידעט אין די אייגענע בגדים, די לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די סאַמעטענע היטעלאַך (ביז זיי קומען אין קאַזאַרמע געהען די רעקרוטען אין די אייגענע בגדים), פאַרוואַקסען מיט בערדלאַך. אמת׳ע זיידענע יונגע לייט. היינט זייער גאַנג איז אויך ניט ווי סאָלדאַטען געהען מיט אַ סדר. נאָר זייערע אומעטיגע פנים׳ער, מיט די אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, האָבען עדות געזאָגט אויף זיי, אַז זיי געהען איצט ניט צום רבי׳ס טיש כאַפּען שיריים, נאָר זיי געהען אין קאַזאַרמע עסען טריפה׳ס פון קעסעל, און כאַפּען קלעפּ מיט זידלעריי פון זייער רבי, להבדיל, דער דיאַדקע. ענוים קשים פלעגען נעבאַך ליידען די אומגליקליכע יונגע לייט, ביז וואַנען זייער פעדאַגאָג האָט זיי אויסגעלערענט דאָס וואָס פאָדערט פון דעם רעקרוט (דער נייער סאָלדאַט). ווען ער פלעגט שוין איבערקומען דעם לערנען, האָט זיך אָנגעהויבען די יסורים פון עסען, ווען מען האָט איהם אַוועקגעזעצט עסען פון אַ בלעכענע שיסעלע, מיט אַ הילצערנע לעפעל, די קאַפּוסטע (קרויט) מיט שטיקלאַך חזיר, מיט׳ן גראָבען סאָלדאַטסקען ברויט. דער פוילישער יונגערמאַן, וואָס האָט קיין מאָל קיין טריפה מאכלים ניט געגעסען, וואָלט ער וועלען בעסער הונגערען, איידער טריף מאכען זיין מויל. אָבער דער דיאַדקע, דער בעל רחמים, קען ניט פאַרטראָגען, אַז זיינער אַ סאָלדאַט זאָל חלילה הונגעריג בלייבען, נויט ער יענעם מיט גוואַלד, אַז ער זאָל עסען. און אויב יענער וויל ניט, הייסט ער אַ פּאָר גוי׳אישע סאָלדאַטען, מען זאָל איהם צוהאַלטען, און דער דאדקע, דער בעל רחמים פלעגט איהם אויסשמירען די ליפּען מיט חזיר, פיעל

קלעפּ פלעגט ער קריגען אין מאָרדע, פאַר זיין ניט לאָזען זיך, און אָפּט פאַרשפּאַרען אויף א גאנצען מעת לעת אויף ברויט און וואַסער (דאָרטען האָט ער ערשט אויסגערוהט). נאָכ'ן עסען האָט זיך אָנגעפאַנגען דער מאַרשירען, דער שפּרינגען איינער איבער צווייטען, אָדער איבער אַ פלאַנקען (אַ צוים). הייסט אַ פּוילישען יונגען מאַן שפּרינגען, אַז ער האָט אויף זיין לעבען ניט געשפּרונגען, מעהר ניט ווי „קדוש" צו קדושה, אָדערצו קידוש לבנה צו (כשם שאני רוקד) אַז ער זאָל איבער־שפּרינגען איבער אַ פלאַנקען. פלעגט ער דריי מאָל פאַלען, פלעגט איהם זיין דיאַדקע ניט לאָזען ליגען, נאָר כאַפּען איהם פאַר די פיס און אַריבערוואַרפען איהם אויף דער צווייטער זייט. צרות כהונה וכהונה פלעגן זיך די אומגליקליכע פּוילישע סאָלדאַטען אויסלײדען ביז וואַנען זיי האָבען זיך אויסגעלערענט.

נאָר שבת און יום טוב האָבען זיי אָפּגעלעבט. מ'האָט זיי געלאָזען פריי אויף דיזע טעג, און יעדער איד פון שטאָדט האָט דאָס געהאַלטען פאַר אַ גרויסע מצוה נעמען אַ סאָלדאַט צו צוויי אויף דיזע טעג. עסען און טרינקען זייער גאַנצע צייט וואָס זיי האָבען געדינט. יעדער סאָלדאַט האָט שוין גע־וואוסט זיין באַלעבאָס. געווען פון זיי גאַנץ פיינע געלערענטע יונגע לייט, לומדים. ניט פיעל פון זיי פלעגען פאַרבלייבען ביי אונז אין שטאָדט אויף שטענדיג. נאָר די מעהרהייט פלעגען זיך צוריק קערען אַהיים קיין פּוילען. זיי האָט געצויגען צו זייער געבורט'ס לאַנד און צו זייערע גוטע אידען. דער רבי איז ביי זיי געווען טייערער פאַר זייער אייגענע פאַמיליע. אַז מען פלעגט זיי אָפּלאָזען אַהיים, פלעגען זיי פריהער לויפען זעהן זיך מיט'ן רבי איידער מיט דער אייגענער פאַמיליע. די פיער יאָהר צייט וואָס זיי האָבען געדינט, האָט ניט אָפּ־געקילט זייער הייסקייט צום רבי'ן מיט זיין טיש.

37

אונזער טאָכטער אַ׳ האָט התונה אין סעדליץ פאַר איהר חתן ג״מ, וועלכער האָט דאָרטען געדינט אַלס פריוויליגער סאָלדאַט

אין פוילען, אונזערע רוסישע סאָלדאַטען האָבען ניט געלעבט אַזוי גערדריקט, ווי די פוילישע ביי אונז, אז אין צייט פון סלוזשבע איז זיי גאָר געלעגען אין זינען התונה האָבען.

דער סטודענט פון אָדעס „ג״מ״ וואס האָט געדינט אין סעדליץ (פוילען) און האָט נאָך ניט געענדיגט זיין סאָלדאַטשינע, האָט געשריבען אַ בריף נאָך אַ בריף צו זיין כלה, אונזער טאָכטער אַניוטע, זי זאָל קומען קיין סעדליין שטעלן חופה מיט איהם (מיר האָבען דערפון ניט געוואוסט).

אַמאָל אין אַ פריה מאָרגען זאָגט אונז אונזער טאָכטער, אַז זי וועט פאָהרען קיין אָדעס אין אוניווערסיטעט ענדיגען איהר קורס. זי איז אַוועק צום וואָגזאַל, נאָר אַ בילעט האָט זי גענומען ניט קיין אָדעס, נאָר קיין סעדליין, און דער באַן האָט איהר פאַרפיהרט ניט קיין אָדעס אין אוניווערסיטעט, נאָר קיין סעדליץ צום חתן. און אין עטליכע טעג אַרום האָבען מיר ערהאַלטען אַ טעלעגראַמע פון זיי, מיר זאָלען זיי געבען ערלויבעניש און אַ ברכה קודם החופה. מיר האָבען זיי געשיקט (אַ ברירה האָבען מיר געהאַט ?)

מיט אַכט טאָג שפּעטער האָבען מיר ערהאַלטען אַ בריף פון סעדליצער רב, אַז ער האָט זיי געגעבען חופה און קדושין כדת. אין עטליכע חדשים אַרום זיינען זיי געקומען אַהיים, און אַ דאַנק גאָט, זיי לעבען מיט פרידען און פרייען גליקליך ביז איצט !

אונזער זוהן אלי׳ איז אַרויס פריי פון פריזיוו, און אַוועק קיין כאַרבין, און דאָרטען התונה געהאַט און האָט אויך געבעטען אַ ברכה און אַן ערלויבעניש פאַר דער חופה, און איהם אויך געגעבען. און אַזוי האָבען מיר התונה געמאַכט (ד״ה זיי האָבען אַליין התונה געהאַט) און מיר זיינען אויף זייערע התונות ניט געווען.

אין יענער צייט איז געווען די רוסקי־יאַפּאַנסקי קריג, איז מיין שוואָגער יעקב היימאַן, אַ געוועזענער סאָלדאַט, האָט באַדאַרפט געהן אין מלחמה. נאָר ער האָט זיך אויסגערעכענט, אַז עס לוינט ניט צו געהן שלאָגען זיך פאַר ניקאָלאַי׳ען מיט די יאַפּאַנצעס, איז ער בעסער אַוועק קיין אַמעריקא. אין אַ יאָהר אַרום האָט ער געשיקט נאָך זיין פאַמיליע, און גראַדע אין יענער צייט, איז אונזער פריינד משה ז׳ האָט אויך פאַרנומען זיין פאַמיליע און זיינען צוזאַמען אַוועקגעפאָהרען. דאַן איז געווען אַזאַ צייט, אז ווער ס׳האָט נאָר געהאַט די מעגליכקייט צו אַנטלויפען פון רוסלאַנד, איז אַנטלאָפען. דאָס איז געווען די צייט פון פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאנד אונטער דער ממשלה פון ניקאָלאַי׳ען. מיר האָט זיך אויך געוואָלט אנטלויפען אין אמעריקא פון ניקאָלאַי׳ען, נאָר איך האָב ניט געקענט. האָב איך געוואָלט כאָטש איבערבייטען מיין אָרט, צי שטעדטעל וואָס איך זיין, אויף אַן אַנדערע. אָט ווי אַ חולה וויל זיך קערען פון איין זייט אויף דעם צווייטען, אפשר וועט איהם בעסרער ווערען?!

38

איך פאַרלאָז פּאַוו-גראַד

א משך פון צוואַנציג יאָהר זיינען מיר אָפּגעזעסען אין פּאַוו-גראַד. דאָרטען האָב איך מיט מיין פאַמילע פאַרבראַכט מיינע בעסטע יאָהרען אַן ערך פון דרייסיג ביז פופציג. די בעסטע און די פעהיגסטע יאָהרען פון דעם מענשען אין זיין לעבען צו אַרבייטען, ווי אונזער תורה האָט אויסגעקליבען די זעלבע יאָהרען פאַר דעם שבט לוי צו אַרבייטען אין משכן. איך האָב אין פּאַוו-גראַד אויך געאַרבייט די גאַנצע צייט, גע-האָט אַלערליי צייטען גוטע און שלעכטע, פאַרגעניגען און פּיין, זונען שיין און וואָלקענדיגע טעג. נאָר איך האָב מיין מוטה קיין מאָל ניט פאַרלאָרען, געקעמפּט און געאַרבייט, געשטרעבט און געהאָפט, זיך ניט אונטערגעגעבען דער שלעכ-טער צייט, ווי דער געטליכער משורר (אבה"עז) האָט געזאָגט „מילדי יום אל תיראו, כי כאשר יחנו כן יסעו" (פון די טעגליכע טרעפונג האָט ניט שרעק, ווי זיי קומען, אַזוי געהען זיי אַוועק). דאָס איז דער בעסטער מיטעל פאַר דעם מענשענ'ס עקזיס-טענץ, א מתנה פון גאָט'ס השגחה. דער סוד פון יצירה, אַזוי האָט דער בורא געשטעלט אין דער נאַטור, אַז זיין וועלט זאָל א קיום האָבען!

בדרך כלל האָב איך אין דער לעצטער צייט פון די צוואַנ-ציג יאָהר געלעבט ניט שלעכט אין וואָס א מענש נויטיגט זיך: געזונט און פרנסה, נאָר שווער איז געווען צו איבערטראָגען די טעגליכע שטענדיגע גזירות פון ניקאָלאיען מיט זיינע משרתים און די באַגרעניצונג וואָס ער פלעגט מאַכען אידען.

מיינע קינדער זיינען אלע געווען פעהיג צום לערנען. מיינע טעכטער האָבען געענדיגט גימנאזיע מיט אויסצייכענונג, מיט מעדאלען, ווייל פאר'ן פרויען געשלעכט איז קיין פראָצענט נאָרמע ניט געווען, אָבער פאַר די מאנזבילען איז געווען שטרענג אָבגעהיט אז ניט מעהר ווי איינער פון צעהן 9 קריסטען און 1 איד ווי דער ערשטער צורר פון אידען. פרעה פון מצרים האָט געזאָגט: „כל הבן היולד היארה תשליכותו, וכל הבת תחיון" — די טעכטער האָט ער געהייסען לאָזען לעבען און די זיהן אין טייך ווארפען, דערטרינקען. און אזוי האָט זיך געפיהרט דער צורר ניקאָלאַי. מיינע זיהן האָט מען אין גימנאזיע ניט צוגענומען, ניט ווייל זיי האָבען זיך שלעכט געלערענט, נאָר ווייל זיי האָבען זיך גוט געלערענט. קינדער ניט פון רייכע עלטערען, וואָס האָבען ניט פאַרמאָגט אונטערקויפען די דירעקטאָרען און די לערער פון גימנאזיע, פאר זיי זיינען די טירען געווען פאַרשלאָסען. דער צעהנטער, דער גליקליכער איד איז געווען דעם נגיד'ס קינד, איהם האָט זיין פאָטערס געלט געהאָלפען. מעהר ווי די וויסענשאפט פון דעם ארים קינד.

די קינדער מיינע פלעגען קומען צו מיר מיט טענות — זיי האָבען געהאלטען עקזאמען פיעל בעסער פאר אנדערע און זיי זיינען אויסען געבליבען. איך האָב געמוזט דינגען לערער, לערנען זיי אין דער היים. א חסד פון צאַר ניקאָלאַי, אז ער האָט דאָס ערלויבט!

מיר האָט זיך געוואָלט בייטען די שטאָט פון מיין וואוינונג, אפילו איך האָב ניט געוואוסט צי דאָרטען וועט בעסער זיין, דאָרטען איז דאך אויך דער זעלבער צאַר. בין איך אוועק פרעגען אן עצה ביי אונזער קאזיאָנעם רב ר' א"ב, אפילו דער ברילאק פון זיין היטעל איז תמיד געווען פון הינטען אויפ'ן פאַטילניצע, ווי דער קירזשנער וואלט איהם דאָרטען איינגענייט. ער איז געווען א גרויסער בטלן און א צוטראָגענער איד. דוכט זיך א צוטראָגענער, אָבער שטאַרק אן אויסגערע-

כּענטער מיט דעת א בטלן, א קלויזניק און זעהר א קלוגער און פלעגט אָפט געבען גוטע עצות. בין איך אויך אוועק צו איהם פרעגען, צי זאָל איך ארויספאָהרען פון פאוו־גראד? ער האָט מיר געענטפערט מיט א ווערטעל פון א מאַמר חז״ל — „מאן דביש ליה בהאי מתא, ליזיל למתא אחריתא" — ווענען עס איז ניט גוט אין דער שטאָדט, זאָל ער געהן אין אן אנדער שטאָדט), דאָס מיינט מען, אז ער וועט זעהן אז דאָרטען איז נאָך ערגער, וועט ער קומען צוריק.

— איהר זאָלט וויסען — זאָגט ער, אז מלמדות איז ערגעץ ניט גוט, איז כמעט ניטאָ וואָס צו בייטען. מלמדות דאָ, מלמדות דאָרטען. נאָר אויב אייך דוכט זיך אז דאָרטען וועט אייך זיין בעסער טאָ פּרואווט, ווארום זיצענדיג דאָ וועט איהר קיין מאָל ניט צופרידען זיין. אלזא, פאָרט אויב איהר האָט וואו?

זיין עצה איז מיר געפעלען געווארען, און איך בין גע־פאָהרען אין שטעדטעל יעג׳קווע (איך האָב געהערט, אז זיי זוכען א מלמד אויף אידיש און א לעהרער אויף רוסיש) איך האָב, ווי עס ווייזט אויס נושא חן געווען, און אין עטליכע טעג ארום האָב איך ערהאלטען א טעלעגראַם איך זאָל קומען זיי גיבען גאַראַנטיע פאר 150 רובעל א חודש. תיכף נאָך סוכות בין איך געפאָהרען און גענומען מיט זיך מיין טאָכטער אידע זי זאָל זיין די לערערקע אויף רוסיש און אויך מיין עלטערען זוהן שלום. אין דער היים האָב איך איבערגעלאָזען מיין פרוי מיט די צוויי קלענערע קינדער א. און ז. מיר זיינען פארפאָהרען צו ה. ט. (ער איז געווען פון די וואָס האָבען גע־חתמעט די טעלעגראַם).

39

די שטעדטעל יען-אווע וואו מיר האָבען זיך באַזעצט

די שטעדטעל יען-אווע, דאָס איז באַכמוטער אויעזד. מיט עטליכע יאָהר פריהער איידער איך בין געקומען אהין איז דאָס געווען א וויסטע, א מדבר (סטיעפּ), נאָר אויסלענדער „בעל-גיער" האָבען דאָרט אויסגעפונען רודאַ פון אייזען (אבניה ברזל), האָבען זיי אָפּגעקויפט א גרויסען שטח ערד און האָבען אויסגעבויט גרויסע אייזען פאבריקען מיט פיעל הייזער פאר ארבייטער און פאר די בעאמטע, פאר אינזשענירען און פאר די באלעבאטים און דאָרטען איז געווארען א גאנץ פרעהליכער ישוב.

העכער צעהן טויזענט ארבייטער האָבען געארבייט אויף די פאבריקען, אלץ רוסישע פויערים, אינזשענערען און מעכא-ניקער געבראכט פון בעלגיע און פראנקרייך. אזוי פיעל מענ-שען דארפען האָבען אלץ וואָס פאָדערט צום לעבען, האָבען זיך ניט ווייט פון די פאבריקען באזעצט א גאנצע שטאָדט קרעמער, בעלי מלאכות, אזוי סוחרים מכל המינים. קריסטען זיינען גע-ווען פון די ערשטע וואָס האָבען זיך באזעצט און זיי האָבען פאַרנומען דעם צענטער פון דער נייער שטעדטעל און דערנאָך פיעל אידען ביז 150 פאמיליעס. די מערהייט זיינען געווען פון די ארומיגע אידישע קאָלאָניעס יעקאטס' און כארסא'. זיי האָבען אוועקגעוואָרפען די אקעראייזען און געקומען אין יען-אווע מאכען מסחר. די אורזאַכע פאַרוואָס זיינען די אידען געווען פון די לעצטע, איז צוליב די גזירות פון דעם צאר ניקאָלאַי, וואָס אַ איד טאָר ניט באזעצען זיך אין א דאָרף, איז ביז וואַ-נען אידען האָבען ארויסגעקראָגען אז דער נייער ישוב זאָל זיך רופען „שטאָדט" און ניט דאָרף האָט דאָס געדויערט צייט,

דערווייל האָבען קריסטען פארנומען די בעסטע ערטער, נאָר די אידען האָבען אויך ניט געדרעמעלט און האָבען זיך באזעצט און פארנומען שעהנע געשעפטען, מען האָט אויסגעבויט שעהנע הייזער, שעהנע קראָמען, ס'איז געוואָרען א לעבעדיגע שטעדטעל אין עטליכע יאָהר צייט, א שטעדטעל מיט אלע קליפּערלאך. א בית-עולם, א שוהל און להבדיל א באָד מיט א מקוה, א רב, א שוחט און עטליכע מלמדים. איינער פון זיי איז געווען מעשה-לערער, א גאַנצער אַריסטאָקראַט, געהאַט זעהר גוט (ביז איך בין געקומען) פון זייער אויפפיהרונג וויים איך ניט עד היום ווי מען האָט זיי בעדארפט אנרופען צו ארטאָדאָקסען, צי פריידענקער? ווייל זיי האָבען זיך געפיהרט אויף ביידע געביטען. זייט איהר אריין אין שוהל (שבת) האָט איהר געפונען אן אמת'ע ארטאָדאָקסישע געמיינדע פון א ליטווישער קליין שטעדטעל. אלע מתפללים אין די גרויסע טליתים איבער'ן קאָפּ, אין יארמולקעס, געדאווענט פרום אויפ'ן קול מיט אלע הדורים, אין די היימען ביי זיי אויך ווי ביי די פרומסטע אידען אין ליטע. אָפּגעהיט כשרות כדת, נאָר קוים זענט איהר ארוים פון שוהל באטראכט שבת דעם מאַרק, האָט איהר דערזעהן א נייע וועלט, אוים שבת, אוים אידישקייט. די קרעמער האַנדלען ווי אין מיטען דער וואָך, בעלי מלאכות ארבייטען (ניט אלע), די ווייבער געהן ארום מיט זייערע קאָשיקעס, מען האנדעלט ביי די פּויערים עסענוואַרג, עופות (שבת שטעלט זיך דער מארק) עודנו הבשר בשיניהם, די טשאָלענט פלייש מיט'ן קוגעל איז נאָך ביי זיי צווישען די ציינער, ערשט אָפּגעגעסען דעם שבת'דיגען ווארמעס כהלכתא און מען האַנדעלט און וואנדעלט, מען מעסט און מען רייסט ווי אין א וואָכענדיגען טאָג, נאָר צו דער שוהל האָט דאָס ניט, צו מנחה שבת איז ווייטער דאָ אן עולם און מען זיצט אין שוהל ביז נאָך מעריב און דער שמש מאַכט הבדלה כדת, קוקט אויף די נעגעל צו „בורא מאורי האש", גלייך ווי זיי וואָלטען א גאנץ שבת קיין פייער ניט אָנגעקוקט. עפּעס איין געמיינדע אין צוויי

קאָנטראַסטען אין דער זעלבער צייט. צוויי פאַכיג אידיש מיט ניט-אידיש אין איינעם. קינדער לערנען איז ביי זיי א חוב קדוש, יעדער האָט זיך אנגעשטריינגט לערנען זיין קינד אידיש, העברעאיש, חומש, תנ״ך און גמרא אויך און געצאָלט מיט חשק שכר למוד.

דער ניי באַזעצטער ישוב האָט נאָך ניט געהאט אלע באַדערפעניש וואָס א שטעדטעל בעדאַרף האָבען. קיין טראָ-טואַרען (אויסגעזעצט ביים זייט פון גאס מיט שטיינער צי מיט האָלץ) איז ניט געווען. נאָך א רעגען פלעגט ווערען א בלאָטע א קלעפּעדיגע, אז עס פלעגט ווערען אונמעגליך צו געהן. יעדער ווײלע געמוזט זיך אָפּשטעלען ארומרייניגען די שיך (דערויף האָט יעדער געטראָגען א שטעקען), מען האָט גע-טראָגען אָדער גאַנץ טיפע קאַלאָשען, אדער שטיוועל עס פלעגט פיעל מאָל טרעפען, אז איינער פלעגט פארזונקען ווערען אין בלאָטע מיט איין פוס אָדער מיט ביידע און ניט קענען ארויס-קריכען ביז מען פלעגט איהם קומען צו הילף. בלאָטע איז געווען איבערגענוג אין אלע גאַסען פון שטאָדט, דערפאר איז וואַסער צום טרינקען געווען זעהר ווינציג. קיין שטאָדטישע ברונימער איז גאָר ניט געווען, נאָר ביי עטליכע רייכע באַלעבאַטים, זיי האָבען געהאט ברונימער און ביי זיי האָט מען בעדארפט קויפען וואַסער. יעדער פאַמיליע האָט געצאָהלט זיי מאָנאַטליך פיעל זיי האָבען אויסגענוצט. די ברונימער זיינען געווען זעהר טיפע, וואסער צום טרינקען האָט מען געמוזט גראָבען זעהר טיף, אויב ניט שטארק טיף איז די וואַסער געווען ביטער. ביים ברונעם זיינען געהאנגען צוויי עמער, וועלכע האָבען זיך געדרעהט אויף א ראָד ארומגעבונדען מיט א לאנגער שטריק, ווען איין עמער פלעגט אראָפּ אין ברונעם, פלעגט די אנדערע ארויף מיט וואַסער און דערנאָך פארקערט. צו די ברונימער פלעגט מען מוזען קומען אליין צי א דינסט און אָנשעפּען וואַסער, אז עס פלעגט טרעפען א שריפה אין שטאָדט, קיין פייער-לייט געדונגענע איז ניט געווען, נאָר פרייוויליגע. קיין

באַשטימטען אָרט פאר זיי איז ניט געווען, נאָר א קליינע געביידע, א דעכעל אויף פיער סלופּעס, וואו אונטער'ן דעכעל איז געשטאנען א פּאָר טרוקענע פעסער אויף א וועגעל אויף צוויי רעדלאך. קיין פערד פיהרען די וועגעלאך מיט די פעסער איז ניט געווען. די פּריוויליגע פייערלייט, אז זיי פלעגען דערהערען דעם קלונג פון די גלעקער, וואָס זאָגען אָן, אז אין שטאָדט איז א שריפה, איז באַלד יעדער פון די פייערלייט פלעגט לויפען צו זיך אהיים כאפּען אויף גיך אָנטאָן זיין מע־שענע היטעל און לויפען צו די פעסלאך, שלעפּען אויף זיך דעם וועגעל מיט דער פאָס צו א ברונען און אָנגיסען זי מיט וואסער און שלעפּען זי צוריק צו דער שריפה און צאַפּען פון פאָס עמערוויז וואסער אויף לעשען דעם פייער. דער פייער פלעגט זיך דערווייל טהאָן זיינס אומגעשטערט. ער פלעגט פארלאָשען ווערען, ווען ער האָט ניט געהאט שוין וואָס צו ברענען מעהר.

דירות איז דאָרטען געווען זעהר טייער. מענשען זייגען אָנגעלאָפען פיעל און קיין הייזער איז נאָך ניט געווען געבויט גענוג, אבער דערפאר איז געווען הייץ־קוילען זעהר ביליג, ווייל דער גאַנצער געגענט ארום איז געווען שאַכטעס פון קוילען ווייכע און אנטריצעט, האַלץ איז געווען זעהר טייער, מען האָט דאָס פארקויפט אויפ'ן פוד. אָט אין דער שטעדטעל בין איך געקומען באזעצען זיך און מרביץ תורה זיין!

40
ווי מיר האָבען פאַרבראַכט די צייט ביז מיין פרוי איז געקומען

קיין פסיכאָלאָג בין איך ניט. איך ווייס ניט ווי אזוי די נאַטור ביי יעדען מענשען, נאָר מבשרי אחזה, פון זיך זעה איך, מיין כאַראַקטער האָב איך אויסגעפאָרשט און באמערקט. תמיד ווען מיר האָט זיך עפּעס פארוואָלט צו טהאָן, האָב איך געזוכט אַלץ געפינען צו גערעכט מאכען זיך, אז מיין טואכץ איז גוט,

און מיין וועג וואָס איך גיעה איז גלייך און גוט, און פיעל מאָל טרעפט, ווען עס קומט צו טהאָן דאָס, האָט מען חרטה און מ׳וואָלט שטארק וועלען, אז עס זאָל זיך מאכען א סבה, וואָס עס זאָל שטערען, מ׳זאָל דאָס ניט קענען טהאָן, און ווען ס׳איז קיין שטערונג ניטאָ, טוהט מען דאָס, כאָטש אנטקעגען דעם אייגענעם ווילען.

מיט מיין ארויספאָהרען פון פאָוו-גראד האָט דאָס מיר אויך געטראָפען. פריהער אז איך האָב באשלאָסען איך זאָל ארויס־פאָהרען איז ווי איך האָב זיך איבערגערעכענט האָב איך אלץ געפונען, אז מיין וועג איז גוט און גלייך, נאָר אז עס איז געקו־מען, אז איך האָב בעדארפט אָפּפאָהרען, האָט זיך מיר שטארק ניט געוואָלט און האָב חרטה געהאט אויף דעם גאנצען גע־שעפט. איך וואָלט געהן געווען ס׳זאָל זיך מאכען א סיבה, איך זאָל ניט קענען פאָהרען, נאָר ס׳האָט זיך ניט געמאכט, און ניט ווילענדיג האָב איך פארלאָזען פאָוו-גראד, די שטאָדט וואָס איך בין אזוי שטארק צוגעבונדען צו איהר און אוועק אין א פרעמדען אָרט, אומבאַקאַנטע מענשען, א קליין בלאָטיגע שטעדטעל, פארפיהרען אויף א צייט א לעבען אָהן א פאמיליע.

מיר זיינען געקומען. איך מיט מיין טאָכטער אידע און מיין זוהן שלום. פארפאָהרען זיינען מיר צו מ׳ טירא׳ פארנאכט. דער טאָג איז געווען א רעגענדיגער, די בלאָטע איז געווען גרויס. א הויז איז ביי איהם געווען אן אייגענע. ס׳איז מיר געוואָרען אומעטיג, כאָטש נעם און פאָהר צוריק. אויף מאָרגען האָט מ. טירא׳ געפונען פאר אונז א דירה אין מיטען מארק דריי גרויסע צימערען. איינגעאָרדענט דעם הדר. עסען האָט מען אונז געטראָגען פון זיין הויז, מיט וואסער האָט ער אונז אויך באוואָרענט. אלץ גוט, נאָר מיט׳ן הייצען איז געווען שלעכט. מען הייצט דאָרט מיט קוילען און מיר האָבען ניט געוואוסט ווי צו הייצען דערמיט. זייער גרויסע שטיקער, עטליכע פוד איין שטיק. מיט וואָס צוקלאפען דאָס האָבען מיר ניט געהאט, פלעגען מיר הויבען איין שטיק און וואַרפען אויפ׳ן

צווייטען צוברעכען, ביז מיר פלעגען האָבען קליינע שטיקלאך. אונטערהייצען דארף מען מיט קליינע שטיקלאך האָלץ, דאָס פלעגט אונז ברענגען מ. טירא׳, אבער אונטערהייצען האָבען מיר בעדארפט אליין. מיר פלעגען ביים אונטערהייצען גוט אויסשוויצען און נעכטיגען פלעגט אויסקומען אין א קאלטער הויז, ווייל די קוילען האָבען ביי אונז ניט געוואָלט ברענען. עס איז שווער אויסצושרייבען וואָס מיר האָבען זיך אויסגע־ליטען אין די זעקס וואָכען צייט ביז מיין פרוי מיט די קינדער זיינען געקומען, דאן איז אוועק אן אנדער לעבען.

41
אונזער לעבען אין יענא־ווע ביז מיר זיינען אוועק נאָך אמעריקא

אז גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען, האָט ער געזאָגט — „לא טוב היות האדם לבדו" (עס איז ניט גוט זיין דעם מענ־שען אליין) באטראכט נאָר אדם הראשון איז געזעסען אין גן־עדן, א גאָרטען מיט אלערליי טייערע פרוכטען, רייס און עס פיעל דיין הארץ גלוסט, טרינקען איז געווען גענוג, אז פון פיער טייכען וועלכע האָבען זיך געצויגען פון גאָרטען, איהם האָט קיין זאַך ניט געפעלט פון דעסטוועגען האָט דער באַשע־פער געזאָגט: ס׳איז ניט גוט צו זיין אליין. הייגט אז איך בין געזעסען אין דער קליין בלאָטיגער שטעדטעלע, עס איז ניט געווען וואָס צו עסען (ניט יעדען טאָג פלעגט מען ברייגגען עסען פון מ. טיסא׳) און קיין וואַסער אויף טרינקען, און דער־צו האָט מען נאָך בעדארפט הייצען מיט גרויסע שטיקער שטיין־קוילען, איז קיין וואונדער ניט, אז איך האָב געמוזט אראָפ־ברייגגען מיין פרוי פאר א הילף, און טאקע זינט זי איז געקומען האָבען מיר אָנגעהויבען צו לעבען. ס׳איז אלץ געווארען אין אָרדענונג, מ׳האָט נאָך גענומען א דינסט אין הויז, ס׳פלעגט בלייבען צייט אויף געהן פארברייגגען אין די אָווענט צייטען און רופען געסט צו אונז.

א חדר האָב איך געהאט זעהר א גוטען. די רייכסטע קינדער. מיין טאַטער אידע האָט געהאט די שעהנסטע אורא־קען ביי די גבירים מיט גוטע פרייזען. מיר האָבען אָנגעהויבען לעבען זעהר גוט. איך האָב געזעהן, אז מיר איז דאָ ניט שלעכט, האָב איך אין פאוו־גראד פארקויפט מיין הויז, גענומען פאר איהר פיער טויזענט זיבען הונדערט רובעל. איך האָב אויס־געצאָלט וואָס איך בין שולדיג געווען אויף איהר און מיר איז געבליבען העכער דריי טויזענט רובעל, וואָס פאר א מלמד, וועלכער טהוט ניט קיין געשעפט מיט דאָס געלט איז דאס א גרויסער קאפיטאל בפרט אמאָליגע צייט. דער עולם האָט דערשמעקט, אז איך האָב געלט „אוהבי עשיר רבים", א נגיד האָט פיעל פריינד. מ'האָט זיך א לאָז געטאָן צום רייכען מלמד דער מיט א גמלות חסד און דער אויף פראַצענט און מ'האָט דאָס ביי אונז געקריגען, מ'איז געגאנגען צו מיר ווי צו א גוטען אידען. איך בין שוין ארויס פון דער מדרגה פון א מלמד, וועלכער דארף זיין א נכנע פאר דעם באלעבאָס און חנפ'ענען איהם מיט זיין גאנצע פאמיליע און לויבען זיין זוהן, כאָטש ער קען גארנישט. דאָ האָבען שוין די באַלעבאטים געהאט דרך ארץ פאר מיר. זיי האָבען בעדארפט צו מיר אָנקומען און ניט איך צו זיי און ס'איז געווען א יחוס אז איך האָב צוגע־נומען א קינד צום לערנען. און באמת האָבען אונזערע תלמידים געהאט גרויסע פעולות אי אין אידיש אי אין רוסיש, מען איז געווען מיט אונז זעהר צופרידען. אין די צוויי מיט א האלב יאָהר וואָס מיר האָבען פאַרבראַכט אין יענ־אווע, איז כמעט געווען די בעסטע צייט פון אונזער לעבען אין רוסלאנד, נאָר עס איז געקומען א צייט, וואָס מיר האָבען געמוזט פארלאָזען יענ־אווע און די גאַנצע לאַנד, ווי איך וועל שרייבען אין דעם צווייטען קאפיטעל.

42

וואָס האָט מיטגעבראַכט פאַרלאָזען יען-אווע און גאנץ רוסלאנד ?

אין דעם ערשטען יאָהר פון אונזער זיצען אין יען-אווע איז מיין פרוי'ס מוטער נחמה ע"ה געקומען צו אונז, ווייל איהר מאן (דער שטיף-שווער) איז געשטאָרבען, און אין דעם לעצטען יאָהר פון אונזער ארויספאָהר איז זי געשטאָרבען. זי איז דאָרטען באערדיגט געוואָרען אויפ'ן בית עולם אין יאָהר תרע"א, דעם צווייטען מר חשון, תנצב"ה. דאָס איז געווען דער ערשטער וואָלקען וואָס האָט אָנגעהויבען באדעקען די קלאָהרע הימעל איבער אונזער קאָפּ. דער ווינטער איז נאָך אריבער כשורה בשלום, נאָר זומער צייט נאָך שבועות, די צייט וואָס ס'הויבען זיך אָן די היצען, האָט זיך אָנגעהויבען ווייזען סמנים פון דער שוידערליכער קראנקהייט „חאָלעריע", און וואָס ווייטער אלץ מעהר און מעהר ביז די מגפה האָט גענומען ארבייטען מיט איהר גאנצער קראפט, גערויבט פיעל קרבנות יעדען טאָג, איבערהויפט ביי די ארבייטער פון דער פאבריק. דער אָרימער קלאס מענשען האָט געליטען מעהר פון אלעמען. די חאָלעריע איז אזא גאַסט, וואָס האָט ליעב צו פארפאָהרען אין די אָרימע אכסניות, דאָרט געפינט זי פאר זיך א בעסערן און א זיכערען וואוינונג מיט פיעל שפייז, מעהר ווי אין די רייכע, דארטען קען זי זיצען אומגעשטערט, א לאנגע צייט. דער ארימער ארבייטער, וואו ער האָט געוואוינט סיי אין א געדונגענע הויז און סיי אין א הויז וואָס די פאבריק האָט פאר זיי געבויט איז די הייזעל געווען ארים און קליין, 2-3 צימערלאך און ניט מעהר, אפילו פאר א פאמיליע פון 8-7 פארשוין. איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס די חאָלעריע האָט זיך ארייגעקליבען צו זיי אין שכונות, ווייל וואו ס'איז

דאָ אַן אָרט פאר 7-8 מענשען, קען נאָך איינער געפינען פאר זיך אַן אָרט. היינט זייער ארימער לעבען — איינג און שמוציג און די ארימע, מאָגערע שפייז, דאָס איז אלץ א הילף פאר דער האָלעריע, דאָס העלפט דעם געפערליכען גאַסט ער זאָל זיך באַזעצען אין הויז פאר א תושב און ראַמט אוים פון הויז צו־ביסלאך איינוואוינער איהם זאָל זיין גערוימער צו זיצען, און געהט אזוי פון איין הויז צו דער צווייטער, ווי די מכה פון בכורים אין מצרים. „אין בית אשר אין שם מת", ניטאָ קיין הויז אָהן א טויטען. עס איז געווען א שרעק ארויסגעהן אין גאַס, מ'האָט שטענדיג באגעגענט פיהרענדיג דעם ארון מיט'ן שוואַרצען צודעק. די גאַסען זיינען געווען פוסט, די געשעפ־טען האַלב פאַרמאַכט. די קרעמער זיינען געזעסען מיט אראָפּ־געלאָזענע קעפּ נעבען זייערע קראָמען, מ'האָט ניט געזעהן קיין פרעהליכען פנים און ניט געהערט קיין פרעהליכען קול, איינער האָט אויסגעמיידט דעם צווייטען ניט פאַרפיהרען מיט איהם א געשפּרעך, ווי תמיד, ניט געגעבען איינער דעם צוויי־טען א האַנט, א שאָקעל מיט'ן קאָפּ פון ווייטען און גענוג. די שוהלען פאר קינדער און די חדרים זיינען געווען געשלאָסען, אויך אלע געבעט-שוהלען, די קירכעס און להבדיל די אידישע שוהלען זיינען געווען פאַרמאַכט, קיין פאַרזאַמלונג איז ניט געווען, מ'איז געזעסען אין די הייזער אין אומעט און אין שרעק. א טויטע שטילקייט האָט געוועלטיגט אין שטאָדט, מעהר ניט דער קלינגען פון די קירכע גלעקער האָט זיך געהערט אָהן אויפהער, א געבעט פאר די לעבעדיגע און די טויטע, אבער די האָלעריע האָט זיך ווינציג דערשראָקען פאר דעם קלינגען פון די גלעקער און האָט זיך געשפּאצירט גאַנץ רוהיג איבער'ן שטאָדט פון איין הויז צו דער צווייטער און פלעגט פאַרנעמען מיט זיך קרבנות אָהן רחמנות פון 20-25 נפשות א טאָג.

אזוי האָט זיך געצויגען א פּאָר וואָכען צייט, און אזוי ווי אמאָל אין מצרים צו מכת בכורות האָט דער מלאך המשחית איבערגעהיפּט די אידישע הייזער, אזוי איז דאן געווען אין

דער שטעדטעל יענ-ווע. די חאָלעריע-מגפה האָט נאָר געגרייכט אין די קריסטליכע וואוינונגען און די אידישע הייזער האָט זי איבערגעהיפט, דאָס איז ניט געווען על פי נס ווי אין מצרים, נאָר מיט א דרך הטבע, מיט דער נאַטור, וואָרום דער איד, אפילו דער אָרימסטער, וועלכער אין אלע צייטען איז ער ניט פון די גרויסע מהדרים נאָכקוקען אויף די ריינקייט פון זיין הויז און אויף די שפייז וואָס ער עסט, ער וואוינט און עסט נאָך זיין פאַרמעגען און ווי עס קומט אויס, אבער אין דער שרעקליכער צייט, ווען עס געהט אין סכנות נפשות, וואו דער לעבען שטעהט אין געפאהר, איז יעדער קוקט נאָך מיט זיבען אויגען, אז זיין וואוינונג זאָל זיין ריין, ציכטיג, זיין שפייז זאָל זיין נאָך דער היגיענע פון דער צייט, ער וועט ניט עסען, וואָס עס קען שאדען און ניט טרינקען וואָס מען טאָר ניט, דער משהית זאָל ניט האָבען קיין אריינטרעט אין זיין הויז. אלזא, זיינען די אידישע הייזער כמעט ווי ניט אנגערירט געוואָרען, האָט מען דערהערט אין שטאָדט, אז די קריסטען האָבען אנ-געהויבען רעדען, אז דער אומגליק וואקסט פון די אידען אזוי ווי אין די אמאָליגע יאָהרען אין מיטעל-אלטער פלעגט מען די אידען מאכען שולדיג אין יעדען אומגליק וואָס האָט גע-טראָפען, אז דאָס איז יד ישראל בעמצא, אידען סם'ען די וואסער פון די ברונימער, וכדומה. דאָ האָבען זיי אויך געזאָגט — אז די מגפה האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס די אידען סם'ען די ברונימער, והא ראיה, אז פון זיי שטאַרבען קיינער ניט. אלזא דארף מען זיך מיט זיי אָפרעכענען, ווי זיי האָבען געטהאָן מיט א פאָר יאָהר צוריק — מיט א פאָגראָם וועלען מיר איינשטילען די מגפה.

אין אימה, א שרעק איז באפאלען די אידען פון אונזער שטעדטעל. א דאָפעלטע שרעק האָט אונז ארומגענומען: „מחוץ תשכל חרב, ומחדרים אימת מות", פון דרויסען דער שווערד פון די פאָגראָמשציקעס און אין הויז דער טויט פון דער חאָלעריע.

מיר זיינען געווארען פארצווייפעלט. מיר האָבען גוט געוואוסט, אז דער רוסישער פויער איז באגלויבט, ווען ער זאָגט, אז ער וועט שלאָגען דעם אידען. מיר זיינען ארומגעגאַנגען און געזוכט עצות וואָס צו טהאָן, ביז וואנען גאָט האָט רחמנות געהאט, אז אידען האָבען אויך אָנגעהויבען שטארבען פון האָלעריע, דאָן זיינען די קריסטען אַביסעל שטילער געווארען. ס'איז אביסעל אראָפּ דער חשד פון אונז. איז אבער די אימה פון דער מגפה געוואָרען שטאַרקער, אפילו די אידען האָבען באוויזען גרויסע העלדישקייט, ס'האָבען זיך געפונען העלדישע יונגע לייט, וואָס האָבען געשטעלט זייער לעבען אין געפאַהר און פלעגען לויפען אין די הייזער וואו דער אומגליק האָט געטראָפען און געגעבען גרויסע רעטונג די חולאים נאָך דער עצה פון די דאקטוירים, און מיט זייער הילף זיינען פיעלע פון די חולאים געראטעוועט געווארען פון טויט.

איין טאָג האָט געטראָפען, אז אין איין אידישער הויז איז געשטאָרבען א מאן מיט זיין פרוי, איז געוואָרען א חושך אין שטאָדט. מנהה צייט, נאָך דער לויה, האָט זיך דער עולם צו־נויפגעקליבען אין שוהל און גענומען זיך צו דעם תהילים. עס איז געווארען אַ יאָמער, א קלאָג, אז די גאס האָט גע'רעש'ט. איך בין אויך געוועזען צווישען די תהילים זאָגער. איך האָב דערזעהן, אז דער עולם האָט זיך צופיעל צוהיצט און פון דעם קען חלילה ארויסקומען דער גרעסטער אומגליק, בין איך פון שוהל ארויס, האָט מיר באגעגענט דער אידישער דאקטאר אומענ׳. פרעגט ער מיך — וואָס איז דאָס פאר א פארזאמלונג אין שוהל און וואָס שרייבט מען דאָרט? — האָב איך איהם דערצעהלט, איז ער באלד אריינגעלאָפען אין שוהל און האָט צוטריבען דעם עולם.

— א סך בעסער וועט אייך העלפען ווען איהר וועט פרעהליך זיין ווי איהר וועט קלאָגען און וויינען.

דער עולם איז פאַרנאַנדערגעגאַנגען באלד מיט צובראָכענע הערצער און מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ. די מגפה האָט

ניט אויפגעהערט, מיט איהר פולער מאכט האָט זי געוועלטיגט און טאָג־טעגליך גערויבט קרבנות פון די קריסטען און פון אידען אויך. די קריסטען האָבען דאן דערזעהן, אז דאָס איז א שטראָף פון גאָט און ניט די שולד פון די אידען, נאָר פיעלע פון זיי, די אנטיסעמיטען האָבען זייער מיינונג ניט געביטען. זייערע גיפטיגע הערצער האָט ניט געשטילט און האָבען אָפען גערעדט, אז זיי וועלען זיך אָפּרעכענען מיט די אידען.

מיר, איך מיט מיין פרוי האָבען מיר בארעכענט — וואָס האָבען מיר דא צו זיצען? וואָס האלט אונז אָפּ מיר זאָלען ניט פארלאָזען די בלאָטיגע שטעדטעל מיט די פּאָגראָמשציקעס, מיט דער חאָלעריע? מיר זיינען דא ניט פארבונדען מיט קיינע געשעפטען, צוליב וואָס זאָלען מיר דאָ זיצען אין שרעק? מיר וועלען ארויספאָהרען אין יעקאטערינאָסלאוו וואו אונזער טאָכטער אנויטע זיצט מיט איהר פאמיליע, דאָרטען הערט זיך ניט דער שרעק פון ביידע געפאהרען. די שטאָדט איז גרויס, מיר וועלען געפינען א געשעפט מיט די עטליכע טויזענט רובעל וואָס מיר האָבען. איך בין שוין געווען גרייט צו פאָהרען, נאָר מיר האָבען דערנאָך זיך בארעכענט, אז דאָס איז ניט גוט. נעמען אונזער ביסעל פארמעגען, וואָס מיר האָבען דאס ער־ווארבען מיט שוויים פאר פיעלע יאָהרען און שטעלען אין גע־פאהר. ווער ווייס וואָס עס קען טרעפען דאָ אין רוסלאנד? ניקאָלאי דער צורר היהודים זיצט נאָך אויף זיין בענקעל, די פאָגראָמשציקעס זיינען נאָך ניט אויסגעשטאָרבען. ווי לאנג איז אז יעקאטס' האָט געליטען פון א פאָגראָם? ווער קען וויסען וואָס עס קען זיין? ס'קען זיך חלילה איבער'חזר'ן די זעלבע געשיכטע, די זעלבע בלוט־באָד ווי מיט א פּאָר יאָהר פריהער און ס'קען דערנאָך אויסקומען איך זאָל בלייבען א מלמד א קבצן?

ניין, דאָס איז ניט קיין פלאַן! ווי מען זאָגט „קריכען מיט א געזונטען קאָפּ אין א קראנקער בעט". אלזא, איז איינס פון די ביידע — אדער זיצען דאָ אין יענ־ווע, אדער אין גאנצען

פארלאָזען רוסלאנד. ווארום זאָלען מיר ניט פאָלגען די עצה, וואָס אונזער שוואָגער ז. ליפשיץ האָט אונז פיעל מאָל געשריבען פון אמעריקע? מיר וועלען מיט אונזער ביסעל געלט קענען מאַכען א גוטען לעבען אין א פרייער לאנד. אָט איז ער אין אמעריקע ערשט א פאָר יאָר און ער האָט שוין א שעהנעם געשעפט און לעבט גוט און פריי. האָבען מיר באַשטימט, אז מיר זאָלען איהם פאָלגען און פארלאָזען רוסלאנד. אומר ועשה, גערעדט און געטאָן. איך בין געפאָהרען אין יעקאטער' און גענומען א גובערנאַטאָרסקען פאספאָרט פאר אונזער פאמיליע, געקומען אהיים און געגעבען צו וויסען אין שטעדטעל אז מיר פאָהרען אוועק קיין אמעריקע, און מיר פארקויפען אלע זאכען וואָס מיר נעמען זיי ניט מיט זיך. די שטעדטעל האָט אויפגעקאָכט מיט דעם. ס'זיינען געקומען פיעל גוטע פריינד, מ'האָט אונז אָפגערעדט מיר זאָלען דאָס ניט טהאָן, דאָס איז נאַריש — ווער פאָרט אין אמעריקע? — האָבען זיי גע'טענה'ט — בעלי מלאכות, ארימע לייט, אדער די וואָס מוזען אנטלויפען פון רוסלאנד, אבער ניט אזעלכע אנשטענדיגע מענשען ווי איהר, און נאָך אזוינע רייד. זיי האָבען אונז צורהו ניט געלאָזען, מיר זאָלען זיך ניט דערוועגען טאָהן אזא נארעשקייט! נאָר זייערע רייד האָבען אויף אונז ניט געווירקט. מיר האָבען באשלאָסען, מיר זאָלען פאָהרען, מיר האָבען יונגע קינדער, דאָרטען וועלען מיר זיי קענען לערנען אומגעשטערט, דאָרטען וועלען מיר קענען לעבען פריי אָהן שרעק, און אלע די וואָס האָבען נאָר די מעגליכקייט דארפען ניט זיצען איין טאָג אין דעם בלוטיגען לאַנד!

מ״ה מצעדי גבר כוננו, ואדם מה יבין דרכו
די טריט פון מענשען ווערען געגרייט פון גאָט,
דער מענש וויים ניט און פארשטעהט ניט.

דורך גאָט׳ס השגחה ווערט דער מענש געפיהרט, ער אליין איז בלינד, ער טוט טאקע נאָך זיין ווילען, ווי זיין באגער איז, אבער זיין ווילען ווערט געגעבען פון דער השגחה, קיין צופאַל איז נישטאָ.

מיר האָבען פארלאָזען רוסלאנד. מיר זיינען געווען איינ־געשפארט מיט אונזער געדאנק און ניט געוואָלט הערען די עצות פון אונזערע גוטע פריינט, וועלכע האָבען באמת גע־זוכט אונזער טובה מיר זאָלען ניט פאָהרען קיין אמעריקא. איז דאס אלעס געווען א געטליכקייט. ווען מיר וואָלטען זיך צוהערען צו זייערע רייד און אָפּשטעלען זיך אין רוסלאנד, וואָלטען זיי מיט זייער פריינטשאפט געבראכט אויף אונז דעם גרעסטען אומגליק. אונזער וואָלט געטראָפען דער זעלבער אומגליק וואָס זיי האָט געטראָפען. אין עטליכע יאָהר ארום, אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, די בלוט־באָד וואָס האָט זאָט געמאכט די ערד מיט בלוט, פיעל שטעדט פון יוראָפּ, איבערהויפּט פון רוסלאנד, פון אלע מענשען בכלל און פון אידען בפרט. די שרעקליכע פּאָגראָמען אין אוקראינע וואו הונדערטער שטעדט זיינען חרוב געווארען און אונזער שטעד־טעל יען׳קעווע אויך צווישען זיי, פון איהר איז קיין העלפט אידען ניט פאַרבליבען. פון דער מלחמה און דערנאָך פון די

פאַגראָמען און פארביסען מיט די באָלשעוויקעס, זיי האָבען הרוב געמאכט די יתר הפליטה, די רייכע לייט זיינען בעטלער געוואָרען, דאָס איז געווען דער סוף פון די גבירים פון שטעד־טעל וואו מיר האָבען געוואוינט. געוועהנליך וואָלטען מיר קיין יחסנים ניט געווען און מיט אונז וואָלט געטראָפען דאָס וואָס מיט זיי. אלזא, מוזען מיר גאָט דאנקען וואָס מיר האָבען ניט געפאָלט אונזערע פריינט, זיינען מיר ניצול געווארען פון דעם אומגליק.

דעם 15טען אווגוסט אין יאָהר 1910, האָבען מיר זיך געזעגענט מיט אונזערע פריינט אין שטעדטעל. מיר זיינען געפאָרען צום וואָקזאל יענעם אווענט אין דער באגלייטונג פון א האלבער שטעדטעל אידען, וואָס זיינען געפאָרען מיט אונז צום וואָקזאל. מיר האָבען פארבראכט זעהר פריינטליך ווי פריינט צושיידען זיך אויף שטענדיג מיט ברכות און וויג־שונג איינער צום צוויטען, ביז וואָנען דער קאָנדוקטאָר האָט א פייף געטאָן דעם ערשטען מאָל, א צייכען אז דער באַן וועט באַלד אוועקגעהן. מיר האָבען גענומען אפשייד פון די פריינט און גענומען אריין אין וואַגאָן, האָט מיר א צופּ געטאָן ביים האַרצען. אָט באלד, באלד הויבען מיר אָן פארלאָזען אונזער געבורט־לאנד. אמת טאקע א לאַנד א גרויזאמע, וואָס אין איהר איז פיעל מאָל פארגאָסען געווארען בלוט פון אונזערע ברידער, א לאנד וואָס מיר זיינען פארפאָלגט געווארען און ווערען איצט אויך אכזריות'דיג פארפאָלגט אונטער דער ממשלה פון דעם צאַר צורר ניקאָלאַי מיט זיין משרתים! אבער זי איז דאָך פאָרט אונזער מוטער (שטיף־מוטער), וואָס האָט אונז ערצויגען; א לאנד אין וועלכער מיר זיינען געבארען געווא־רען. מיר מיט אונזערע עלטערען און אור־עלטערען פון פיעל, פיעל דורות. דאָ האָב איך פארבראכט מיינע קינדערשע, גליקליכע יאָהרען און די גרעסטע העלפט פון מיין לעבען, א גאנצען יובל יאָהרען האָב איך דאָ געלעבט, דאָ האָב איך גענאָסען גוטס און געליטען, ליעבע און האַס, ערענסט און

שפּאַס, פריידען און ליידען. אָ! ווי געליעבט זיינען מיר דיינע פעלדער און וועלדער, דיינע שעהנע פּאַרוואָקסענע גרינע לאַנ־קעס אין וועלכע איך האָב פארגעניגען געשעפּט פיעלע יאָהרען פון קינדהייט ביז איצט. ביי דיר לאָז איך איבער מיינע על־טערע געליבטע קינדער, שוועסטער און ברידער, מיינע פריינט און גוטע פריינט, אלע שוצלאָז. אין דיין ערד רוהט דער פּראָך פון מיינע גאָט-זעליגע עלטערען און אור-עלטערען און פון מיינע פארשטאָרבענע יונגע קינדערלאך, פון מיינע ברי־דער און שוועסטער און פיעל פערוואנדטע. זיי שלאָפען און דרעמלען רוהיג אונטער זייערע בערגלאך ערד, וואו די האַנט פון דעם צורר היהודים ניקאָלאַי וועט זיי ניט גרייכען.

אַה! ווי שווער איז מיר צושיידען זיך מיט דיר מיין געבורסט-לאנד! אבער איך מוז דיר פארלאָזען, דו ביזט צו־פיעל אָנגעטרונקען מיט די ריינע בלוט פון מיינע אומשולדיגע שוצלאָזע ברידער, וואָס דיינע הערשער די קין'ס האָבען אויף דיר פאַרגאָסען און דיין ערד האָט איינגעשלונגען אין זיך און באַדעקט זייער בלוט, און ווער ווייס ווי פיעל אומשולדיגע ריינע בלוט פון אונזערע אומגליקליכע ברידער וועט נאָך אויף דיין ערד פארגאָסען ווערען? יאָהרען לאַנג קען נאָך דורכגעהן ביז וואַנען דו וועסט ווערען ריין פון אומשולדיגע בלוט, ביז וואַנען מען וועט אויסרייסען פון דיר די שטעכיגע דערנער און וועסט מיט בלומען ווערען פארזייט, דערווייל מוז איך דיר פארלאָזען. אדיע!

מיר פאַרפאָרען אין יעקאַטערינאָסלאַוו זעגענען זיך מיט אונזערע קינדער

איך בין געווען אזוי פארטראכט מיט מיינע געדאנקען, אז איך האָב גאר ניט געהערט ווי דער קאָנדוקטאר האָט א פייף געטאָן דעם צווייטען און דעם דריטען מאָל, א צייכען אז דער באַן געהט באלד אָפּ. דער געשריי פון די באגלייטער האָט איבערגעריסען מיינע געדאנקען, און ווי פון א טיפען שלאָף האָב איך זיך דערוועקט און צוגעלאָפען צום פענסטער פון וואַגאָן און געזעגענט זיך מיט די באגלייטער מיט ווינשונג און לופט־קושען. דער באַן האָט א פייף געטאָן און מיט א קרעכץ גערירט זיך פון אָרט. די באגלייטער האָבען אויסגע־שריען דעם לעצטען „זייט געזונט” און געפאָכעט מיט די טיכ־לאך, מיט די הענט צוגעלייגט צום מויל און זיינען געשטאַנען ביז אונזער צוג איז פארשוואונדען געווארען אין די פינס־טערניש פון דער נאכט און איהם דעם דיקען, שווארצען רויך וואָס די מאשין האָט געלאָזען פון זיך. און די באגלייטער מיט דער גאנצער שטעדטעל זיינען פארשוואונדען געווארען פון אונזערע אויגען, דאַן האָבען מיר זיך צוזעצט אויף אונזערע ערטער. מיר זיינען געזעסען און ניט גערעדט צווישען זיך קיין וואָרט, יעדער פון אונז איז געווען פארנומען מיט זיינע געדאנקען, יעדער באזונדער האָט געהאט וואָס צו טראכטען פון דעם איבערבייט פון לעבען, וואָס ס'וועט איהם טרעפען אין דער נייער לאנד וואוהין מיר פאָהרען איצט צו באזעצען זיך.

שטום, שטיל זיינען מיר געזעסען. מעהר ניט דער גערויש פון די רעדער און דער קרעכצען פון דער מאַשין, וואָס האָט אונז אָנגעזאָגט, אז מיר פאנגען אָן פארלאָזען אונזער געבוטס־

לאנד. אזוי זיינען מיר אפגעפאָרען א היבשע שטרעקע ביז דער קאָנדוקטאָר איז אריין צו אונז אין וואַגאָן מיט א קליין, דונ־קעלע לאנטערניטשקע און האָט א געשריי געטאָן — גאָספּאָדא בילעטי — מען זאָל איהם ווייזען אונזערע רייזע בילעטען, דאן האָבען מיר זיך ערוואכט און אָנגעפאנגען רעדען צווישען זיך, ארומגערעדט די גאנצע פּראָצעדורע פון אונזער אָפּפאָה־רען, און אזוי רעדענדיג זיינען מיר אָנגעקומען אויפ'ן וואָקזאל קיין יעקאטר'. דאָרטען האָבען מיר געטראָפען אונזערע קינ־דער אנויטע מיט איהר מאן גרישע (זיי האָבען דארטען גע־וואוינט), זיי זיינען געקומען באגעגענען אונז. מיר זיינען ביי זיי געזעסען צוויי טעג. די צייט פארבראכט זייער אומעטיג, וויסענדיג, אז באלד וועלען מיר זיך מוזען שיידען, און ווער ווייס? עס קען זיין אז אויף תמיד. ניט געקענט אָנזעטיגען זיך קוקען איינער אויף דעם צווייטען, געקוקט און געזיפצט, ווי הערצער פון א פאָטער און מוטער, ווען זיי מוזען זיך שיידען מיט זייערע קינדער. פאָהרען מיט אונז האָבען זיי קיין חשק ניט געהאט. זיי האָבען געלעבט פיין, באַלעבאַטיש, האָבען מיר ניט געוואָלט זיי שטארק צורעדען זיי זאָלען פאָרען מיט אונז. ווער ווייס וואָס עס קען טרעפען דארטען, אין דער גאָלדענער לאנד? ניט פאר אלע אימיגראנטען עפענט זי איהרע ברייטע הענט און נעמט איהם צו, באשענקען איהם מיט איהר גוטס. פיעל מאָל טרעפט, אז דער אימיגראנט קומענדיג אהין מוז זיך פלאגען א לאנגע צייט ביז וואנען ער קען געניסען פון איהר גוטעס. איז פיליכט ניט כדאי וואַרפען א גוטע שטעלע, וואָס גיט זיי צום לעבען בכבוד און פאָרען זוכען גלי־קען אין אמעריקא, דאָס איז א אומזין. מיר וועלען זעהן שפּע־טער מיט דער צייט, אז מיר וועלען זיך איינאָרדענען גוט און מיר וועלען אנזעהן פאר זיי עפּעס רעכטס, דאן וועלען מיר שרייבען זיי זאָלען קומען, און מעהר האָבען מיר וועגען דעם ניט גערעדט. צוויי טעג זיינען מיר געזעסען ביי זיי, די צייט איז גיך אוועק און מיר האָבען זיך געמוזט צושיידען.

מיט אונזער זוהן אליושע און מיט זיין פרוי, האָבען מיר אפילו זעגענען זיך אויך ניט געקענט, ווייל זיי האָבען גע־וואוינט זייער ווייט, אזש אין „כּאַרבין”. עס איז געווען אונ־מעגליך פאר אונז פאָרען אזא ווייטע רייזע, און אזוי האָבען מיר פאַרלאָזען אונזערע קינדער און אוועק עבר לים, נאָך אמעריקע מיט דער האָפענונג אז מיר וועלען נאָך אמאָל זעהען זיך. די קינדער זיינען געפאָהרען מיט אונז צום וואָקזאל, באַגלייטען אונז אויף דער ווייטער רייזע.

איך קען דאס גאָר ניט אויסדריקען, וואָס איז דאן פאָר־געקומען אין דער צייט פון אונזער צושיידען זיך. טרערען האָבען זיך געגאָסען פון ביידע צדדים. עלטערען מיט קינדער, שוועסטער מיט ברידער שיידען זיך. ווייט, ווייט איינער פון צווייטען טויזענטער מיילען און דער גרויסער ים אַטלאַנטיק שיידט זיי פארנאנדער און גאָט ווייס צי ס׳וועט אויסקומען צו זעהן זיך נאָך אמאָל? מען איז געפאלען איינער דעם צווייטען אויפ׳ן האלז, דריקענדיג צום הארצען און באנעצט מיט הייסע טרערען, געקושט און געהאלזט אָהן אויפהער. ווער ווייס פיעל עס וואָלט געדויערט די פראָצעדורע, ווען דער קאָנ־דוקטאָר וואָלט ניט א פייף געטאָן געבענדיג א צייכען אז דער צוג געהט באלד אָפ. מיר האָבען זיך געמוזט צושיידען, אי־בערלאָזענדיג זיי פארוויינט און פארצווייפעלט. מיט אונטער־געבראכענע פיס זיינען מיר אריין אין וואגען, געשטעלט זיך לעבען דער פענסטער כּאַפּען נאָך א בליק אויף אונזערע ליבע קינדער. ס׳האָט זיך געגלוסט דער באַן זאָל אזוי שטעהן א לאַנגע צייט, אבער דער קאָנדוקטאָר ווייס ניט פון קיין גליקען, האָט געגעבען א פייף און מיר האָבען זיך צושיידט.

44

אונזער רייזע נאָך אמעריקא

אומעטיג, פארצווייפעלט האָבען מיר פארלאָזען די סטאַנציע פון דער שטאָדט יעקאַטערינאָסלאַוו, דער זעגענען זיך מיט אונזערע קינדער האָט צורודערט און צושרויפט אונזערע נערוועז. מיר זיינען אלע געזעסען שווייגענדיג, ניט גערעדט קיין וואָרט צווישען זיך. מיר זיינען אין אַזאַ פּאָזע אָפּגעזעסען א לאַנגע צייט, מעהר ווי א זיפּין און א קרעכין האָט מען פון אונז ניט געהערט, אז אלע רייזענדע האָבען אויף אונז מיט וואונדער געקוקט. נאָר ביסלאכווייז האָט די רייזע און די פארשיידענע מענשען, וועלכע האָבען זיך געביטען אויף די סטאַנציעס געמאכט אויף אונז א גוטען איינדרוק. מיר זיינען אביסעל פרעהליכער געווארען. ווען מיר זיינען אָנגעקומען ניט ווייט פון פוילישען געגענד, איז אונז געווארען זעהר אינטערעסאנט. דער טיפּ מענשען האָבען זיך אומגעביטען, וואָס אין מאלע־ראָסיע האָבען מיר ניט געזעהן איבער־הויפּט פון אחינו בני ישראל. אידען אלטע, יונגע, מיט בערד און בערדלאך, ניט ווי אין מאלעראָסיע געגאָלטע, רעדען צווישען זיך אידיש, נאָר אזא מין אידיש, אז מיר האָבען ווינציג פארשטאַנען. געקליידעט אין גאנץ לאנגע קאפּאָטעס, אין סאַמעטענע היטלען, אנדערע אין שפּיציגע יארמולקעס, די עלטערע, אויך די יונגע מיט גארטלען אויף זייערע לענדען. זיי האָבען אונז באטראכט און מיר זיי. ס׳איז אריבער א שטיקעל צייט שווייגענדיג, אבער אידען קומען זיך צונויף, ווי ס׳איז צונויפגערעדט זיך, באקענט זיך און ס׳איז אוועק א שמועס צווישען אונז. מיר האָבען זיי דערצעהלט פון אונזער נסיעה, מיר פארלאָזען רוסלאנד און פאָרען קיין אמעריקא באַזעצען זיך דארט,

ווייל אין רוסלאנד ווערען אידען געדריקט פון דער רעגירונג. אלע טאָג נייע גזירות, נייע באגרעניצונג פאר אידען, מען פאַרקלענערט יעדען טאָג אידישע זכיות. זיי האָבען אונז געזאָגט, אז אין פוילען איז אויך ניט בעסער, דאָס איז די זעלבע ממשלה וואָס רוסלאנד, וואָס פוילען, דער זעלבער צאר ניקאָלאַי, נאָר פרנסה האָבען אידען ניט שלעכט, מען לעבט זיך דורך אָהן קאָפּ דרעהעניש. זיי האָבען ניט פארפעלט דערצעהלען פון זייערע גוטע אידען, זייער גרויסקייט, זייער געטליכע פיהרונג און האָבען דערצעהלט מיט אזא התלהבות, מיט אזא ברען, אייגער האָט איבערגעשריען דעם צווייטען. אונז האָט דאָס זייער הנאה געטאָן וואָס אין פוילען לעבען די אידען מיט השק אי גייסטליך אי מאַטעריעל און ווערען ניט געפּלאָגט ווי די רוסישע אידען.

אויף מאָרגען זיינען מיר צוגעקומען צום דייטשישען גרעניין מלאווע. מיר זיינען דורכגעגאנגען די טאמאָזשנע, זשאנדארמעס האָבען אונז דורכגעלאָזען דורך א קליין טיהרל, ווי אמאָל מען האָט דורכגעלאָזען די שאָף, ווען א איד האָט אבגעשיידט מעשר פון זיי, איינציגווייז. די זשאנדארען זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען, האָבען איבערגעקוקט אונזער גובערנאַטאָרסקען פּאַספּאָרט און יעדען פון אונז געקוקט אין פנים צי זיינען ריכטיג די פרימעטען, צי נאַרט מען זיי ניט חלילה. אז זיי האָבען אויסגעפונען, אז אלץ איז כשר כדת, מיר זיינען אָרענטליכע לייט, מעג מען אונז ארויסלאָזען פון רוסלאנד. א וואונדער! אָט ווי מען האָט פיינט געהאט דעם אידען, און ווען דער איד האָט געוואָלט זיי פארלאָזען איז איהם אָנגעקומען מיט שווערקייט.

מיר זיינען בשלום אריבער אויף דייטשישער טעריטאָריע. מיט פרייד האָב איך געמאכט די ברכה „ברוך שפטרני", פטור געווארען פון צאַר ניקאָלאַי מיט זיינע משרתים, און מיר האָבען פרייער אָפּגעצויגען דעם אָטעם און ארויף אויף דעם דייטשישען צוג.

ווי מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע יעלאָווע

פטור געווארען פון רוסלאנד, פון ניקאָלאַיען מיט זיינע בלוט־הינט. איך האָב געמיינט אז מיר זיינען שוין אין ארץ ישראל, ערשט עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. די זעלבע פּאָליציי, מיט די זעלבע מאַניערען, נאָר אנדערש געקליידעט און מיט אַן אנדער שפראַך. אביסעלע איידעלער, מיט זיידענע הענטשיקעס, פארביטען דעם רוסישען „דו" אויף „זיי", אבער דער זעלבער פיהרונג. דער זשאַנדאַרמער האָט מיך געפרעגט — וואוהין פאָהרען מיר? וואָלט איך איהם געזאָגט, אז מיר פאָהרען אין בערלין, קען זיין, אז זיי וואָלטען זיך באַגעהן אביסעל איידעלער, אבער איך האָב ניט געוואוסט פון דעם סוד, האָב איך איהם געזאָגט דעם אמת, אז מיר פאָהרען נאָך אמעריקע, הייסט דאס, אז מיר זיינען פשוטע אימיגראנטען, זיינען מיר פון די קליינע „יחסנים". דער קאָנדוקטאָר האָט א זאָג געטאָן — „יא, זי רייזען נאָך אמעריקע?" און האָט א קוק געטאָן אויף אונז ווי פון אויבען אראָפּ, ווי אויף נידעריגע באַשעפעניש. איך האָב דאָס באמערקט, און מיר איז געווארען קאָלעמוטנע אויפ׳ן הארצען. איך האָב שוין פארשטאנען, אז קיין פארגעניגען־רייזע וועלען מיר ניט האָבען. מיר זיינען געקומען צום סטאַנציע יעלאָווע, איז שוין געווען גוט פינסטער. א מאַן פון די אנגעשטעלטע איז ארויף אין וואַגאָן און האָט אונז געהייסען נאַכגעהן נאָך איהם. אונזערע פעקלאך האָט ער ארויפגעלעגט אויף א וועגעלע פון צוויי רעדלאך, ער האָט דאס געפיהרט און מיר האָט ער געהייסען אונטערשטופען דעם וועגעלע. איך בין אויסער זיך געווארען, וואָס הייסט, איך זאָל

שטופען א וועגעלע? איך האָב דאס אויף מיין גאנצען לעבען ניט געטאָן, דאָס איז דאך עפּעס ערגער ווי רוסלאנד! נאָר פאַרפאַלען מען מוז פאָלגען. איך האָב א טראכט געטאָן, פי־לייכט קען דא העלפען די זעלבע סגולה ווי אין רוסלאנד א „כאַבאַרעל" (בלע"ז?) האָב איך איהם געגעבען א גאנצען האלבען רובעל און געזאָגט איהם אין צובראָכענע דייטש, אז ער זאָל דאָס אליין פיהרען, איך בין צו שוואך. מיט גרויס צופרידענהייט האָט ער צוגענומען דאס געלט און האָט זיך ענטשולדיגט פאר מיר, וואָס ער האָט פריהער געפאָדערט פון מיר איך זאָל איהם העלפען. ער האָט אונז אריינגעפיהרט אין אימיגראנטען הויז. פאר מיין פרוי מיט די טעכטער האָט ער אָנגעוויזען אן אָרט וואו צו שלאָפען, דער אָרט האָט אויס־געוויזען ניט בעסער ווי די שטייג פאר הינער, וועלכע איך האָב געהאט אין רוסלאנד, און מיר מיט מיינע צוויי אינגלאך האָט ער געהייסען קריכען אויף דער שטייג אין דער הויך. מיר איז דער נאַכט-לעגער ניט שטארק געפעלען געווארען, האָב איך איהם ווייטער אריינגערוקט א מטבעה אין יד און געבעטען איהם ער זאָל אונז געבען א גוטען אָרט אויף שלאָפען, האָט ער אונז אָפּגעפיהרט אין א צווייטען צימער, געוואונשען אונז „א גוטע נאכט" און אוועק. איך האָב גענומען באטראכ־טען דעם צימער איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען. איך וואָלט איהם געגעבען נאָך א מטבעה ער זאָל אונז צוריק פיהרען איז ער שוין ניט געווען און אליין געהן צוריק האָב איך ניט געוואוסט ווי מען געהט. עס האָט מיך אָנגענומען א מורא קוקענדיג. א גרויסער צימער אָנגעפילט ביז'ן באלקען מיט ליידיגע זעק, א קליין פינסטערער לעמפּעלע האָט באלויכ־טען דעם גרויסען צימער. אויסער אונז איז דארטען קיין לעבע־דיגער נפש ניט געווען. אונטערבעטען און צוקאָפּען לייגען איז געווען געגוג זעק, נאָר לייגען זיך שלאָפען האָבען מיר מורא געהאט. ווער ווייס וואָס פאר א צימער דאָס איז? אפשר האָט ער אונז פארפיהרט אהער מען זאָל אונז דאָ אין מיט'ן

נאַכט באַרויבען (און איך האָב דאַן געהאַט ביי זיך ביז טוי־זענט רובעל, וועלכע איך האָב געלאָזען אויף קויפען שיפס־קאַרטעס). מיר זיינען געשטאַנען און געקלערט וואָס צו טאָן? שלאָפען האָט זיך זעהר געוואָלט, האָב איך זיך געלייגט מיט דער „פייטיקע" אין מיטען און די צוויי קינדער פּאַר שומרים פון ביידע זייטען. מיינע שומרים האָבען באַלד איינגעשלאָפען, אָבער איך האָב זיך געמאַטערט ניט צו שלאָפען, א דרעמעל געטאָן און אויפגעכאַפּט זיך. „אני ישן ולבי ער", איך שלאָף, אבער מיין הארץ איז וואכעדיג. ליגענדיג אזוי האָב איך דער־הערט ווי א מענש כראָפּעט פון שלאָף צווישען די זעק, איך בין פאַרציטערט געוואָרען און האָט שטילערהייט אויפגע־וועקט מיינע שומרים און דערצעהלט זיי, וואָס דאָ קומט פאָר. מיר האָבען זיך אלע געזעצט און געוואָרט וואָס וועט דא טרע־פען? מיר זיינען אָפּגעזעסען ביי א שטונדע צייט און דער כראָפּען האָט ניט אויפגעהערט. אונזער שרעק איז אביסעל אַראָפּ, ווי באַלד יענער שלאָפט געשמאַק, וועט ער שלאָפענדיג קיין שלעכטס ניט טהאָן. און פיליכט איז דאס אויך א אימיגראַנט, וועלכער האָט געזוכט פאַר זיך א בעסערן געלעגער האָט מען איהם אויך ווי אונז געגעבען דאָ אויף די זעק, נאָר איינשלאָפען האָב איך ניט געקענט. געזעסען די גאַנצע נאַכט און צוגעהערט זיך צו די מוזיק וואָס ער האָט געשפּילט מיט'ן נאָז. אונזערע רוסישע כלל טוער האָבען באַזאָרגט דעם אימי־גראַנט מיט אלעם, אפילו מיט מוזיק.

איך האָב פון דעם קיעווער קאָמיטעט ניט פאַרלאַנגט קיין הילפע, נאָר אָן עצה, זיי זאָלען מיר ווייזען ווי איך זאָל מאַכען מיין רייזע. מיט זייער עצה בין איך פאַרקראָכען צווישען די זעק. אָט אזעלכע טובות טוען זיי און פאַרקלינגען די וועלט מיט די טובות וואָס זיי טוען די אימיגראַנטען. אויב דער אי־מיגראַנט קען געבען א „כאַבאַרעל" זייער משרת באַפרייט ער איהם פון צו שטופּען דעם וועגעלע און קען שלאָפען צווישען די זעק, און אויב ער קען ניט באַפרידיגען דעם משרת, מוז ער

שטופּען דעם וועגעלע און שלאָפען אין הינער־שטייג, דאָס איז דער ערשטער פאַרגעניגען וואָס דער אימיגראַנט באַקומט אויף זיין רייזע. און אַז איהר וועט לעזען די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך, וועט איהר זעהן, וואָס דער קאָמיטעט האָט באַזאָרגט דעם אימיגראַנט אויף זיין רייזע.

46

די סטאַנציע יעלאָווע, די ערשטע פון די שבעה־מדורי גיהינם וואָס עס שטעהט פאַר דעם אימיגראַנט

די סטאַנציע יעלאָווע איז די ערשטע ווען מען געהט אריבער דעם דייטשישען גרעניין, אהין קומען אַן די אימיגראַנטען וואָס פאָהרען דורך ווארשע קיין ברעמען. נעבען דער סטאַנציע געפינט זיך די אימיגריישאַן הויז און א קליין שטעדטעל מיט אידען, דאָס רוב פון זיי גאַליציאַנער און רומעניער, זיי זיינען גרויסע מכניסי אורחים, איבערהויפּט האָבען זיי ליעב צו מקרב זיין א ליטוואק זעהר פריינדליך, אבער אַז ער באַצאָלט פאַר יעדעס על אחת שבע, דאַן איז שוין א ליטוואַק אויך כשר.

מיר האָבען בשלום פאַרלאָזען אונזער זעק־צימער און געגאַנגען זעהן וואָס מאַכט מיין פרוי מיט די טעכטער? האָבען זיי געזאָגט — אַז זיי האָבען אויך די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, די ביסיגע חיה׳לאַך, וועלכע זיינען פול אין די אימיגראַנטען בעטען האָבען זיי ניט געלאָזט רוהען, גאַנצע מחנות זיינען געקומען מקבל פנים זיין די אימיגראַנטען. מיר זיינען געגאַנגען וואַשען זיך, האָט מען אונז אָנגעוויזען א פאַס מיט שמוציגע וואַסער וואו די אימיגראַנטען רייניגען זיך. טעה אויף טרינקען האָט מען אונז אָנגעוויזען דעם אימיגראַנטען־סאַמאָוואַר, אַן אָפענער קעסעל א בלעכענער מיט הייסע וואַסער, יעדער אימיגראַנט קען קומען מיט זיין בלעכענעם טשאַיניק

און אָנגענומען פיעל ער דאַרף. איך האָב דעם קעסעל א נאָמען געגעבען „יין קפריסין" ווייל „ששורין בו את הצפרון", אלע אימיגראנטען ווייקען אוים אין זיינע וואַסער די נעגעל שע־פענדיג. אונז איז דער טעה ניט געפעלען געווארען זיינען מיר אזועק אין שטעדטעל קריגען א גלאָז טעה, דאָס איז געווען שבת פריה. מיר זיינען אריין אין א הויז און געבעטען מען זאָל אונז געבען עטליכע גלעזער טעה איז די גאַליציאַנער באַלעבאָסטע, א גראָבע, א געזונטע אידענע, וועלכע איז געזעסען איבער א שיסעל הייסע מילך און געטרונקען קאָפע, האָט אָנגעהויבען צו זידלען אונז. — וואָס ליטוואקעס קענן? שבת אין דער פריה ווילט זיך זיי טעה? נאָר אז איך האָב געזאָגט, וואָס מיר וועלען גוט באפרידיגען, האָט זי געהייסען איהר דינסט און מען האָט אונז אויפגעזאָדען הייסע מילך. מיר האָבען גע־טרונקען די שבת׳דיגע מילך און גוט באצאָלט איהר, זיינען מיר געבליבען ביי איהר גאנין פרומע אידען, הפנים אז דער גאַליציאַנער שולחן ערוך איז מתיר שבת׳דיגע מילך. (ווען מען באצאָלט גוט).

קומענדיג צוריק אין אימיגראנטען־הויז, האָבען מיר דער־ווימט, אז עס קאָכט דאָרטען ווי אויף א יאריד, ביז 50-60 מענשען, מאנזבילען, ווייבער, קינדער, גרויסע און קליינע, שרייען, ליארעמען קולות מקולות שונים, צוזאמען געמישט געוויין, געלעכטער, שימפף־ווערטער, זידלעריי, קללות, קריי־געריי, קינדער לויפען ארום, גליטשען זיך אוים אויף די שיריים פון זייער עסען און פאלען, זיי וויינען און די מאמעס שרייען. ס׳קאָכט, ס׳רודערט אז מ׳קען טויב ווערען און דעם נאָז מוז מען פארשטעקען פון די פארשיידענע ריחות פון אלע סאָרטען מאכלים, וואָס ווערט דאָרטען געגעסען. אימיגראַנטען זיינען דאָרט געווען פון אלע טיילען פון רוסלאנד, בעסעראביע, רומע־ניע, גאליציע, פוילען, וואָלינער רוסישע, ליטווישע און יע־דער האָט געגעסען זיין סעודה צו וועלכער ער איז געוואוינט צו עסען אין דער היים, דערום איז דא געווען מאכלים אלער־

ליי, ליטווישע הערינג, טאראַנעס, קאפּצאַנקעס, אוגערקעס, ציבעלעס, קאָלבאַס מיט קנאָבעלאך, קעז, פּוטער, מאַמאָליגע. פון די אלע פארשיידענע מאכלים האָט פארשמעקט די גרויסע אימיגראנטען־הויז. מיר האָבען אויך אָפּגעגעסען נאכהער איז מען געגאנגען נעמען קוויטאַנציעס אויף שיף־קארטעס, אויף צווייטען קלאַס איז קיין אָרט ניט געווען און ווארטען אויף א צווייטען מאָל א גאנצע וואָך האָבען מיר ניט געוואָלט זיצען דאָ אין דעם גהינים, האָבען מיר גענומען אויף דעם דריטען קלאַס. אז מ׳איז פארטיג געוואָרען מיט דעם, האָט א מאַן געטריבען אלעמען צום דאקטאר זעהן צי איז מען ראוי פאָה־רען קיין אמעריקע. אונזער פאמיליע האָט אויסגעהאלטען דעם עקזאַמען, נאָר עס האָבען זיך געפונען פילע, וואָס זיינען אָפּגעשטעלט געווארען קינדער פון עלטערען אדער א פאָטער צי א מוטער פון קינדער. ס׳איז געווארען א געוויין, הארצרייסענדיג. מיר האָבען ניט געקענט צוזעהן זייער צער, זיי האָבען זיך בעדארפט אָפּשטעלען ביז זיי וועלען זיך דאָ אויסקורירען.

נאָך דעם עקזאַמען האָט מען די גליקליכע, וועמען עס איז ערלויבט געוואָרען צו פאָהרען, געטריבען אין באָד אריין. אין אַמעריקע מוז מען קומען אַ גע׳טובל׳טער, אַ קדוש וטהור, נאָר מיט טבילת הגוף ד״ה מיט דער אייגענער טבילה איז מען ניט יוצא, מען דאַרף די בגדים אויך טובל זיין אין הייסע פּאַרע, זאָלען גוט אויסשוויצען. דער עולם איז געלאָפען אין באָד, אַזוי ווי ערב יום כפור. נאָר מיר איז דער געשעפט ניט געפעלען געוואָרען, גאָר שבת נאָך וואַרמעס אין באָד אריין? וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס? ערב שבת איז מהיכא תיתא, אָבער שבת פאַר קיין פאַל ניט. און צווייטענס, איך בין גע־וואוינט אַליין געהן אין באָד, אָבער ניט מ׳זאָל מיך פיהרען אין באָד אַריין!

אז דער באַאמטער האָט מיר געזאָגט, אויב מיר וועלען אין באָד ניט געהן, וועלען מיר ניט קענען פאָהרען, בין איך אוועק צום קאַסיר, און געבעטען מיין געלט פאַר דער קווי־

טאַנציע צוריק, זאָגענדיג, אַז איך וויל ניט קיין באָד, און איך וויל ניט פאָהרען, אויב מען מוז יע אַ באָד האָבען פאַר די אימיגראַנטען, טאָ זאָל מען אַלעמען טרייבען אין באָד פון ערשטען און צווייטען קלאַס אויך, אַלזאָ אָדער גיט מיר אַ קוויטאַנציע אויפ'ן צווייטען קלאַס, אָדער גיט מיר מיין געלט צוריק, אין באָד וועלען מיר פאַר קיין אופן ניט געהן, און מיינע זאַכען וועל איך ניט לאָזען שוויצען. מער האָט זיך דורכ־געררעדט צווישען זיך און מ'האָט אונז מתיר געווען אָהן אַ באָד, גאָר געהן אונטער אַ דוש און איבערבייטען די וועש און כשר!

47
מיר פאָהרען אָפּ אין „ברעמען"

כעלות המנחה, מנחה־צייט, האָט מען אונז גענומען אויסריכטען קיין ברעמען מיט'ן צוג. ס'איז פאַר אונז אָנגע־קומען אַ באַזונדער באַן. דער עולם האָט זיך גענומען שטופען אין די וואַגאָנעס. מ'האָט געשריען, געגוואַלדעוועט, יעדער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע פאַרכאַפּען אַן אָרט. דאָ שטופּט אַ אידענע איהרע קינדער זיי זאָלען געהן וואָס גיכער, און דאָ שלעפּט אַ איד, מיט זיינע גאַנצע כחות, זיינע שווערע קלומקעס, צוגעבונדען אַ פּאָר בלעכענע טשאַיניקעס, וועלכע האָבען זיך געקלאַפּט איינער אָן דעם צווייטען. מיר האָבען גע־וואָלט אַריין אין אַ וואַגאָן, האָט אַ אידענע אונז פאַרשטעלט די טהיר, אַ פּאַרסאָפּעטע, אַ פאַרשוויצטע, האָט זי געשטופּט אין טהיר פון וואַגאָן אַ פערענע איינגעבונדען אין אַ ליילאַך. די פערענע האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט קריכען אין טהיר. די אידענע שטופּט איהר מיט אַלע כחות, און די פערענע וויל ניט געהן. מיר האָבען ניט געוואָלט וואַרטען ביז די_אידענע וועט אַריינשטופען איהר איינגעשפּאַרטע פערענע, און ווען זי זאָל שוין אויספיהרען, און די פערענע וועט שוין ליגען בשולם אין וואַגאָן, וואָלט דאָך פאַר אונז קיין אָרט ניט

פאַרבליבען, דאָרום האָבען מיר איהר פאַרלאָזען און געבעטען דעם קאָנדוקטאָר, ער זאָל אונז געבען אַן אָרט פאַר אונזער פאַמיליע. האָט מען אונז געגעבען אַ באַזונדער וואַגאָן. וואָס דער סוף איז געוועזען מיט דער אידענע מיט איהר פערענע, ווייס איך ניט.

אונזער אימיגראַנטען-צוג איז אַוועק. מיר האָבען ניט געפיהלט, וואָס מיר זיינען אימיגראַנטען. אונזער צוג איז געלאָפען, ווי אַלע צוגען לויפען, די רעדער האָבען זיך געדרעהט, פון קוימען האָט געשלאָגען אַ געדיכטער, שוואַרצער רויך, די מאַשין האָט געפייפט. מיר זיינען געפאָהרען גאַנץ פרעהליך, ביז מיר זיינען צוגעפאָהרען צו דער גרויסער, באַרימטער שטאָדט בערלין. מיר האָבען גערעכענט, אַז מיר וועלען דאָ אַביסעל אָפּשטעלען זיך, און מיר וועלען קענען באַקוקען די הויפּט-שטאָדט פון דייטשען לאַנד, אָבער דאָ האָבען מיר דערפיהלט, אַז מיר זיינען אימיגראַנטען פון דריטען קלאַס. אונזער צוג איז דורכגעלאָפען זעהר שנעל פאַרביי שטאָדט, ניט אָפּגעשטעלט זיך אפילו אויף איין סעקונדע. אונזערע אויגען האָבען מעהר ניט געכאַפּט אַ בליק פון ווייטען, אָבער מיר האָבען ניט זוכה געווען צו באַטראַכטען די ערד פון בערלין.

אַ גרויסע שטרעקע איז אונזער צוג אָפּגעלאָפען פון בערלין, און ביי נאַכט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע ערגעץ אַן אַ זייט, אַ סטאַנציע וואָס זי איז געגרינדעט געוואָרען נאָר פאַר אימיגראַנטען פון דריטען קלאַס. דאָרטען קומען זיך צונויף אַלע דריטע קלאַסיגע אימיגראַנטען פון פאַרשיידענע ערטער, וועלכע פאָהרען קיין ברעמען צום שיף. מען האָט אונז אַראָפּגעלאָזען אין אַ גרויסער אימגראַנטען-הויז. דאָרטען האָבען שוין געוואַרט זעהר פיעל מענשען אויף דעם צוג, וואָס וועט אונז אַלעמען, אפשר ביז 500 מענשען, פּאָפיהרען קיין ברעמען. דאָ זיינען געוועזען מענשען פון פאַרשיידענע נאַציעס, רוסישע פוילישע, גרעקען, טאַטערען, און פיעל פון אחינו בני ישראל. דער געשפּרעך איז געוועזען אויף

אלע לשונות. מענשען פוןביידע געשלעכטער, אַלטע און יונגע קינדער, גרויסע און קליינע. עס איז געווען אַזאַ רעש, אַ טומעל, אַז די אויערען זיינען פאַרטויבט געוואָרען. מען האָט געזונגען, געשפּילט אויף הארמאָניקעס און פייפלאַך, געטאַנצט, גע־שפּרונגען ווי די ווילדע. מיר זיינען געזעסען אין אַ ווינקעל און אָנגעקוקט, וואָס דאָ קומט פאָר. עס איז ניט געווען כמעט איי־נער פון דעם גאַנצען פּובליקום, ער זאָל זיך האַלטען בכבוד'יג. מיר האָבען באַטראַכט דעם סאָרט מענשען, וואָס פאָהרען נאָך אַמעריקע, האָט אונז אָנגעכאַפּט אַ שרעק. מיר האָבען אָנ־געהויבען הרטה האָבען, וואָס אונזער גורל איז אויסגעקומען צו זיין צווישען אַזעלכע מענשען. מיר האָבען זיך פּשוט גע־שעמט פאַר זיך אַליין, אין וואָס פאַר אַ מדרגה מיר זיינען. ניט אומזיסט האָט מען אונז אין יענאַק' געזאָגט: — אַז קיין אַמעריעק פאָהרען ניט קיין רעכטע מענשען.

מיר זיינען אַוועק צוריק אין אונזער וואַגאָן און געזעסען אומעטיג, פאַרקלעמט מיט הערצער פול מיט חרטה, וואָס מיר פאָהרען נאָך אַמעריקע, אָבער פאַרפאַלען, מיר זיינען שוין צו ווייט פאַרפאָהרען.

נאָר מיין פרוי האָט מיר געטרייסט — זיי ניט אַזוי פאַר־צווייפעלט, באַטראַכט ניט אַלעמען אַזוי פון שלעכטען זייט, זיי ניט קיין מלמד־חוב אויף אַלעמען, האַלט זיי ניט אַלעמען פאַר אַזעלכע נידעריגע באַשעפענישען, עס קען געוויס זיין צווישען זיי, גאַנץ איידעלע מענשען, און געבילדעטע אויך. נאָר זייער איצטיגע לאַגע האָט זיי געבראַכט דערצו. ניט פאַר־געס, אַז דאָס זיינען אַלע יונגע לייט, וואָס זיי האָבען פאַר־לאָזען רוסלאַנד, וואו זיי זיינען געווען זעהר געדריקט אונטער די אכזריות פון ניקאָלאַי. היינט אַז זיי האָבען דערשמעקט פרייהייט, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די מורא, די שרעק, פון די רוסישע בלוט-הינט און פיהלען זיך פרייע מענשען, איז פון גרויס פרייד זיינען זיי פּילייכט אַריבער דעם גרעניץ פון טאַקטיק.

איך האָב איהר מודה געווען, אַז זי האָט רעכט, און איך האָב געביטען מיין מיינונג, און גענומען מלמד־זכות זיין אויף זיי, און געפונען אויף זיי נאָך אַ זכות, אַז דאָס איז ניט די שולד זייערע, נאָר די שולד פון אונזערע פאַרזאָרגער, דער סיסטעם פון דעם אימיגראַנטען־קאָמיטעט, וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט מען זאָל דעם אָרעמען אימירגאַנט באַהאַנדלען גראָב און שלעכט (דאָרטען זיינען געווען פיעל, וואָס זיינען געפאָהרען דורך דער הילף פון קאָמיטעט) מען האָט זיי געמאַכט פיהלען, אַז זיי זיינען פון דעם נידעריגען קלאַס מענשען, דאַרום פיהרען זיי זיך אַזוי. ווען אָבער מען וואָלט זיך באַגעהן מיט זיי מיט עדעלקייט, וואָלטען די זעלבע יונגע לייט געפיהרט זיך איידעל מיט טאַקטיק. מען זאָגט אַ ווערטעל: — ווי מען שפּילט אַזוי טאַנצט מען — נאָר אַרויף וואַרפען דעם גאַנצען שולד אויף די מנהיגים פון קאָמיטעט קענען מיר ניט. אונזערע מנהיגים זיינען געווים נאָבעלע אָרענטליכע לייט, זייער וואונש איז געווים צום גוטען, צו פאַרגרינגערען די לאַגע פון דעם אָרעמען אימיגראַנט, געבען איהם הילף און וואָס ער וועט זיך נויטיגען. דער אומגליק אין דעם ליגט, וואָס זיי גיבען ניט אַכטונג אויף זייערע אָנגעשטעלטע, די משרתים, וואָס אין זייערע הענט ליגט דער גורל פון דעם אימגראַנט. אָט די משרתים געוועלטיגען אומבאַגרעניצט אויף די אימיגראַנטען, באַגעהען זיך גראָב, זיי האַלטען זיך פאַר גאַנצע באַלעבאַטים, און דער אימיגראַנט מוז אויספאָלגען אַלעם וואָס זיי זאָגען. זיי פאַרגעסען, אָדער בעסער געזאָגט: זיי ווילען ניט וויסען, וואָס זיי זיינען מעהר ניט ווי משרתים אין קאָמיטעט. נאָר דאָס איז שוין אַן אַלטע מכה, אַן איינגעוואָרצעלטע קראַנהייט וואָס דערצו איז קיין רפואה ניטאָ. פון דער קראַנקהייט ליידען כמעט אַלע צדקה אַנשטאַלטען. די געהאַלפענע ווערען געדריקט פון די העלפער, זיי מיינען אַז דער אַנשטאַלט איז געגרינדעט געוואָרען פון זייערט וועגען, זיי זאָלען האָבען פרנסה און לעבען אַ גוטען טאָג. עולם כמנהגו, די וועלט

פיהרט זיך מיט איהר פיהרונג, דער וואָס זיצט ביין שיסעל דער נעמט פאַר זיך דעם בעסטען חלק. די איבערשטע, די פעטע פיעל נאַר ער קען און פאַר די געהאָלפענע לאָזט ער די עצמות היבשות, די טרוקענע ביינער, וועלכע ער וואַרפט צו מיט זלזולים, מיט העזה. דארום האָב איך געענדערט מיין מיינונג, און אנשטאָט, וואָס איך האָב געקוקט אויף די יונגע אימיגראַנ־טען מיט פאַראַכטונג, האָב איך אויף זיי מיטלייד באַקומען, וואָס זייער אָרעמער גורל האָט זיי מיטגעבראַכט צו אָנקומען צום קאָמיטעט, זיין פון די געהאָלפענע.

48
אונזער קומען קיין ברעמען און אָפּפאָהרען מיט'ן שיף

מיט די געדאַנקען בין איך געשלאָפען זיצענדיג אין וואַגאָן. נאַר מיינע חלומות האָבען מיר ניט געלאָזען שלאָפען רוהיג. ס'האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט די גאַנצע פּראָצעדורע פון אונזער רייזע, פאַרשיידענע בילדער צוזאַמען געמישט. רוסישע זשאַנדארען, דער דייטש מיט'ן וועגעלע, די יעלאָווער אידענע, די גאַליציאַנערין מיט איהר שיסעל געבריטע מילך, די באַד, די אידענע מיט איהר פערענע, דער חדר מיט די זעק, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וועלכע מיר האָבען איבער געלעבט אין דער צייט פון די עטליכע טעג.

גאַנץ פריה האָט זיך אונזער צוג אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע „ברעמען". מיר האָבען צוזאַמען געלייגט אונזערע זאַכען און געוואָלט געהן רופען א טרעגער טראָגען אונזערע זאַכען. ערשט עס לויפט מיר אַנטקעגען אַ הויכער, אַ געזונ־טער, אַן אָפּגעפרעסענער מאַן, אויף זיין היטעלע איז געווען א צייכען, אז ער איז פון די אָנגעשטעלטע פון קאָמיטעט. אָנ־געטהאָן איז ער געווען אין אַ קורצע געלע העמדעל, אין שטי־וועלאך מיט געליאַקירטע כאָליאַוועס, און האָט אָנגעפאַנ־גען שרייען אויף אונז אויף דייטש, ווי אַ פּאָליצייסקער, —

וואָס שטעהט איהר דאָ? ווארום טראָגט איהר ניט אייערע פעקלאַך? שנעל, שנעל! נעמט די פעקלאַך און געהט אויפ'ן פלאַטפאָרמע, אַלע אימיגראַנטען שטעהען שוין גרייט. איך קוק איהם אָן. וואָס איז דאָס פאַר א נפש? פאַר אן אָנשי־קעניש?

זאָג איך איהם: — אָט דאָס געה איך דאָך רופען אַ טרע־גער, נעמען אונזערע זאַכען.

אַז ער גיט דאָס אַ טופּ מיט'ן פוס און אַ געשריי אויף מיר:

— א טרעגער? וואָס זאָגט איהר אויף דעם איידעל מאַן, טרעגער באַדאַרף ער האָבען, און אַליין זייט איהר קראַנק צו טראָגען די פעקלאַך? זיי מיינען, אַז זיי זיינען ביי זיך אין דער היים. ניטאָ דאָ קיין טרעגער, שנעל, שנעל געהט! אַדעל־לייט מיינע!

— ר' איד, — זאָג איך איהם, — זייט ניט היציג און שרייט ניט, איך האָב ווינציג זיך דערשראָקען פאַר אייך. איך פאָהר ניט דורך די הילף פון קאָמיטעט, איך פאָהר פאַר מיין אייגען געלט, און פאַר מיין געלט וויל איך נעמען א טרעגער. איך באַדאַרף ביי קיינעם ניט אָנפרעגען, און איהר קענט מיר ניט אָנווייזען וואָס צו טהאָן. און אויב איר ערלויבט מיר ניט איך זאָל נעמען אַ טרעגער, זאָלט איהר אַזוי גוט זיין, אַז אונ־זערע זאַכען זאָלען גאַנץ זיין. מיר לאָזען זיי דאָ און מיר געהען. אַליין בין איך מאַכטלאָז צו טראָגען די פעק. — און מיר זיינען אַלע באַלד אַוועק איבערלאָזענדיג אַלץ.

דעם מאַן איז, הפנים, ניט געפעלען געוואָרען מיין ווי־דערשטאַנד, אַז אין אימיגראַנט זאָל איהם אַזוי אָפּענטפערען, האָט ער אַ בורטשע געטהאָן אונטער'ן נאָז און אַרויס. מיר זיינען אַרויס אויפ'ן פלאַטפאָרמע. אַלע אימגראַנטען זיינען געווען צושטעלט אין שורות אַזוי ווי סאָלדאַטען. קינדער זיי־נען געזעסען אויף די וועגענער מיט די פעקלאַך. און איינער פון די משרתים פון קאָמיטעט איז געזעסען אויף אַ בייסיקעל. ער איז געווען דער וועג־ווייזער. ער האָט געפיהרט אין שטאָדט

די גאַנצע מחנה אימיגראַנטען. ער אַפריהער און זיי נאָך איהם. די מחנה האָט זיך ניט גערירט פון אָרט ביז וואַנען דער מאַן מיט די ליאַקירטע שטיוועל איז געקומען. ער האָט אַלעס באַקוקט און דערנאָך אַ געשריי געטהאָן „מאַרש!" איז באַלד דער מאַן אויפ'ן בייסיקעל גערירט זיך פון אָרט און די גאַנצע מחנה נאָך איהם. יעדער אימיגראַנט האָט געטראָגען מיט זיך אַ פּעקעל אַ קליינעם (די גרויסע האָט מען געפיהרט אויף וועגענער). און אַזוי איז מען געגאַנגען איבער שטאָדט ביז דער אימיגראַנטען-סטאַנציע. מיר זיינען געשטאַנען נעבען וואָקזאַל און באַקוקט די גאַנצע פּראָצעדורע. דער מאַן מיט די ליאַקירטע שטיוועל האָט געקוקט אויף אונז קרום, נאָר ניט גערעדט קיין וואָרט. מיר זיינען אַוועק מיט אַן איזוואָשציק צו דער אכסניה. אַ ווייל‌ע שפּעטער האָט אַ פוהר געבראַכט אונזערע זאַכען. דער בייזער באַאַמטער מיט די ליאַקירטע שטיוועל האָט הפנים פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט אַנגעטראָפען אַ שרעקעדיגען אימיגראַנט, פיליכט וועט דאָס איהם זיין אַ לעהרע, ער זאָל זיך ניט פיהרען אַזוי גראָב מיט די אימי-גראַנטען.

אויף דער אימיגראַנטען-אכסניה איז אויך ניט געוועזען בעסער, נאָר מיר האָבען שוין געוואוסט די רפואה צו דער מכה, אַז אַ באַאַמטער פון אַ קאָמיטעט איז ניט בעסער פון אַ פּאָליציימאַן און מיט עטליכע גילדען קען מען אַלעס אויס-פיהרען. אונטער אַלטער פאָטער יעקב האָט געמיינט, אַז נאָר עשו'ן קען מען אונטערקויפען מיט אַ כאַבאַרעל, נאָר זיינע אייניקלאַך ווייסען שוין, אַז די באַאַמטע פון אונזערע צדקה קאָמיטעטען, קען מען אויך אָפּקויפען דער מיט, און פאַר אַ פּאָר רובעל האָבען מיר געהאַט אויף דער אימירגאַנטען-אכסניה אַל'ץ וואָס מיר האָבען באַגערט, אין עסען אין טרינקען אין אָפּרוה און פרייהייט, געהן איבער שטאָדט, וואוהין מיר האָבען געוואָלט, און זיצען דאַרטען פיעל מיר האָבען געוואָלט פאַרברענגען. מיר זיינען געזעסען דאָרטען עטליכע טעג.

גענומען די שיף-קאַרטעס און געפאָהרען צום שיף

אויף מאָרגען זיינען מיר געגאַנגען אין קאַנטאָר, וואו מען בייט אויס די קוויטאַנציעס וואָס מיר האָבען איינגעצאָהלט אין יעלאָהוע, אויף שיפס-קאַרטען, און רייזע קאָסט ביז אויפ'ן אָרט אין אַמעריקאַ. די קאַנטאָר איז געווען איבערגעפיהלט מיט מענשען, וועלכע זיינען געקומען אויסבייטען זייערע קוויטאַנציעס. איך האָב זיך קוים דערוואַרט, ביז איך בין צוגעקומען צום דירעקטאָר און איבערגעגעבען איהם מיינע קוויטאַנציעס. איך האָב זיך אַביסעל דערשראָקען, אַז איך האָב דערזעהן, אַז ער באַקוקט מיך מיט אַ צו שטרענגען בליק, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען געפינען אין מיר עפּעס אַ חטא. איך שטעה און וואַרט, וואָס וועט ער מיר זאָגען? ער האָט מיר באַלד אויסגעזאָגט אין וואָס מיין זינד באַשטעהט, מיינע גראָהע האָר פון קאָפּ און באָרד, און גיט מיר צו פאַרשטעהן, אַז עס איז מעגליך, צוליב מיין אַלטקייט וועט מען מיך ניט אַריין לאָזען אין אַמעריקאַ, און מען וועט מיך אַליין אָפּשיקען מיט דער שיף צוריק אין רוסלאַנד. איך האָב איהם באַוויזען מיין גובערנאַטאָרסקין פּאַס, אַז איך בין גאָר ניט אַזוי אַלט, מעהר ניט ווי איין און פופציג יאָהר. זאָגט ער דער פּאַס איז ווינציג, אייער געשטאַלט זאָגט עדות אויף אייך, אַז איהר זייט פיעל עלטער, וועלען די אַמעריקאַנער דאָקטוירים אייך שאַצען נאָך אייער אויסקוק, און מ'וועט אייך ניט אַריין לאָזען. אַמעריקאַ האָט ניט ליעב אַלטע לייט, וואָס קענען ניט אַרבייטען.

— אויב אַזוי, הער דירעקטאָר? וועט מוזען מיין גאַנצע פאַמיליע פאָהרען מיט מיר צוריק, ווייל מיר וועלען זיך ניט שיידען ניט איך מיט זיי, און ניט זיי מיט מיר. אַלזאָ איז

גלייכער פאַר אונז און פאַר אייך אויך, גיט אונז אָפּ צוריק אונזער געלט, וואָס מיר האָבען באַצאָהלט אין יעלאָווע פאַר די קוויטאַנציעס, ביי אַכט הונדערט רובעל, און מיר פאָהרען פון דאַנען צוריק אין רוסלאַנד.

ווי עס האָט אויסגעוויזען, האָט איהם מיינע רייד ניט גוט געשמעקט. אָפּגעבען געלט צוריק, דאָס איז אַ צו איידעלע זאַך. ער האָט אַ קנייטש געטאָהן דעם שטערען און אַ קראַטש געטהאָן מיט אַ פינגער אונטער'ן אויער, און געהייסען מיר וואַרטען אַ ווײַלע, און איז אַוועק. אין פינף מינוטען אַרום איז ער געקומען, און האָט מיר געהייסען געהן צום סעקרעטאַר, אַ יונגער מאַן פון קיעוו, רוסלאַנד. דער סעקרעטאַר האָט מיך פריינדליך צוגענומען. (גערעדט מיט מיר אויף רוסיש) און גע־נומען צוגרייטען פאַר מיר די שיפס קאַרטעס. דאָ בין איך שוין געוועזן דער יהסן. איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך האָב מורא, מען זאָל מיך ניט שיקען צוריק. ער האָט מיך איינגע־רעדט, אַז איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבען. עס איז קיין צווייפעל ניטאָ, אַז איך וועל אַריינגעלאָזען ווערען אָהן שוועריקייט. ס'וועט קיין שאלות ניט זיין וועגען מיר. און דער דאָקטאָר, וואָס וועט אייך דאָ באַקוקען, וועט ער אייך זאָגען דאָס זעלבע ווי איך. איך האָב גענומען די שיפס קאַרטעס און אַוועק רוהיגער אויף דער אכסניא.

נאָר עס איז מיר געוואָרען עפּעס אומעטיגלאך. מען זאָגט מיר אָן, אַז איך בין שוין אַן אַלטער מאַן, און איך טויגט שוין ניט צו דער וועלט. עפּעס מאָדנע ווי די צייטען בייטען זיך. מיט יאָהרען צוריק, ווען איך בין יונג געוועזן, אַז איך האָב געוואָלט זאָגען אַ שטיקעל דעה, צי אין שוהל, צי אויף אַ פאַרזאַמלונג, פלעגט מען מיר זאָגען: — יונגער מאַן, איהר זייט צו יונג זאָגען אונז דעות. — מיר האָט זיך דעמאָלסט געוואָלט גיכער עלטער ווערען, און איצט איז גאָר פאַרקערטע יוצרות. מען זאָגט: — געה, געה, דו ביסט שוין אַלט! איך האָב אמאָל ניט געטויגט צו דער וועלט, און איצט טויג איך

ווידער ניט, אָט איז אַ מלמד׳ישער מזל! ער טויג ניט אין אַלע זיינע צייטען. נאָר אַ דאַנק דעם סעקרעטאַר, וואָס ער האָט מיך אַביסעל געטרייסט, וואָס איך בין נאָך ניט אַזוי אַלט!

דער עולם אויף דער אכסניא האָבען זיך גענומען גרייטען צום שיף, און מיר אויך דאָס גלייכען. מיר האָבען איינגעקויפט אַזעלכע מאכלים, וואָס זיינען נוצליך אויפ׳ן שיף, צו פאַרהיטען ים קראַנקהייטען, און אַלץ, וואָס מען קען ניט קריגען אויפ׳ן שיף. ווי אַמאָל האָט „נח" צוגעגרייט פאַר׳ן מבול, אַז ער איז אין זיין שווימענדיגען קאַסטען אריין. אַז מיר זיינען אַלע פאַרטיג געוואָרען מיט די פעקלאַך, איז געקומען דער זעלבער מורה-דרך, דער איד מיט זיין בייסעקעל און האָט אַרויסגעפיהרט די גאַנצע מחנה אימיגראַנטען אויף דער גאַס און האָט זיי צושטעלט אין שורות. ער איז געפאָהרען אַפריהער, און די גאַנצע מחנה איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהם, „כאשר יהגו, כן יסעו", ווי זיי זיינען געקומען אַהער, אַזוי זיינען זיי געגאַנגען צום שיף. און מיר האָבען אויך געטאָהן ווי פריהער, גענומען אַ פוהר, און געפאָהרען צום שיף.

דאָרטען זיינען אַלע אימיגראַנטען דורכגעגאַנגען א צימער, וואו צוויי דאָקטוירים האָבען יעדען באַזונדער באַקוקט צי קען מען זיי לאָזען פאָהרען. מיר זיינען אויך דורכגעגאַנגען דעם עקזאַמען. מען האָט אויף אונז קיין פגימה ניט געפונען, אפילו אויף מיר און אויף מיין גראָהע קאָפּ און באָרד אויך ניט. הכל כשר וישר! עס האָט זיך געפונען אַ היבשע צאָהל אימיגראַנטען וואָס מען האָט זיי אָפּגעשטעלט, ווייל ביי זייערע קינדער זיינען די אויגען געווען ניט גוט. עס האָט ניט געהאָלפען זייער בעטען זיך, זייער וויינען, אין רחום בדין, ניטאָ קיין רחמנות, אַזוי איז דער זאַקאָן (דין) פאַר די דריטע קלאַסניקעס, ואין לשנות! מען קען ניט ענדערען!

50

אויף אַ דייטשישע שיף מיט'ן נאָמען „קעלין"

אין דעם יאָהר 1910, דעם 5טען סעפטעמבער, 4 אזייגער פאר נאַכט, זיינען מיר געגאַנגען זעצען זיך אויפ'ן שיף. די שיף איז געשטאַנען רוהיג נעבען ברעג. די פּאַסאַזשירען פון אַלע דריי קלאַסען זיינען געגאַנגען איבער דעם בריקעל, וואָס האָט פאראייניגט די יבשה מיט'ן ים. פריהער האָט מען ארויף געלאָזען דעם ערשטען און צווייטען קלאַס, מען האָט געטראָגען זייערע פּעק, און זיי אַליין זיינען געגאַנגען גאַנץ רוהיג. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער דראַנג פון דעם דריטען קלאַס. עס איז געוואָרען אַ געשריי, אַ געפילדער, מען האָט געשטופּט איינער דעם אַנדערען. יעדער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע, ער זאָל קענען פאַרכאַפּען דעם אויבען אָן אויפ'ן שיף. עס איז געווען אַ סכנות, מען האָט שיעור ניט אריינגעשטופּט איינער דעם צווייטען אין ים. מיר זיינען געווען פון די אהרונים, אַז עס איז געוואָרען שטילער, זיינען מיר אַרויף. אַ טרעגער האָט אַריינגעטראָגען אונזערע פּעק, מיר זיינען געבליבען שטעהן צווישען דער טאָלפּא, ניט געוואוסט וואוהין מען קערט זיך. מיר האָבען גענומען זוכען פאַר זיך אָן אָרט, וואו איינאָרדענען זיך אויף דער לאַנגע רייזע, איז וואו נאָר איך וויל זיך באַזעצען, ווערט אַ געשריי: — ר' איד, וואוהין קריכט איהר? דאָס איז שוין פאַרנומען. — און אַזוי איז געווען, וואו מיר האָבען געוואָלט באַזעצען זיך. מיר זיינען געבליבען שטעהן, ניט געוואוסט וואָס מען טהוט, כאָטש נעם און געה צוריק אויף דער יבשה. צווייטענס, מיר האָבען באַמערקט, אַז אונז וועט זיין שווער צו זיצען צוזאַמען. ליטוואַקעס מיט גאַליציאַנער איז שווער צו איינינגען זיך, דאָס

וואָס ביי די ערשטע איז גלייך, איז ביי די צווייטע קרום. ווען נח צום מבול וואָלט געדאַרפט אַריין נעמען אין זיין שוויי־מענדיגע קאַסטען ליטוואַקעס, גאַליציאַנער און פּוילישע, וואָלט איהם אויסקומען מאַכען זיין קאַסטען פיעל גרעסער, צוטיילען אויף צימערען יעדער מין מענשען באַזונדער, צוליב שלום בית.

בין איך אַוועק צום שיפס-קאַפּיטאַן בעטען, אַז ער זאָל בייטען אונזערע שיפס קאַרטעס אויף אַ צווייטען קלאַס. האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אוממעגליך, ווייל דער צווייטער קלאַס האָט קיין ערטער ניט פאַר אַ פאַמיליע פון זעקס מענשען, נאָר ער וועט אונז געבען אַ באַזונדער צימער, און איך זאָל דער־צאָהלען 80 רובעל פאַר דער גאַנצער רייזע ביז גאַלוואַסטאָן. איך האָב איהם באַלד באַצאָהלט, און מען האָט אונז אַריין גע־פיהרט אונטען אין אַ צימער, מיט גרויסע פענסטער, פיער בעטען, מיט אַ טישעל און אַ האַנט-וואַש, מיט אַ שפּיגעל, מיט אַ פּאָר שטוהלען. שטיל, רוהיג, מען הערט ניט קיין קולות. און באַלד איז געקומען דער קוכער צו אונז און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אונז ברענגען עסען כשר'ע כדת פון צווייטען קלאַס. מיר זיינען זעהר צופרידען געווען מיט אונזער דירה. מיר האָבען גע־בראַכט אַלץ אין אָרדענונג און אַרויס אויף דער דעקע פון שיף זעהן ווי די שיף וועט אָפּגעהן פון ברעג.

פינף אַזייגער פאַרנאַכט האָט זיך דערהערט אַ פייף פון דער שיף, אָנגעזאָגט, אַז זי געהט פאַרלאָזען די יבשה. דער־נאָך האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון די מאַשינעס מיט די רעדער. די וואַסער אַרום דער שיף האָט אָנגעהויבען שומען, וואַרפען מיט פיענע, די שיף מיט איהר נאָז האָט געשניטען די וואָסער, אָנגעפאַנגען געהן פון איהר אָרט. די באַגלייטער וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג, האָבען געשריען און גע־פאָכעט מיט די היטלען און מיט טיכלאך צו די רייזענדע און די רייזענדע האָבען געענטפערט מיט דעם זעלבען צייכען, פאַר־אַ־זיי־געזונד. דאָס האָט אַלץ געשעהן פון דעם באַלקאָן פון שיף, פון די פּאַסאַזשירען פון ערשטען און צווייטען קלאַס,

אָבער דער דריטער קלאַס איז געווען פאַר׳יתום׳ט. קיינער האָט זיי ניט באַגלייט, און זיי האָבען ניט געהאַט מיט וועמען צו געזעגענען זיך, ווייל דער דריטער קלאַס איז באַשטאַנען כמעט אַלע נע־ונד׳ניקעס, אימיגראַנטען פון אומעטום, ווייט פון זייערע פריינד, און גוטע פריינד, וועלכע זאָלען זיי באַגלייטען. געשטאַנען אַ ווײלע אויף דער דעקע פון שיף שווייגענדיג, און באַלד אַוועקגעלאָפען היטען זייערע נאַרעס, קיין אַנדערער זאָל ניט פאַרכאַפּען, ביז וואַנען יעדער וועט ווערען אַ תושב אויף זיין אָרט, און ער וועט זיין מיט איהם זיכער אויף זיין גאַנצער רייזע.

51

אונזער רייזע אויפ׳ן ים

מיר זיינען אַראָפּ אין אונזער צימער, באַטראַכט אונזער וואוינונג, אפילו ניט קיין גרויסער צימער, אָבער אַלץ אין אָרדענונג, שטיל רוהיג. מען הערט מעהר ניט די רוישונג פון דער שיף. דער קוכער האָט אונז געבראַכט דעם אָווענד־ברויט. אָפּגעגעסען און אַרויס אויפ׳ן דעק פון שיף כאַפּען פרישע לופט און זעהן דעם בילד ווי די זון געהט אונטער אויפ׳ן ים.

מיר האָבען געזעהן ווי די זון הויבט אָן אַראָפּלאָזען זיך נידעריג צום וואַסער, איהרע רויטע, גאָלדענע שטראַהלען האָבען געפינקעלט אויפ׳ן וואַסער וועלכע האָט געשפּריצט פון די זייטען פון שיף. די שיף האָט געשפּאָלטען די רוהיגע וואַסער מיט איהר גאַנצען קראַפט. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזען, איהרע לעצטע שטראַהלען זיינען דערטרונקען געוואָרען ווייט, ווייט אין ים און עס האָט אָנגעהויבען פינסטער ווערען. די הימעל איז געווען קלאָר אָהן אַ ברעקעל וואָלקען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען באַווייזען שטערען. זיי האָבען געשיינט פון אויבען אַראָפּ אויף די וואַסער, געבלישצעט ווי די דימענטען. אונזערע אויגען זיינען ניט זאַט געוואָרען קוקענדיג אויף

דעם שעהנעם בילד, נאָר דער שלאָף האָט אונז געמאַטערט. מיר זיינען געווען מיד פון דעם גאַנצען טאָגיגען אומרוהיגקייט, זיינען מיר אַוועק שלאָפען און געשלאָפען רוהיג די גאַנצע נאַכט, אַז אויף מאָרגען פריה זיינען מיר אויפגעשטאַנען געזונט און פריש.

דער קוכער האָט אונז געבראַכט אונזער איבערבייסען, קאַפע האָבען מיר אַליין געמאַכט (מיר האָבען געהאַט אַ בענזין מאַשינקע), אַפגעגעסען, פאַרטרונקען און מיר זיינען אַרויס אויפ'ן פּאַלוב (די דעק פון שיף) זעהן וואָס טהוען אונזערע אימיגראַנטען-ברידער? דאָרטען איז געווען גאַנץ פרעהליך. מען טומעלט, מען רעש'ט. יעדער לויפט מיט זיין טשייניקל נאָך קאַפּע מיט ברויט, (בולקעלאַך). מענער, פרויען, קינדער, מען שטופּט זיך, יעדער וויל קריגען זיין חלק. די מהומה האָט געדויערט ביי אַ האַלבע שטונדע. יעדער איז אַוועק עסען אין זיין נאָרע. נאָכ'ן עסען האָט זיך דער עולם ווידער צונויף געקליבען אויפ'ן פּאַלוב. די קינדער האָבען זיך געשפּילט גלייך ווי אויף דער יבשה. די עלטערע זיינען געזעסען פאַרבראַכט צווישען זיך, געשלאָסען באַקאַנטשאַפט, אידען. קריסטען, פון אַלערליי נאַציעס, גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכען, יעדער האָט דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט ביז ער איז אַריבער דעם גרעניץ מיט זיין פאַמיליע גע'גנב'עטערהייד. אַנדערע האָבען דערצעהלט פון זייערע שרעק און יסורים, וואָס זיי האָבען געליטען אין דער צייט פון די פּאָגראָמען אין פינפטען יאָהר. און אַזעלכע פאַרשיידענע ערצעהלונגען די צרות, וואָס זיי האָבען איבערגעטראָגען אין רוסלאַנד אונטער דער ממשלה פון דעם צורר ניקאָלאַי. דער עולם איז געזעסען אומעטיג פאַרטראַכט צוהערענדיג די שוידערליכע געשיכטעס. נאָר באַלד זיינען אַלע פרעהליך געוואָרען, אויף אַלעמענס פנים'ער האָט זיך באַוויזען אַ צופרידענהייט, דערהערענדיג די געזאַנג פון די יונגע בחורים און מיידלאַך. זיי האָבען געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און געטאַנצט. זיי זיינען יעצט פריי

אהן שום פחד פאר ניקאלאי׳ס משרתים. די הענט פון די רו־סישע הענקער וועט זיי ניט גרייכען. מעגען רעדען און זינגען, וואס זייער הארץ געלוסט אהן מורא.

דער פריהמארגען איז געווען זעהר א שעהנער, קיין סימן פון קיין וואלקען האט ניט באדעקט די בלאהע הימלען. דער גרויסער ים אטלאנטיק איז געווען רוהיג, שטיל, די שטראהלען פון דער זון האבען זיך אפגעשפיגעלט אויף די רוהיגע וואסער. די שיף איז געשוואומען רוהיג. די פאסאזשירען פון אלע דריי קלאסען זיינען אויף דער דעקע פון שיף, באקוקען ווי די שיף געהט איבער רוהיגע וואסער. דער ערשטער און צווייטער קלאס זיינען געזעסען פון אויבען אויף דעם באלקאן, אויף ווייכע שטוהלען, פארלייגט א פוס אויף א פוס, ווי ביי זיך אין די זאלען אין דער היים, נעבען זיי איז געשטאנען טישע־לאך מיט אלערליי פרוכטען און זיסע געבעקס. מ׳עסט, מ׳טרינקט, מ׳פארברענגט מיט פארגעניגען. מוזיקע האט גע־שפילט, פארלאך האבען געטאנצט, געלעכטער האט זיך גע־הערט. פרייד אין אלע עקען. ס׳איז שמחה וששון ווי אויף א באל, יום טוב׳דיג!

די פאסאזשירען פון דריטען קלאס האבען אפגעקערט זיי־ערע בליקען קוקען אויפ׳ן ים, און האבען אויפגעהויבען די אויגען באקוקען די גליקליכע, רייכע מענשען, וועלכע זיצען פון אויבען, און מ׳האט אנגעפאנגען רעדען צווישען זיך: — אך, ווי גליקליך זיינען די רייכע, דעם נגיד איז גוט, וואו ער זאל זיך ניט געפינען, אין דער היים, אין דער פרעמד, אויף דער יבשה, אויפ׳ן ים, די גאלדענע קאלב האט אפילו אין דער מדבר אויך געשפילט א ראליע. אויך ביי די באאמטע פון דעם אנשטאלט. די רייכע האט מען אין באד ניט געפיהרט, זייערע זאכען ניט געפארעט, צו די דאקטוירים ניט געפיהרט, אויף זיי קיין פעלערען ניט געזוכט. אלץ כשר און גוט, ווייל ער האט א רייכען פאקעט! גליקליך זייט איהר, געבענשטע פון גאט!

אַזוי איז פאַרגעקומען יעדען טאָג. מען האָט פאַרבראַכט, געגעסען, געטרונקען, אַמאָל אונטערגעבראָכען, ווען עס האָט געכאַפּט אַ ווינטעל (קיין שטורעמס איז ניט געווען די גאַנצע צייט). פון אַ קליינעם ווינטעל פלעגט אויך דער ים ברוגז ווערען, פלעגט זיך אָנהויבען וואַרפען מיט צאָרן, וואָס דער ווינט שטערט איהם זיין רוהיגקייט, און יעדע כוואַליע האָט אַ הויב געטהאָן די שיף אַרויף און אַראָפּ, אַז מיר האָבען ניט געקענט שטעהן אויף די פיס. יעדער איז געלעגען אויפ׳ן אָרט, געבראָכען, געשמאָקצעט די זאַפט פון לימענעס, טראָ־פּענס גענומען פון ים קראַנקהייטען, ביז עס פלעגט שטיל ווערען דער ווינט.

מיר ווייסען ניט, צי די רייכע פון די צוויי ערשטע קלאַ־סען האָבען אויך געליטען גלייך מיט אונז? אָדער פיליכט קיין רוהות קען זיי ניט שאַדען. מיר האָבען אונזערע קעפּ ניט גע־קענט הויבען צו קוקען אויף זיי.

נאָך אונזער צוויי וואָכעדיגע רייזע אויף דער שיף, זיינען מיר געקומען אין פילאַדעלפיע. מיר האָבען זיך זעהר דער־פרעהט, אַז מיר האָבען דערזעהן פון ווייטען די יבשה, פיליכט ניט ווינציגער ווי נח נאָכ׳ן מבול. צוגעקומען נעהענטער צום שטאָדט דערזעהן רידונג פון מענשען אויף דער יבשה, מיר האָבען גערעכענט אַראָפּ אויף אַביסעל צייט פון שיף, און איינקויפען פאַר זיך צום עסען, פון פרישע זאַכען, וואָס אויפ׳ן שיף איז ניט געווען אויסער שיפ׳ס הערינג מיט בולבעס.

איז אָבער ווייטער די זעלבע צרה מיט די קבצנים פון דריטען קלאַס, מעהר ווי קוקען פון דער ווייטען האָט מען אונז ניט געלאָזען, ווי צו משה רבנו, האָט גאָט געזאָגט — „מנגד תראה את הארץ״, — פון ווייטען וועסטו זעהן די לאַנד, להבדיל, דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעזאָגט, מען זאָל דעם דריטען קלאַס ניט אַראָפּלאָזען, אָבער פון די ערשטע צוויי קלאַסען, זיי־נען פראַנק און פריי אַראָפּ.

מיט קנאה־אויגען האָבען געקוקט אויף זיי דער דריטער קלאַס. אונזער פאַמיליע האָט אפילו ניט געליטען פון אַלע פיינליכע זאַכען, וואָס דער דריטער קלאַס האָט געליטען, ווייל מיר זיינען געזעסען אין אַ באַזונדער צימער, אָבער צו דער מדרגה פון די ערשטע צוויי קלאַסען האָבען מיר ניט געגרייכט, און אונז האָט מען אויך ניט אַראָפּגעלאָזען. נאָר אין דריטען קלאַס האָט זיך געפונען אַ מאַן מיט זיין פרוי, אַמעריקאַנער בירגער, וועלכע זיינען געפאָהרען אַהיים פון יוראָפּ, זיי האָט מען אַראָפּגעלאָזען. זיי האָבען פאַר אונז איינגעקויפט אַלץ וואָס מיר האָבען פאַרלאַנגט.

צוויי טעג זיינען מיר געשטאַנען אין פילאַדעלפיע, ביז מען האָט אויסגעליידיגט די פראַכט, וואָס איז געווען טראַנספּע־רירט אַהין. די אַרבייטער זיינען געווען אַלע נעגערס, זייערע רייד האָבען מיר ניט פאַרשטאַנען און ניט געכאַפּט פון זייערע רייד גאָרנישט, נאָר אַ פּאָר ווערטער, וועלכע די נעגערס האָבען אויסגעשריען זעהר אָפט, „הרי־אָפּ” און „אָלרייט”. דאָס האָט אונז אינטערעסירט וויסען די באַדייטונג, האָט אונז דער אַמע־ריקאַנער פּאַסאַזשיר געגעבען צו פאַרשטעהן און דערצו באַ־מערקט, אַז די אַמעריקאַנער האָבען פיינד ווען מען דרעמעלט ביים אַרבייט.

צווישען די וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן שיף, פון די איינוואוינער פון שטאָדט, באַקוקען די אימיגראַנטען, האָט זיך געפונען אַ פּאָליציימאַן, אַנגעטאַהן אין אַ בלאַהען ראָק מיט אַ גאַנץ גראָבען, קורצען שטעקעלע, וועלכער איז געווען אַנגע־בונדען מיט אַ רימען, און ער האָט איהם געדרעהט און גע־וואָרפען אין לופטען און געכאַפּט איהם מיט'ן האַנט. דאָס וויזט ער, אַז ער קען קונציג שלאָגען מיט דעם שטעקעלע דעם, וואָס פאָלגט ניט, ווי ער פאַרזאָגט. אויך האָט ער געהאַלטען אין מויל אַ גראָבען סיגאַר צווישען זיינע פאָדערשטע, גאָלדענע ציינער, אַ סיגאַר, וועלכער קאָסט צעהן סענט, רוסישע צוואַנ־ציג קאָפּיקעס (דאָס האָט אונז געזאָגט דער אַמעריקאַנער

פּאַסאַזשיר). אַזוי ווי איך בין אַ גמרא קאָפּ, האָב איך פון דעם פּאָליציימאַן אָפּגעלערענט אַ „קל וחומר", אַז אַ פּראָס־טער פּאָליציימאַן קען זיך פאַרגינען רויכערען אַ סיגאַר פון 20 קאָפּיקעס, היינט וועלכע טייערע סיגאַרען רויכענען שוין די באלעבאטים און די גבירים? הפנים, אז ס'איז טאַקע אמת, וואָס מען זאָגט: אַז אַמעריקע איז אַ גאָלדענע לאַנד, אַז אַ פּאָליציימאַן האָט גאָלדענע ציין און רויכערט טייערע סיגאַרען!

52

פון פילאַדעלפיע נאָך גאַלוועסטאָן

די רייזע פון פילאַדעלפיע איז געווען פיעל בעסער ווי פריהער, פיעל פּאַסאַזשירען זיינען אַראָפּ, איז געוואָרען ניט אַזוי ענג. שפּייז איז אויך געווען בעסערע, פרישערע און מעהר ווי פריהער. מיר האָבען שוין געגאָסען פאַרגעניגען פון אונזער רייזע, נאָר פונדעסטוועגען האָבען אַלע געגאַרט, ווען מיר וועלען שוין קענען אַראָפּ פון שיף.

אויף דעם צוויי און צוואַנציגסטען טאָג, וואָס מיר זיינען געזעסען אויפ'ן שיף, האָט דער קאַפּיטאַן אונז אָנגעזאָגט, אַז היינט נאָך האַלבען טאָג וועלען מיר שוין אָנקומען אויפ'ן אָרט אין גאַלוועסטאָן. מיט פיעל פרייד האָבען מיר זיך אַלע גענומען צוגרייטען. יעדער האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכען, אַרומגעוואַשען זיך, אַרומגעשאָרען זיך. איינער פון די אידישע אימיגראַנטען, שוין אַן עלטערער איד, מיט אַ גאַנץ לאַנגע באָרד, וועלכער פלעגט אַרויס אויף דער דעקע פון שיף אַלע טאָג, פלעגט מיט אונז פאַרברענגען, גערעדט תמיד פון אידישקייט, פרומקייט, איז ער דאַן אַרויס אויפ'ן פּאַלוב, האָבען מיר איהם ניט דערקענט. דער אַלטער איז יונג געוואָרען, אָפּגעגאָלט די גאַנצע באָרד, מעהר ניט געלאָזען אַ פּאָר וואַנצען. דיר ברי־דער האָבען ניט דערקענט זייער ברודער יוסף, ווייל זיי האָבען איהם געלאָזען, איידער זיי האָבען איהם פאַרקויפט, אָהן אַ

באָרד, און נאָכדעם אין מצרים האָבען זיי איהם דערוויסט פאַר־וואקסען מיט אַ באָרד. און מיט אונזער אונזער אימיגראַנט האָט געטראָפען פאַרקערט. מיר האָבען זיך אויף איהם אַביסעל לוסטיג געמאַכט. יעדער האָט געזאָגט זיין גלייכווערטעל וועגען זיין באָרד, נאָר איהם האָט דאָס ווינציג געקימערט. ער האָט געזאָגט: — וואָס באַדאַרף איך, מען זאָל דאָרטען לאַכען פון מיין באָרד, ביז וואַנען איך וועל זי דאָרטען אַראָפּנעמען, בעסער לאַכט איהר דאָ, א קורצע צייט, און פּטור.

53
מיר זיינען געקומען אין גאַלוועסטאָן

מיט נייגעריגקייט זיינען אַלע געשטאַנען און געקוקט ווי די שיף לויפט, און דערנעהענטערט זיך צום ברעג. אַזייגער איינס ביי טאָג, האָבען מיר דערהערט אַ פייף פון שיף, וועלכער האָט אָנגעזאָגט אַז באַלד קומט זי אַריין אין האַפען. עס איז געוואָרען אַ גערודער, מען האָט געכאַפּט די פּעקלאַך אין די הענט, און געשטופּט זיך צו שטעהן נעהענטער צום אַרויסגאַנג, זיין פון די ערשטע צו שטעלען די פיס אויף דער יבשה.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג פייפענדיג, די מאַטראָזען האָבען באַלד אַוועקגעלייגט דעם בריקעל, וואָס באַהעפט דעם ים מיט דער יבשה, דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטהאָן לויפען צום אַראָפּגאַנג. אָבער באַלד האָבען די מאַט־ראָזען פאַרצאַמט די וועג, פאַרצויגען אַ שטריק, און מען האָט גענומען אַראָפּלאָזען פריהער די יחסנים, פון ערשטען און צווייטען קלאַס. זיי זיינען אַלע אַראָפּ פריי, קיינער האָט זיי ניט געשטערט. נאָכדעם האָט מען גענומען אַראָפּלאָזען דעם דריטען קלאַס, איינציגווייז. צוויי דאָקטוירים האָבען יעדען באַקוקט פריהער, געקוקט אין מויל, אין די אויגען, גוט באַ־טראַכט צי האָט ער ניט קיין פעלער? צי געזונט איז ער אויף אַלע אברים, אַז זיי האָבען געפונען אויף וועמען אַ מום, האָט

מען יענעם אָפּגעשטעלט אין אַ זייט. דאָס וואָס מען האָט די קראַנקע אָפּגעשטעלט, איז פּיליייכט רעכט, מיר איז דאָן נאָר אַ קשיא געווען, וואָרום האָט מען די רייכע ניט איבערגעקוקט, אפשער איז פאַראַן צווישען זיי קראַנקע? צי דען נאָר אָרעמע לייט קרענקען, און רייכע ניט? נאָר אָרעמע לייט האָבען פּעלערען אין זיך און די רייכע ניט? זיי קענען דאָך קרענקען און האָבען אין זיך פּעלערען ניט ווינציגער פאַר די אָרעמע, הייגט פאַר וואָס האָט מען זיי אַראָפּגעלאָזען פריי? נאָר, באמת, איז דאָס גאָר פשוט, די רייכע קענען טאַקע קרענקען ניט ווינ־ציגער פאַר די אָרעמע, אָבער די רייכע מעגען קרענקען, זיי האָבען פּאַרוואָס, הייגט וואָס אַרט דאָס אמעריקע, אז עס ווע־לען אַריין פאָהרען אין איהר מדינה קראַנקע נגידים? אין געגענטייל, זעהר רעכט, וועלען איהרע דאָקטוירים און אַפּ־טעקען האָבען פּרנסה. אָבער פון די אָרעמע קראַנקע, מעהר ווי צרות וועט זי ניט האָבען פון זיי, היילען זיי אומזיסט, און שפּייזען זייערע פאַמיליעס, הייגט צו וואָס באַדאַרף זי זיי? זייט איהר געזונט, קרעפטיג, איהר קענט זיך מפרנס זיין, און די לאַנד קען פון אייך געניסען, זייט איהר גוטע געסט, איז די טויערען פון דער לאַנד פאַר אייך אָפען, און וועט ניט, געהט אייך צוריק פון וואַנען איהר זייט געקומען. איהר טויגט ניט פאַר אונז!

אַלזאָ האָט מען דעם דריטען קלאַס גוט איבער געקוקט, איז דער, וואָס איז געווען כשר כדת, האָט מען איהם אַראָפּ־געלאָזען, און אויף וועמען מען האָט אַ מום געפונען, האָט מען איהם אָפּגעשטעלט, און עס האָט ניט געהאָלפען קיין בעטען, קיין געוויין,„יקיב הדין את ההר". מיין גאַנצע פאַמיליע זיינען דורכגעגאַנגען אָהן קיין שום שאלות. נאָר אויף מיר האָבען זיי געבליקט מיט שטרענגע אויגען, געקוקט אויף מיינע זיל־בערנע האָר, און עפּעס גערעדט צווישען זיך. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען, דערמאָנט זיך אויף דעם, וואָס מען האָט מיר געזאָגט אין ברעמען אין קאַנטאָר, אז מען קען מיר צוריק

שיקען, ווייל איך בין צו אַלט. מען האָט מיך אָבער פאָרט דורכגעלאָזען. און מיר זיינען אַראָפּ אונטען אין אַ צימער, דאָר־טען זיינען געזעסען נאָך אַ קאָמיסיע, פון באַאַמטע מיט דעם הויפּט דאָקטאָר. צווישען זיי איז אויך געווען ראבי קאַהאַן פון גאַלוועסטאָן. (ער איז געווען פון קיעווער אימיגראַנטען קאָ־מיטעט, דער אָנגעשטעלטער צו באַזאָרגען די אימיגראַנטען).

די קאָמיסיע האָט מיך אויך אָפּגעשטעלט, ווייל איך בין צו אַלט, נאָר ראבי קאַהאַן האָט מיך אויסגעפרעגט, ווי אַלט איך בין, וואָס איז מיין פּראָפעסיע? איך האָב איהם געוויזען מיין גובערנאַטאָרסקין פּאַס, אַז מיר איז 51 יאָהר, און איך בין אַ שוחט, און דערצו האָב איך געוויזען אַ קוויטאַנציע אַז איך האָב אָפּגעשיקט צוויי טויזענט צוויי הונדערט רובעל אין אַמעריקא אויף מיין נאָמען, דורך אַ יעקאַטנס׳ באַנק. האָט מען מיך אָפּגעלאָזען.

ער האָט מיך אויך געפרעגט, אויב מיר וועלען געהן עסען אין אַ כשר רעסטאָראַן? איך האָב איהם באַדאנקט פאַר זיין נאָבעלע הארץ, און איך האָב געזעהן ווי ער איז זיך באַגאַנגען מיט אַלע אידישע אימיגראַנטען, מיט גוטע זיסע רייד גע־טרייסט אַלעמען, געטהאָן פאַר זיי אַלעס וואָס זיי האָבען גע־פאָדערט, ער פלעגט זיי באַזאָרגען מיט עסען, מיט טרינקען, וואו צו זיין ביז ער וועט פאַר זיי קריגען שטעלס וואו צו באַ־זעצען זיך. ווי אַ פאָטער איז ער געווען פאַר די אָרעמע, עלענ־דע אימיגראַנטען. ווען אַלע אָנגעשטעלטע פון דעם קאָמיטעט וואָלטען ערפיהלען זייער חוב, כאָטש איין חלק פון דעם גוטען נאָבעלען מענשען ראַבי קאַהאַן, דאַן וואָלטען די אימיגראַנטען ניט געליטען די גאַנצע וועג, און ניט קומענדיג קיין אַמעריקא.

ראבי קאַהאַן האָט באַלד געשיקט אַ מענשען אַראָפּנעמען אונזער באַגאַזש פון שיף. ווי מיר זיינען ארויס אויף דער יבשה, האָבען מיר דערזעהן אונזער פלימעניק זלמן ליפשיץ (מיר האָבען איהם געקענט, ער איז ביי אונז געווען אין פּאווג׳), ער איז געקומען פון סאַן אנטאָניאָ אַראָפּנעמען אונז פון שיף.

מיר האָבען זיך מיט איהם זעהר דערפרעהט, ער וועט אונז שוין באַזאָרגען מיט אלס. אז מיר האָבען נאר ארויפגעטראָטען אויף דער יבשה האָבען מיר פריי אָפּגעאָטעמט, אונזערע פיס שטעהען איצט אויף דעם באָדען פון דער פרייער לאנד, פריי פון ניקאָלאַין מיט זיינע בלוט-הינט, פריי פון די שיפ׳ס משרתים, פון די אנגעשטעלטע פון קאָמיטעט, מיר זיינען געגאנגען באקוקען די שטאָדט, באַטראַכטען אמעריקאנער איינוואוינער, און אריין אין א רעסטאָראן פארזוכען פון די אמעריקאנער מאכלים, דערנאָך אוועק צום וואָגזאַל. מיר האָבען דאָ דערפיהלט דעם אונטערשייד פון די רוסישע וואָקזאלען. מיט די אָרדענונגען, ניטאָ דאָ די פּאָליציייאישע גראָבקייט, די זשאַנדאַרען מיט זייערע בייזע אויגען, די שמוציגע וואָקזאלען, די פויערים וואָס וואלגערען זיך פול אויף דר׳ערד מיט זייערע טאָרבעס און קלומקעס, מען הערט ניט קיין געשריי, קיין זידלעריי, ניט אָפּגעטיילט איין קלאַס מענשען פון צווייטען. פּאַר אלעמען גלייך. די וואַגאָנעס האָבען געגלאנצט פון זויבערקייט, די קאָנדוקטאָרען האָבען גערעדט מיט איידעלקייט מלא חן, נאָר איין זאַך האָט געשטערט אונזער פארגעניגען, מיר זיינען געבליבען ווי שטומע, דער לשון האָט ביי אונז ווי אָבגענומען, ניט געקענט פארשטעהן, וואָס די פּאַסאַזשירען רעדען וועגען אונז, נאָר זייער בליק אויף אונז האָט אויסגעוויזען מילד, רחמנות׳דיג. די קאָנדוקטאָרען האָבען ביי אונז איבערגעקוקט אונזערע בילעטען מיט אזא העפליכקייט, אז מיר זיינען געווען באצויבערט פון אלץ וואָס מיר האָבען געזעהן און באגעגענט. גערעכענט אז שעהנער און בעסער קען גאָר ניט זיין, נאָר אז מיר האָבען באמערקט ווי די נעגערס זיצען אָפּגעזונדערט פון די ווייסע, דאָס האָט אויף אונז א שלעכטען איינדרוק געמאכט, אין אזא שעהנע, פרייע לאנד, וואו מען פיהלט די קולטור פון דער וועלט, זאָל מען מאכען א אונטערשייד פון איין ראַסע ביז א צווייטע? מיט וואָס האָבען די מענשען פארזינדיגט, וואָס זיי האָבען שווארצע פּנים׳ער?

מיר האָבען געפרעגט דאָס אונזער פלימעניק, האָט ער אונז געזאָגט, אז דאָס איז ניט פון דער רעגירונג, ביי דער רעגירונג זיינען אלע גלייך, נאָר די מענשען פון עטליכע שטאָאטען פיהרען זיך אזוי. פאַראַן אַן אַלטע היסטאָריע וועגען דעם.

מיר זיינען אין דער שטאָדט סאַן אַנטאָניא, און מיט דער סטריט-קאר זיינען מיר געפאָהרען צו זיין פאָטער'ס הויז. דורך די פענסטער פון קאַר האָבען מיר באקוקט די גאַסען פון שטאָדט מיט איהרע געשעפטען, די שעהנע געביידעס, די גרויסע מאַגאַזיינען מיט די שעהנע אויסשטעלונגען אין די פענסטער, האָב איך געקלערט — עס איז טאקע אמת, וואָס אמעריקע איז א גאָלדענע לאַנד, נאָר פאַהרענדיג ווייטער אין די זייטיגע גאַסען, און וואָס מיר זיינען געקומען נעהענטער צו מיין שוואָגער'ס הויז האָט אלץ מעהר אמעריקע אָנגעוואָרען איהר חן ביי מיר. איך האָב דערזעהן אזא בילד, אז איך האָב אויסגעשריען צו מיין פלימעניק — אָט דאָס איז אייער גאָלדענע אמעריקא? גאַסען בלאָטיגע, און פוןביידע זייטען באזעצט מיט קליינע ארעמינקע הייזלאך, ארעמע קליינע קרעמלאך, ווי אין רוסלאנד אין די קליינע שטעדטלאך, כדאי געווען לאָזען זיך קאָסטען אזוי פיעל געלט און ליידען צרות אויפ'ן ים און דער יבשה ביז וואַנען מיר זיינען געקומען אהער? בלאָטיגע שטעדטלאך מיט קבצנים, האָבען מיר דאך אין רוסלאנד אויך געזעהן, צוליב וואָס האָבען מיר באדארפט פאָהרען אהער? א קבצן זיין האָב איך אין דער אַלטער היים אויך געקענט זיין. איך בין ברוגז געוואָרען אויף קאלאמבוס'ן און אויף מיין שוואָגער, וואָס ער האָט אונז ארויסגערופען אהער. אפילו מיין פלימעניק האָט פאַרענטפערט, אז דאָס איז נאָך ניט די אמת'ע אמעריקע, דאָס איז א שטאָדט אין אמעריקא וועלכע איז נאָך גאָר אין איהרע קינדער יאָהרען, זי האָט זיך ניט לאַנג באזעצט, מען האָט זי אָפּגענומען ביי די מעקסיקאנער, איז נאָך דערווייליע פאַרבליבען א צייכען פון זיי, נאָר דעם אמת'ן חן פון אמעריקא איז אראָפּ ביי מיר.

54

סאַן אַנטאָניאָ

ווי סאַן אַנטאָניאָ האָט אויסגעזעהן מיט 22 יאָהר בעפאָר

מיר זיינען געקומען אין סאַן אַנטאָניאָ, טעקסעס, אין דעם יאָהר 1910 דעם אכט און צוואַנציגסטען סעפּטעמבער, דאַן איז די שטאָדט געווען ווי אלע שטעדט פון טעקסאס. זיי האָבן זיך ערשט אָנגעהויבען צו אַנטוויקלען פון זייערע קינדערשע יאָהרען, סיי קערפּערליך און סיי גייסטליך. גאַנץ טעקסאס איז ניט מיט פיעל יאָהרען אריבער פון די מעקסיקאנער צו די יונייטעד סטייטס, ביסלאַכוויז האָבען זיך אלע שטעדט אנטוויקעלט, אז מען קען זיי ניט דערקאָנען היינט מיט צוואנציג יאָהר שפּעטער. די שטאָדט סאן אנטאָניא איז אין דער צייט אויסגעוואקסען און אנטוויקעלט געווארען סיי אין גייסט, סיי אין צאָל פון איהרע איינוואוינער, און מיט איהרע שעהנע געביידעס און מיט איהרע גרויסע געשעפטען. איהר צאָל האָט זיך דאַן גערעכענט אומגעפעהר הונדערט טויזענט נפשות, היינט צעלט זי ביז דריי הונדערט טויזענט. די שטאָדט האָט אויסגעזעהען האלב ווילד, ניט א שטאָדט, וואָס איז באַפלאנצט מיט בוימער, נאָר ווי א וואַלד באזעצט מיט הייזער, גרעסערע און קלענרע און גאָר קליינע ארימע ווי חורבות. די גאסען איז געווען פיעלע פון זיי פאַרוואַקסען מיט ווילדע, שטעכעדיגע בוימער, דארטען פלעגען זיך פיטערען פערד, בהמות, אייזלען מיט ציגען אומגעשטערט. שמוציגע טייכלאך האָבען זיך גע־שלענגלט אין די גאסען. אלע גאסען (אויסער די פּאָר גאַסען וואו די גרויסע געשעפטען זיינען געווען) זיינען געווען בלאָטיג נאָך א רעגען. געווען אזעלכע ערטער, אז מען האָט ניט געקענט ארויסשלעפּען א פוס פון די ליימיגע בלאָטע, אז א פור פלעגט

דורכפאַהרען פלעגען זיך די רעדער ניט זעהן, וואו איצט איז די שעהנסטע גאַסען מיט די גרעסטע געביידעס, האָט זיך דאן געפונען ארימע הורבות פון די מעקסיקאנער, וועלכע זיינען געוועזען געבויט פון ברעטלאך ווי א אידישע סוכה און באדעקט מיט אלטע פארזשאווערטע בלעך, וועלכע האָבען געוואָרפען אן אומעט אויף דעם פארבייגעהער, און דער ווילדער געשריי פון די אייזעלאך, וועלכע פלעגען שטעהן ביי די הייזלאך, פלעגען גרילצען אין די אויערען. אנדערע גאַסען זיינען געווען כמעט גאָר פוסט, נאָר עטליכע מעקסיקאנער הורבות האָבען זיך ארויס־געזעהן צווישען די ווילדע בוימער, און גרויסע בערג מיסט, וועלכע מען פלעגט ארויספיהרען פון שטאָדט. די בייסענדע, פליהענדיגע הייזלאך (מאסקיטעס בלע״ז) זיינען געווען פול, פון די שמוציגע בלאָטעס, וועלכע פלעגען זומערדיגע צייט ניט לאָזען איינשלאָפען די איינוואוינער און ברייגגען פיעל קראנק־הייטען. די איינוואוינער פון שטאָדט זיינען געווען צוטיילט (איצט אויך) אויף עטליכע ראַסעס: ווייסע, שווארצע און געלע, פון אלע מדינות. די ענגליש-אמעריקאנער צו זיי געהערט די גרעסטע און די שעהנסטע געביידעס פון שטאָדט, זיי זיינען גרויסע ערד־באַזיצער, וואָס זייערע עלטערען האָבען אָנגע־קויפט אמאָל פון דער רעגירונג בחצי חנם, וואָס איצט האָבען זיי די ווערט הונדערט מאָל אזוי פיעל. זיי פארנעמען די גרעסטע רעגירונגס און די שטאָדטישע שטעלעס, אויך די בענק און די גרויסע האָטעלען, זיי פיהרען די שטאָדט-פּאָליטיק. לאָיערס, דאָקטוירים, אינזשענירען, זיי זיינען די ראָשי העיר, די קעפּ פון שטאָדט.

נאָך זיי קומען די אידען, וועלכע צוטיילען זיך אויף צוויי קאַטעגאָריעס: דייטשע יאַהודים און ארטאָדאָקסישע. די יאַהודים זיינען די אידישע גבירים פון שטאָדט, די גרעסטע געשעפטען איז אין זייערע הענט, זיי צעהלען זיך העכער פון הונדערט פאַמיליעס. עס געפינען זיך פון זיי גרויסע גבירים, האָבען א גרויסען, א שעהנעם טעמפּעל און א ראביי כדת כל

הרעפאָרמער, מישען זיך זעהר ווינציג מיט די אָרטאָדאָקסען, מאַכען פאר זיך שבת. אָרטאָדאָקסען האָבען זיך דאן געפונען אומגעפעהר א פּאָר הונדערט פאמיליעס. פון זיי געפינען זיך גאנץ רייכע לייט מיט גרויסע געשעפטען, אבער זעהר ווינציג, דאָס רוב זיינען באלעבאטים און אָן אָרימער קלאַס, קרעמער, פעדלער. גאָר ארימע איז כמעט ניטאָ. א גרינער איד ווען ער קומט, נעמט ער זיך באלד צו פעדלעריי, אויב ער האָט פארוואָס קויפט ער א פערד מיט א וועגעל און נעמט זיין קרעמעל מיט זיך און פיהרט ארום צו די מעקסיקאנער און גיט זיי די סחורה אויף אויסצאָהלען, דערפאר נעמט ער זעהר הויכע פרייזען און מאַכט א לעבען. פילע פון די אמאָליגע פעדלער זיינען היינט רייכע לייט און וועלכער עס פארמאָגט ניט צו קויפען א פערד מיט א וואָגען, נעמט אביסעל ביליגע סחורה אין א סעטשעל און טוהט דאָס זעלבע וואָס יענער מיט'ן פערד און וואָגען, און מיט דער צייט ווערט ער א גרויסער פעדלער און פון א פעדלער א סטאָר־קיפּער און א. ז. וו. אפילו א פּרעזידענט און א שוהל אָדער תלמוד תורה און דאָס גלייכען. דאָן האָבען זיך געפונען אויך פּרוכטפעדלער, ווערזשעטייבעל לייט (איצט איז ניטאָ קיין אידען פון דעם מין פעדלער, דאָס האָבען איבערגענומען די איטאַליענער).

א שוהל איז דאן געוועז א קליינע, א הילצערנע געביידע, אָן אלטע און אן אַלטער שמש, א רוסישער איד, א ניקאָ־לאַיעווער סאָלדאַט, וואָס פלעגט דאוונען שבת פאר'ן עמוד ביז „שוכן עד" און פלעגט זעצען די עברי ווי להבדיל א ליט־ווישער גוי זעצט פלעקער אין גאָרטען, אבער געוועזן א פיינער איד, מיט א גאנץ גרויסע שעהנע באָרד, דאָס האָט פאַרדעקט זיינע פעלערען, און דער עולם איז געוועזן צופרידען מיט זיינע שמשים און מיט זיינע תפלות.

55

דער ראבי, דער חזן, דער שוחט, דער מוהל אלעם אין איין מענשען

א גאנצע וואך פלעגט די שוהל שטעהן פארשלאסען, עס איז קיין מנין ניט געוועזן. ווען איינער האט געהאט א יאהר־צייט, אדער אן אבל, אז איהם האט זיך געוואלט זאגען א קדיש, האט ער געמוזט געהן אויף ירושלים סטריט (דאס איז א סטריט, וועלכע זי איז דורך פון אידישע קרעמער, דערום האט זי זיך גערופען „ירושלים סטריט") דארטען האט ער געקענט צונויפקלייבען א מנין צו מנחה און מעריב. פרייטאג צו קבלת שבת, פלעגט דער שמש קוים צונויפקלייבען א מנין. שבת אין דערפריה, פלעגט זיין מיט עטליכע מענשען מעהר, אויך פון די עלטערע מענשען, און פון די, וואס האבען קיין געשעפטען ניט, ווארום די געשעפטס־לייט קענען זיך ניט פארגינען לאזען די געשעפטען זייערע און געהן אין שוהל אריין, וויל דער בעסטער געשעפט־טאג איז דא שבת. דער ארבייטער נעמט אפ זיין געצאלט פאר דער גאנצער וואך, שבת, און דער פארמער קומט שבת אין שטאדט איינקויפען, וואס ער בעדארף אויף דער גאנצער וואך, איז דארום אלע געשעפט מענשען ווארטען אויף דעם טאג ווי אין די אייראפעאישע שטעדט ווארט מען אויף שבת אויסרוהען, אין דעם יום המנוחה, אזוי ווארט מען דא אויף שבת מאכען געשעפט, און אלע געשעפטען זיינען שבת אפען, אהן דעם שבת'דיגען פדיון, קענען זייערע געשעפטען צום גרונד געהן (אזוי זאגען זיי).

א חזן און א שוחט איז דאן געוועזן אן אלטער מאן ר' סלאן, געוועזן א איד א למדן, א גוטער בע"ת, ער איז געוועזן אויך דער ראביי פון שטאדט, דער מוהל דער מסדר קדושין,

געלערענט אמאָל א אינגעל מפטיר צו א בר מצוה. ער איז געווען אלץ וואָס א אידישע קהלה פאָדערט. אין אמעריקע אין די קליינע שטעדט, איז דער מאַן, וואָס פאַרנעמט די שטעלע פון א חזן און א שו״ב אין א קהלה, קריגט ער דעם נאָמען ראַבי, און מיט איהם איז מען יוצא פאר א רב אויך,ווארום באמת, וואָס בעדרפען זיי א רב? קיין שאלות פרעגט מען ניט, קיין דין-תורות פסק׳ענט מען ניט, איז אזא מין רב, פאר זיי איבער־גענוג, דיינו!

קיין תלמוד תורה איז אויך ניט געווען, אז אימיצען האָט זיך פאַרוואָלט אויסלערנען זיין קינד ער זאָל קענען איבער הונדערט יאָהר נאָך איהם קדיש זאָגען, אדער ער זאָל קענען צו דער בר מצוה מפטיר זיין, האָט ער געשיקט זיין קינד צו דעם זעלבען ראבי ר״ם און ער האָט שוין דאס באוואָרענט כדת. דאָס איז געווען די קהלה א״א מיט איהרע כלי קודש.

מיט א יאָהר פריהער איידער מיר זיינען געקומען אין ס״א, האָט אן אלטערמאן, ר׳ ש״ק, א איד א למדן, א פרומער, איינגעפיהרט ביי זיך אין הויז א מנין פון שומרי שבת, איהם האָט געהאָלפען דעם אלטען פארשטאָרבענעמס שוהט׳ס א זוהן מר. סאדאָווסקי. זיי צונויפגעקליבען א מנין מענשען „כמלקט שבלים בעומק רפאים", און האָבען מיסד געווען א מנין פון שומרי שבת. צו אלע פון זייערע מנין זיינען געווען באמת שומרי שבת צי ניט? דאָס איז זיי צו וויסען, נאָר דערוויילע איז גע־וואָרען א באַזונדער קהלה. געוועהנליך אין א קהלה ווי זי זאָל ניט זיין קליין מוז זי האָבען דאָס זעלבע פיהרער (בעאמטע) מנהיגים: א פרעזידענט מיט טראָסטיעס. נו, וועלכער איד קען זיך אָפזאָגען פון אזעלכע זאכען? און דערצו קען מען האָבען זעהר אָפט א פעטע עליה, שבת און יום טוב אָהן געלט, האָט דער מנין געגומען וואקסען. עס איז צוגעקומען נאָך מעמבערס, מען האָט ניט געפאָדערט פון זיי, אז זיי זאָלען אויפווייזען מיט עדות, אז זיי זיינען שומרי שבת. בקיצור דער מנין האָט געוואקסען ווי שוואומען נאָך א רעגען,

און ווייבאלד דער מנין איז שוין גרעסער, שוין אן אמת'ער קאָנ־גרעגיישאן, דאַרף מען האָבען כלי קודש באזונדערע, א חזן, א שוחט און טאקע מיט אלע מכשירין, א מוהל, א בע"ק און בעל תקיעה, און אלץ פאר קליינע געהאלט, האָבען זיי גע־קראָגען א יונגען מאן א מושלם, וועלכער האָט געהאט אלע מעלות און צוגעזאָגט איהם גליקען, איז ער אָנגעקומען צו זיי פאר א חזן, שו"ב און ראביי (זיין נאָמען איז ר' ח"הל (ראביי חנוך ליבעל), דאָס וואָס די שטאָדט ס"א האָט דאן ניט בע־דארפט קיין צוויי שוחטים, איינער האָט אויך ניט געקענט מאַכען קיין לעבען פון דער פרנסה, דאָס האָט זיי וויניציג געקימערט, אבי זיי האָבען וואָס זיי דאַרפען, ווארום דער אל־טער שו"ב ר"ס, צו אלע זיינע כלי־קודש'דיגע פרנסות, האָט ער געהאנדעלט מיט ריעל־עסטייט, געקויפט און פארקויפט קליינע הייזלאך, און געהאנדעלט מיט ספרים און טליתים, ערב פסח מיט מצה און וויין און צוגעקנעלט מיט קינדער, איז פון די אלע פרנסות, ווען זיין ווייב, וואָלט ניט האלטען ביי זיך אין הויז קיין אכסניא פאר דורכפאָהרער כלי קודש, רבנים, שוחטים, חזנים און משולחים און פאר שטאָדטישע וועך עס האָט געוואָלט עסען א כשר'ן ווארמעס און טאקע א שוחט'סען, וואָס דערפון האָט זי פארדינט פיעלייכט מעהר פון איהם, איז ווען די אשת חיל וואָלט איהם ניט אונטער־געהאָלפען, וואָלט ער געווען א קבצן אין זיבען פאָלען. היינט געהט פרעגט ביי זיי קשיות, וואָס האָבען זיי אראָפּגעבראכט נאָך יונגענמאן מיט א פאמיליע? נאָר דאָס איז ניט זייער דאגה, זאָל דער שוחט דאגה'נען, זאָל ער זעהן מאכען זייער קהלה גרעסער.

דער יונגערמאן ר' ח"ל דער שוחט, אז ער האָט בא־טראכט זיין קהלה, אין כמות און אין איכות, עטלאכע ארימע באלעבאטים, א מנין אָהן א שוהל, האָט ער פארשטאנען, אז ער וועט פון אַזאַ קהלה קיין לעבען ניט מאכען. ער איז אבער א יונגערמאן א פעהיגער און א מושלם, האָט ער זיך גענומען

מיט אלע מעגליכקייט אויפצובויען זיין קאָנגרעגיישאָן, ער האָט מרבה רעים געווען און נושא חן געווען ביי פילע בע״ב פון שטאָדט און שטארק געהאָרעוועט צופרידען שטעלען זיינע בע״ב, וואָס קויפען ביי איהם פלייש, אליין ארומגעפאָהרען מיט זיין פערד און וועגעל גאנין פריה, כעלות השחר און געבראכט די פלייש אין הויז. א סך פון יענעם קנג. פון דעם אלטען שוחט׳ס בע״ב האָבען אָנגעהויבען נעמען ביי איהם פלייש.

א לאַנגע צייט איז געווען א מלחמה צווישען ביידע שוחטים. די קאַנאָנען מיט וועלכע זיי האָבען געשאָסען איינער דעם צווייטען. איז איינער מיט׳ן צווייטענס חסרונות און די סאָלדאטען זיינען געווען די שונאים פון איין צד אויף דעם צווייטען. די מלחמה האָט אָנגעהאלטען א לאנגע צייט ביז דער יונגער האָט גובר געווען דעם אלטען. דער יונגערמאן ר׳ ה״ל האָט געזעהן אז זיין קנג. קען ניט וואקסען, ווייל זיי האָבען ניט קיין בית־עולם (סעמעטערי), מען וויל ניט זיין קיין מעמבער אין אזא קהלה וואו עס איז קיין בית־עולם ניטאָ), האָט ר׳ ה״ל געזעהן באוואָרענען ער זאָל האָבען וואו צו באַגראָבען זיינע מעמבערס און האָט געקויפט א שטיק קרקע אויף א בית עולם. איז אבער ווידער א צרה וואו געפינט מען א במ״נ אויף צו פארליגען דעם ערשטען אויפ׳ן בית עולם (קיינער וויל ניט מען זאָל מיט איהם אדער מיט זיינע פריינד פארליגען א בית עולם). מיט גרוים מיה האָט ער דאס אויך געקראגען. דער כלל ער האָט געארבייט פאר די טויטע און פאַר די לעבעדיגע און האָט אָנגעהויבען מאכען א לעבען פאר זיך אויך, און אזוי איז ביי אונז אין שטאָדט געוואָרען צוויי קאָנגרעגיישאנס.

56

סאַן אַנטאָניאָ איצט מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער נאָך אונזער קומען

אין דעם פאַריגען קאַפּיטעל האָב איך געשריבען ווי די שטאָדט האָט אויסגעזעהען מיט 22 יאָהר פריהער, איצט וועל איך שרייבען ווי די שטאָדט איז איצט, נאָר אזוי ווי איך בין די גאנצע יאָהרען געזעסען דאָ און די שטאָדט האָט געוואקסען פאַר מיינע אויגען ביסלאַכווייז קען איך אזוי שטאַרק ניט באַמערקען דעם אונטערשייד און איך וועל שרייבען ווינציג. נאָר ווען אַ מענש וועלכער האָט זי ניט געזעהן די גאַנצע צייט פון דאַן ביז איצט, ער זאָל איצט זי זעהן, וואָלט ער אַ געשריי געטאָן מיט פאַרוואונדערונג: — הזאת העיר?! איז דאָס די שטאָדט סאַן אַנטאָניאָ? אי בכמות, אי באיכות איז זי נשתנה געוואָרען, אַז מען קען זי ניט דערקאָנען. עס איז ניטאָ אַמאָליגע קליינע הייזקעלאַך, ניטאָ קיין בלאָטעס, ניטאָ קיין ווילדע, קרומע בוימער, ניטאָ אַמאָליגע שטילקייט, רוהיגקייט אין די גאַסען ווי אַמאָל. קיין פערד, קיין עזעלאַך מיט די וועגענער, וועלכע שלעפּען זיך מיט שווערקייט איבער די בלאָטיגע גאַסען. איצט לויפען דאָ טויזענטער אויטאָמאָ־בילען איבער די ריינע, געפּלאַסטערטע גאַסען, וועלכע זיינען באַזעצט פון ביידע זייטען מיט בוימער און וואַרפען זייער שאָטען צו באַשיצען די דורכגעהער און דורכפאַהרער פון דער טעקסאַסער ברענענדיגער זון. פון די אַמאָליגע אַרימע, קליינע הייזער איז קיין סימן ניטאָ. אויף זייער אָרט שטעהען איצט גרויסע, שעהנע בילדינגס הויך ביז דרייסיג שטאָקיגע, מיט גרויסע געשעפטען פון אַלערליי סחורות ריטייל און האָל־סייל ווי אין די גרויסע שטעדט פון אַמעריקע. די שטאָדט

האָט אלערליי אַנשטאַלטען פון איינצעלנע מענשען און שטאָד־דיגע ווי עס פאָדערט זיך פאר א באַפעלקערונג פון א פערטעל מיליאָן. זי האָט פיעל שעהנע פארקען, איבערהויפט צייכענט זיך אויס דער „ברעקקוויטש פארק", ער איז אן אויסנאַם, ניט נאָר אין טעקסאַס, אפילו פון אנדערע גרויסע שטעדט פון אמעריקא. עס איז ווערט צו באשרייבען איהם פיעל ווינציג.

מיט יאָהרען צוריק איז דאָס געווען א ווילדער פאַר־וואַקסענער וואַלד מיט אלטע קרומע בוימער, א שטח פון עטליכע סקווער מייל. ער האָט באַלאַנגט צו אן ערד־באַזיצער, וועלכעס ער האָט געשענקט צום שטאָדט. ער איז דאן געווען וויט פון שטאָדט א פאָר מייל (היינט איז ער אין מיטען שטאָדט כמעט). ער איז געווען ווילד פארוואָרפען מיט דער־נער, מיט שטיינער, קיין וועג, קיין שטעג איז דארט ניט געווען, הויכע מורא׳דיגע שטיינערנע בערג האָבען איהם פאר־צאַמט פון איין זייט, אז עס פלעגט אָנפאלען אן אימה ופחד, הינטער די בערג זיינען געשטאנען עטליכע מעקסיקאנער הייז־קעס, ווי שטיבלאך אויף א בית־עולם, מען פלעגט ניט זעהן קיין מענשען דארטען אויסער די עטליכע מעקסיקאנער, וועלכע זיינען געוואוינט צו זיצען אין ווילדערניש. זעלטען פלעגט דורכ־פאָהרען א פעדלער מיט זיין וועגעלע סחורה פארקויפען אויף אויסצאָהלען. מ׳האָט דאָרטען ניט געהערט קיין שום מענשליך קול, אויסער רוישונג פון די בוימער און פון די אראָפּגעבראָ־כענע צווייגען פון ווינט און דורכלויפענדיג א קליינע חיה׳לע. א שמוציגע טייכעל א פארוואָקסענע מיט הויכע ווילדע גראָז האָט זיך געשלענגעלט אָהן אָרדענונג אין מיטען וואלד, ארויף און אראָפּ זיינען געלאָפען די וואסערן איבער די שטיינער אין די אריינגעפאלענע צובראָכענע בוימער און צווייגען, וועלכע האָבען זיי פארשטעלט די וועג. אָט די ווילדערניש איז איבער־געקערט געוואָרען צו א גן־עדן התחתון (אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען). איבער דעם גאנצען וואלד אין דער לענג און אין דער ברייט פיעל וועגען אויסגעפלאסטערט, וואו עס לויפען

היינט טויזענטער אויטאָמאָבילען, וועגען וועלכע צוגעהן זיך גלייך און פיעלע וואָס דרעהען זיך ארום די בוימער. די טייך פליסט איצט מיט קלאָהרע, ריינע וואַסער, גרויסע, פעסטע בריקען ציהען זיך אין פיעל ערטער איבער איהר. פיעל פלע־צער אויף צו באָדען זיך, סווימינג פולס פאר גרויסע און פאר קינדער, וועלכע פיהלען אָן די טייך פון די וואָס קומען אָפּ־קיהלען זיך און כאפּען א שווים אין די לויפיגע וואַסער. פיעל פלעצער מיט טישען און ביינק אונטער דעם שאָטען פון די צווייגהאָפטיגע בוימער פאר די וואָס ווילען אין זייער פרייער צייט קומען מיט זייערע פאמיליעס, מיט זייערע פריינט פאר־ברייגנען און עסען זייערע מאָלצייטען. מוזיק שפּילט, מואַוויס, טעאַטערס, פלעצער אויף טאַנצען און פאר קינדער צו שפּילען. אלץ פריי. א גרויסער זאָאָלאָגישער פלאַץ פאר אלערליי ווילדע חיות און עופות, צווישען די בערג וואָס געפינען זיך דאָרטען. אין פיעלע ערטער איז די טייך באלויכטען מיט עלעקטרישע לעמפּלאך און די וואסער איז ליכטיג, עס זעהען זיך ווי די פישעלאך שווימען ארום און וואַרפען זיך געגען די שטראַהלען פון די ליכט. צווישען די בערג שטיינער איז געהאקט געוואָרען א שטח פון עטליכע אקער לאנד און ארייגעצויגען אהין קאַ־נאַלען מיט פליסיגע וואסער אויף אָנצוטרינקען דעם גאָרטען, וועלכער איז פארפאלנצט געוואָרען אין אלערליי פאַזעס מיט דופטיגע בלומען און פון פאנטאן שפּריצט אויף זיי וואסער, וואָס ביינאכט פאר די פייערען פון די טויזענטער עלעקטרישע לעמפלאך, וועלכע זיינען אריינגעזעצט געוואָרען ארום און ארום אין די ווענט פון די שטיינערנע בערג און לייכטען ווי די שטע־רען אין הימעל, אויך בייטאָג אנטקעגען די שטראַהלען פון דער זון, איז די טראָפּענס וואסער וואָס שפּריצען אין דער הויך פינקלען ווי דימענטען. ביינאכט ווען מען פאָרט אדער מען געהט אויף דער געפלאַסטערטער וועג, וועלכע ציהט זיך אין דער הויך איבער די שטיינערנע בערג, זעהט ער אין דעם תהום ווי א הימעל פול מיט שטערען פון די לעמפלאך, וואָס באלויכ־

טען דעם גרויסען פאַרפלאַנצטען גאָרטען אונטען אין טאָהל. דער וואָס זעהט דאָס דעם ערשטען מאָהל קען זיך ניט אָפּוואונדערען פון דעם שעהנעם בילד.

די שטאָדט רעכענט זיך פון איינע פון די קוראָר שטעדט אמעריקע, ווייל קיין פעקטאָרים איז דאָ ניטאָ און די הימלען זיינען קלאָהר, קיינע וואָלקענס רויך פארשטעלען ניט די שטראַהלען פון דער זון און די קלאָרע בלויע הימלען. די לופט איז דאָ זייער ריין און טרוקען, קיין ווינטער איז כמעט ניטאָ, ניט קיין פרעסט, ניט קיין שנעע. עס כאַפּט עטליכע טעג קעלט אָבער זעהר קליין און ווינציג. פיעלע קראנקע, שוואכע מענשען קומען אהער, געפינען א היילונג צו זייערע קראנהייטען, אָטעמען מיט ריינע, וואַרעמע לופט און באָדען זיך אין די הייסע שוועבעל בעדער, וועלכע געפינען זיך נאָהענט הינטערן שטאָדט. ווינטער צייט ווערען די האָטעלען די גרויסע און די קליינע פול מיט די ווינטערדיגע געסט, ווי מען רופט זיי אָן מיט'ן נאָמען „ווינטער פויגלען". עס קומען ניט נאָר קראנקע, עס קומען פילע שטאַרקע, געזונטע, נאר מיט געזונטע פאקעטס, קומען פון פארגעניגען וועגען. זיי קומען אהער פון די קאלטע געגענדען אין טעקסאס אויסווארימען זייערע פארקילטע גלידער אונטער די שטראַהלען פון טעקסעסער זון, וועלכע שיינט כמעט דעם גאַנצען יאָהר און זיצען אונטער דעם ריינען בלויעם הימעל, וועלכער איז כמעט קיינמאָל ניט פארוואָלקענט. אין חודש שבט, ווען עס הערשט אומעטום דער בייזער ווינטער מיט זיינע געסט—שנעען און פרעסט, איז דא ביי אונז גרינען די פעלדער מיט די וועלדער, סעדער און בלומען בליהען, דערום געפינט זיך אין סאן אנטאָניא פיעלע גרויסע האָטעלען פאר די געסט און די שטאָדט בליהט אויף ווינטער, די הויפּט פּרנסה פון שטאָדט, זי לעבט „מטל השמים וממשני הארין" פון די טוי פון הימעל, פון גוטען לופט און פון די פעטקייט פון דר'ערד, פון די פאַרמער וואָס זייען די פעלדער, וועלכע טעקסאס האָט זייער פיעל.

57

ווי מיר האָבען זיך דאָ באַזעצט און אונזער פּרנסה

אין דעם פאָריגען קאפּיטעל האָב איך באשריבען די שטאָדט ווי זי איז איצט, אבער וועגען זיך, ווי איך האָב זיך באזעצט, וועגען מיין פרנסה, מיט וואָס האָב איך זיך באשעפטיגט די גאנצע יאָהרען און די גאנצע קורת חיי, ווי איך האָב געלעבט ביז איצט און אין וואָס פאר א לאגע איך געפין זיך איצט? (ווען איך שרייב דיזען בוך), האָב איך ניט געשריבען. אויך האָב איך ניט געשריבען וועגען דער אידישע קהלה אונזערער, וועגען איהרע אנשטאַלטען, ווי די שולען, די תלמוד תורה און ד. ג., און בכלל וואָס פאר א סאָרט מענשען געפינען זיך דא? ווי איז זייערע געשעפטען? דאָס אלץ וועט איהר געפינען אין די קומענדיגע קאפּיטלען. איך הויב אָן שרייבען פריהער פון זיך, ווי די תורה זאָגט אונז — „וכפר בעדו ובעד ביתו ובעד כל קהל ישראל“ — פריהער פאר זיך, פאר דער פאמיליע און דערנאָך פאר אלע אידען.

מיר זיינען געקומען אהער אין יאָהר 1910, עטליכע טעג פאר ראש השנה שנת תרע״א. מיר זיינען פאָרפאָהרען צו אונ־זער שוואָגער ז. ליפשיץ, ז״ל. מיין שוואָגער איז געקומען מיט א פּאָר יאָהר פריהער פאר אונז. זיינע קינדער האָבען איהם אראָפּגעבראכט אהער. אין דער היים, אין זיין קליין שטעדטעל פ׳ אין דער ליטע, איז ער געווען א איד, ווי מען זאָגט: א „בעל הבית“, געלעבט ניט רייך, א פרומער איד אָן אָרטאָדאָקס נלהב, א פאַנאַטיק מיט׳ן פולען וואָרט. ער האָט געבראכט קיין אמע־ריקא אלע קליינשטעדטעלדיגע פיהרונגען, ער האָט אין ים פאָהרענדיג גאָרנישט אריינגעוואָרפען, ער האָט נאָך צוזאמענ־

געקליבען, דאָס וואָס אנדערע האָבען געלאָזען אויפ'ן שיף, און דעם גאנצען פעקעל וואָס ער האָט געבראכט האָט ער דאָס געוואָלט איבערגעבען די אמעריקאנער אידען, און אזוי ווי אונזער שטעדטעלדיגע אידען זיינען קיין בעלנים ניט געווען אויף אזעלכע סחורה, האָט ער דאס געוואָלט אויסברייננגען ביי זיין פאמיליע. זיי האָבען אבער ניט געוואָלט הערען און זעהן, האָט ער געוואָלט דאָס טהאָן ביד חזקה, ווי מיט די אידען אויפ'ן בארג סיני, אז זיי מוזען צונעמען זיין תורה (נאָר אמעריקאנער באַיעס שרעקען זיך ניט אָפּ און זיי האָבען ניט געוואָלט פאָלגען און נאָכטהאָן ווי ער וויל, דערום איז צווישען זיי געוהען שטענדיגע מחלוקות, און ווייל ער איז געווען א קרענקליכער, איז ער געווען א גרויסער רגזן א כעס'ניק און האָט תמיד געפיהרט מיט געשריי און מיט כעס, ניט ערצויגען זיי בנחת ובנעימות, דערום האָבען זיי שטענדיג ניט געלעבט בשלום. אָט צו איהם זיינען מיר פאַרפאָהרען. ער האָט אונז צוגענומען פאר גוטע געסט, זיין פרוי, מיין פרוי'ס שוועסטער (זיי זיינען שוין אלע אויף דער אמת וועלט ז"ל) איז געווען א גוטע, א פרומע, ער איז אויך געווען מיט א גוטען כאראקטער, נאָר שטעהן מיט זיי האָבען מיר ניט געקענט. מיר האָבען ניט געקענט ליידען זייער פיהרונג, האָבען מיר באלד נאָך ראש השנה ארויסגעקליבען זיך אין א דירה. א דירה האָבען מיר געדונגען ניט פון די רייכע און מעבעל האָבען מיר אויך געקויפט ביליגע, פראָסטע, ניט ווי פיעל אימיגראנטען טוהען. זיי ווילען באלד אמעריקאניזירט ווערען מיט דער שעהנער דירה, מיט ווייכע מעבעל, איז ניטאָ קיין מזומן צו באצאָלען, נעמט מען אויף אויסצאָלען, אבער מיר האָבען דאס ניט געטהאָן, כאָטש מיר האָבען געהאט פארוואָס צו קויפען. מיר האָבען געבראכט אין אמעריקע 2400 רובעל רוסישע געלט, נאָר איך האָב מורא געהאט אויסגעבען געלט אין דער צייט, ווען מיר האָבען נאָך קיין געשעפט ניט געהאָט, און ווער ווייס, וואָס עס קען זיין מיט גרינע מענשען אין א פרעמדער לאנד, אָהן א

שפראך, וואס עס קען פאסירען? מיר האבען תמיד געלעבט מיט השבון, אז די הוצאה זאל ניט זיין גרעסער פאר דער הכנסה, ניט וויל קארגשאפט! נאר מיט רעכענונג, מיר זאלען ביי פרעמדע ניט פארנעמען. מיר האבען גענומען קלערען, וואס זאלען מיר אנהויבען צו טהאן מיט אונזער קליינעם קאפיטאל? האט אונז דער שוואגער אן עצה געגעבען מיר זאלען טהאן דאס וואס ער טהוט און וואס אלע גרינגע טוהען, ווען זיי קומען אהער, ווערען „א פעדלער״, דאס קען טהאן אפילו א גרינער אויך. דער מעקסיקאנער נעמט צו די סחורה וואס מען גיט דערוויל אהן געלט, אפילו ביי א גרינעם אויך. מיר האבען קיין פולע ניט געטראכט, אומר ועושה, געזאגט און געטהאן, און אזוי ווי מיר האבען געהאט געלט, האבען מיר אנגעהויבען טהאן דעם געשעפט גרויס, א גמרא קאפ, אבגעלערענט א „קל והומר״, אז א פעדלער מאכט גוט פאהרענדיג מיט זיין פערד און וועגעל איז מיט פיער פערד ווען מיר דאך מאכען וויפיעל פיער פעדלער מאכען. הכלל עס איז א גוט געשעפט.

איך האב געקויפט פיער פערד און וועגען. איך זאג — „איך האב געקויפט״, האב איך דען געוואוסט וואס א פערד און וואגען איז? איך האב קיין מעשה מרכבה קיינמאל ניט געלערענט. איך האב געוואוסט, אז א פערד איז אויף פיער פיס און א וואגען אויף פיער רעדער, נאר איך האב געפונען מיינעם א לאנדסמאן, ער איז געווען אין דעם א גרויסער למדן נאך פון דער היים ר׳ ג., ער האט איינגעקויפט פאר מיר די ארבעה סוסים מיט די עגלות מיט אלע מכשירים. מיר האבען געדונגען פיער מענשען און פארטיג, איך בין שוין אוים כלי קודש, א פאלנער סוחר מיט גוטע האפענונגען, מיט׳ן גמרא קל וחומר, נאר איך האב פארגעסען רעכענען, אז פיער פערד מיט פיער מענשען דארפען קאסטען פיער מאל אזוי פיעל. איך האב די מענשען געגעבען סחורה און זיי האבען געטיילט צו די מעקסי־קאנער, און איך אליין בכבודי ובעצמי, בין איך געזעסען אין דער היים בשלום, ווארום באמת, ווי פאסט דאס פאר אזא

בכבוד׳יגען אידען ווי איך, א איד א למדן, א שוחט און א געהויבענער לעהרער פון דער היים זאָל זיך אראָפּלאָזען אזוי נידעריג, געהן קלאַפּען מעקסיקאנער טירען און בעטען זיי זאָ־לען ביי מיר נעמען סחורה אָהן געלט און ביימען מיין נאָמען פון שוחט, לעהרער אויף „פעדלער״! פאר מיר פּאַסט דאָס נים! דאָס איז אזא מלאכה, וואָס א פראָסטער בשר ודם קען דאָס טהאָן, אפילו אן ערל, להבדיל אויך. אלזא, בין איך געזע־סען אין דער היים און געשריבען טשעקס פאר די סחורה וואָס מיינע ברויטגעבער האָבען גענומען אין די קראָמען. נו, ווי פארשטעהט איהר, אז ווען מען טוהט מסחר מיט א קל וחומר פון גמרא, האָב איך טאקע אין א קורצער צייט פון א יאָר מיט א האלב מקיים געווען וואָס די גמרא זאָגט: — הרוצה לאבד את מעותו, ישכור פועלים ואל יושב עמהם — „דער וואָס וויל פטור ווערען פון זיינע עטליכע גראָשען, זאָל ער דינגען ארבייטער און זאָל ניט זיין מיט זיי״ — בין איך טאקע זעהר גיך פטור געוואָרען פון מיין ביסעל אייגענס. ווען איך וואָלט גע־האָט איין פערד מיט איין וואָגען, וואָלט דאָס געדויערען מעהר צייט, אבער פיער מענשען מיט פיער פערד האָבען דאָס גע־מאכט מיט פיער מאָל גיכער, איז אין אכצעהן מאָנאַטען צייט בין איך ארויס נקי, ריין, דאָס הייסט ריין פון מיין ביסעל געלט אָבער ניט אין גאנצען ריין, איך בין נאָך געבליבען א בעל חוב אין די קראָמען פאר סחורה ביי סכום פון זעקס הונדערט דאָלער, וואָלט איך געווען א סוחר מילדותי, וואָלט איך זיך ניט איבערגעשראָקען און איך וואָלט אנגעהן מיט דעם מסחר ווייטער און מיט א בעסערען סיסטעם, און פיליכט וואָלט איך איצט געווען פון די סאן אנטאָניער באַלעבאטים, איז אבער „אלה תולדות מלמד!״ איך בין ניט געווען אין מיין לעבען ניט קיין סוחר און ניט קיין בעל חוב, האָב איך זיך דערשראָקען און אוועקגעוואָרפען די פעדלעריי, אדער בעסער געזאָגט, די פעדלעריי האָט מיך אוועקגעוואָרפען און איך האָב אָנגעהויבען זוכען מיטלען ווי ארויסצוקריכען פון מיינע חובות. דאָס ערשטע

האָב איך פאַרקויפט די פערד מיט די וועגען און אביסעל זיך אַרומגעצאָלט. איך בין געבליבען, ווי מען זאָגט: מיט'ן בייטש! האָב איך באַרעכענט איך זאָל דאָ אין אמעריקע עפּענען די זעלבע קרעמעל מיט די זעלבע סחורה ווי אין רוסלאַנד. צו דעם געשעפט דאַרף איך ניט קיין מענשען, קיין פערד און וועגען, אפילו קיין געלט אויך ניט. בין איך געוואָרען ווידער א שוחט און א לעהרער. איך בין אָנגעקומען צו דעם אלטען שוחט ראַבי ס. אויף שכירות, פאָהרען קוילען און פאַרנאַנדער פיהרען אַלע פריהמאָרגען די פלייש צו די קאָסטימער און נאָך דינער געלערענט מיט קינדער, געשפייזט די אידישע געמיינדע מיט גשמיות און מיט רוחניות און אליין אויך געמאַכט א לעבען. איך בין מיט איהם צוזאַמען געוועזען ביי פיער יאָהרצייט און אויסגעצאָלט אַלע אונזערע חובות, דאָס האָט מיר מיין פרוי ע"ה געהאָלפען. מיר האָבען געהאַלטען צוויי בהמות און זי האָט געהאָרעוועט און פאַרקויפט די מילך און געצאָלט חובות, זי מיט מילך און איך מיט פלייש, דורך בשר וחלב זיינען מיר געוואָרען אויס בעלי חובות.

אין יענער צייט האָבען מיר חתונה געמאַכט אונזער טאָכטער אידעל פאַר א יונגענמאַן, א סוחר, ה"ב הערי העסעל. א אידישער בחור, קען לערנען, פון א שעהנער פאַמיליע פון דער היים. איך האָב גוט געקענט זיין פאָטער ע"ה, געוועזען א איד א למדן, א ישובניק, פלעגט זיצען און לערנען. די חתונה איז געפייערט געוואָרען אידיש ווי אין דער היים, גאָט זאָל זיי געבען אריכת ימים ברוב אושר ועושר!

וואַנציג ענדערונג אין מיין לעבען, פאַרביטען די יוצרות, „אנסיכה" אויף „אהללה" אָבער אַלץ מעהר ניט ווי יוצרות

די עטליכע יאָהר וואָס איך בין געווען מיט דעם ראַבי סלמן זיינען מיט בלומען ניט געווען פאַרשפּרייט. אין רוסלאַנד האָב איך געלעבט רייכער, בעסער און בכבוד׳יגער ווי דאָ אין דער גאָלדענער לאַנד. איך האָב געאַרבייט שווער, אַזעלכע אַרבייט, וואָס אין רוסלאַנד וואָלט איך דאָס ניט געטאָהן, ניט איך און ניט מיין פרוי מיט די קינדער. נאָר איך האָב זיך דערויף ניט באַקלאָגט און געטאָהן, וואָס עס איז געקומען צום האַנט. איך פלעג אויפשטעהן זעהר פריה אין צייט ווען פרומע אידען שטעהען אויף זאָגען „תיקון חצות", נאָך האַלבע נאַכט, קלאָגען אויף חורבן ירושלים, פלעג איך דאַן אויפשטעהן איינשפּאַנען מיין פערדעל, פאַהרען אין בוטשער־שאַפּ. אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט, ביז וואַנען איך האָב זיך אויסגעלערענט די אַרבייט. מיין פערד, אַ פערד ווי אַלע פערד, מיט אַ פערדישע קאָפּ און האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט דאָ צו טאָהן מיט אַ יוראָפּישען מלמד, פלעגט ער ניט וועלען געהן אין שפּאַן, פלעגט דאָס מיר אָנקומען מיט גרויס מאַטערניש ביז וואַנען איך פלעג איהם אַריין נאָרין אין וועגעל. אין צייט פון רעגען, ווען עס איז געווען גרויס די בלאָטע אין גאַס האָט מיין הויף אויך ניט פאַרפעלט, פלעג איך אַליין ניט קענען אויסקירעווען דעם וועגעל, פלעגט מיר מיין פרוי מוזען העלפען.

שטעהן אין בוטשער־שאַפּ אַ פּאָר שטונדען, מאַכען די אָרדערס צוזאַמען מיט ס׳ דעם שוחט, און אַרויסטראָגען אַ פּאָר באָקסעס פלייש, דאַן פאָהרען דעליווערען די אָרדערס צו

די באלעבאטים, ארויספאָהרען נאָך אין דער פינסטער, עס האָט געמעגט זיין רעגען, בליצען מיט דונערען, די פלייש מוז מען ברענגען אין צייט, און שעכטען עופות ביי די קאָסטימער וועל־כע האָבען פאַרלאַנגט. דאָס האָט געמוזט זיין אַלס אין צייט ניט שפּעטער ווי ביז 9-10 אַזייגער. פלעג פאָהרען אַ מהלך פון מיילען, ווייל אהינו בני ישראל זיינען צושפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט.

קומענדיג אַהיים, געדאַוועגט (אָפּט עובר קריאת שמע געווען), אָפּגערוהט אַ שטונדע, און געגאַנגען לערנען מיט די קינדער, וועלכע ווילען ניט וויסען, ניט פון לעהרער און ניט פון לערנען.

אַזוי האָט זיך געפיהרט טאָג איין טאָג אויס, פיער יאָהר צייט, אָהן ענדערונג. די אַלע חלומות מיט די גוטע, זיסע האָפענונגען אויף אמעריקא, זיינען איינגעזונקען געוואָרען אין סאַן אַנטאָניער בלאָטעס (וואָס איז דאַן געווען). מיר האָבען געהאָפּט אַז אין דער פרייער אַמעריקא, וואו אידען האָבען גלייכע רעכטע, וועלען מיר קענען בילדען אונזערע קינדער אָהן שווערקייט, וואָס דאָס איז געווען אונזער גאַנצער שטרע־בונג אין לעבען, און אין רוסלאַנד אונטער ניקאָלאַי׳ר ממשלה האָבען מיר ניט געקענט דערוויזען. איז אָבער אין אַמעריקא געווען אַנדערע שטערונג די זאָרג פון חיונה פאַר אַ גרינעם מענשען. איך האָב ניט געקענט מאכען קיין לעבען, האָב איך געמוזט צונעמען מיין עלטערען זוהן שלום ער זאָל מיר העלפען, ער האָט שווער געאַרבייט און ניט געקענט זיך איבער־געבען אין גאַנצען צום לערנען, און איז פאַרבליבען אַ ביזנעס מאַן, אָבער דער אינגערער זוהן יעקב האָט שוין גערענדיגט עלעקטריק אינזשינער, און די טאָכטער אידע ביזנעס־קאָלעדזש.

מיט פיער יאָהר שפּעטער האָט ר״ס פאַרמאַכט זיין בוט״ש, מיר זיינען ביידע אַנגעקומען צום שוחט ר׳ לובעל אויף שכירות. פאַרביטען דעם אַלטען שוחט אויף אַן אינגערען ד״ה די יוצרות פאַרביטען „אנסיכה״ אויף „אהללה״, אָבער אלץ יוצרות, ניט

קיין גליקען. די זעלבע שווערע ארבייט, די זעלבע פרנסה, די זעלבע גביר'שאפט, דער זעלבער לערנען מיט קינדער און די זעלבע למודים, אהן ענדערונג.

אין יענער צייט איז שוין געווען דער אנפאנג פון דער וועלט מלחמה, אין יוראפ האט זיך שוין געגאסען בלוט אויף די שלאכט פעלדער נאר אמעריקא איז זיך געשטאנען פון וייטען, זי איז נאך ניט אריין געשפרונגען אין דער בלוט באד, אין געגענטייל איהרע געשעפטען האבען זיך נאך פארבעסערט. אונזער שטאדט ס"א האט אויך גענאסען פון דעם, די צייט איז געווארען בעסער אין פרנסה. ביזנעסלייט האבען גוט פאר־דינט, אין שטאדט איז געווארען פרעהליכער. נאר מיר כלי קודש האבען גארנישט גענאסען דערפון, די זעלבע ארבייט, און די זעלבע שכירות. ביי אונז איז ניט געווען קיין ענדע־רונג. מעהר ניט אונז איז צוגעקומען זארג פאר אונזערע ברידער אין יוראפ, וואס זיי מוזען פארגיסען זייער בלוט אין דער מלחמה, בפרט די וואס האבען געהאט פריינד דארטען. און וואס איך האב איבערגעלאזען א זוהן מיט א טאכטער,ביידע מיט פאמיליעס, האבען מיר רוהען ניט געקענט און ניט געוואוסט וואס עס איז מיט זיי, ווייל קיין בריף איז ניט געגאנגען, ניט פון דארטען צו אונז און ניט פון דאנען אהין, די גרעניצען זיינען געווען געשלאסען. אזוי האט מען פארבראכט די גאנצע צייט פון מלחמה.

59

אן ענדערונג אין אונזער קאָנג. א״א, דורך א צופאל געגומען אַ חזן אין שוהל

ראַבי ס׳ האָט זיך געהיט זיינע ביזנעס. די גאַנצע וואָך די שחיטה, די בוט״ש און שבת דעם עמוד (להבדיל). עס איז איהם קיין מאָל ניט אַרויף אויפ׳ן זינען, אַז דער קאָ״נ זאָל נעמען אַן אַנדער חזן, אַז ער איז דער ריכטיגער, אמת׳ער חזן מיט אַלע מעלות, וואָס ווערט אויסגערעכענט אין דער תפילה פון „הנני העני ממעש״, אפילו די מעלה פון „זקנו מגודל״, די גרויסע, שעהנע באָרד, וואָס דאָס איז אַ זעלטען צו קריעגן היינטיגע צייטען, ביי חזנים, — ער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז ס׳איז דאָ זעהר פיעל וואָס דאַרשטען צו הערען עפּעס אַ מאָדערנעם חזן, ווי זיי הערען אָפּט אין גראַמאַפאָנס פון די גרויסע חזנים, וואָס רייסען אַרוים טרערען מיט זייער געשריי און גיבען אַ צופּ פאַר׳ן הארצען מיט זייער קרעכין, און קריכען אַריין אין דער אידישער נשמה מיט זייערע תפילות. זיי איז שוין זיך צוגעגעסען ר״ם תפילות מיט זיין זינגען. נאָר פון דעסטוועגען האָט זיך קיינער ניט אַרויסגעשטעלט זאָגען מען זאָל זוכען אַן אַנדערען חזן, נאָר דורך אַ צופאַל האָט געטראָפען, אַז מען האָט יע גענומען אַ נייעם חזן.

די ברידער שוגערמאַנס, מעמבערס פון קאָנ״ג א״א, דער עלטערער ברודער ס׳ שוגערמאַן, אַ מענש אַ איש נכבד ונדיב לב, נעמט איינטייל אין אַלע דברים שבצדקה, און זיין אינגע־דער ברודער ה׳ שוגערמאַן, פיהרט זיך אויך אויף זיין ברו־דערס שטייגער. איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען אַ זוהן. אויפ׳ן ברית איז געקומען פון שיקאַגאָ זיין פרוי׳ס אַ ברודער

רעוו׳ ד׳ קאַנטער. אַ יונגערמאַן אַ שעהנער מנגן, אַ חזן בן חזן, זיין פאַטער איז געווען אין יוראָפּ פון די חזנים מפורסמים. האָט רעוו׳ ד׳ קאַנטער געזאָגט הרחמנ׳ס אויפ׳ן ברית, איז דעם עולם זעהר געפעלען געוואָרען און מען האָט איהם אָפּ־געהאַלטען אויף שבת. ער האָט געדאַווענט און שטאַרק אויס־גענומען, און מען האָט איהם צוגענומען פאַר אַ חזן מיט אַ קאָנטראַקט אויף אַ יאָהר. כמנהג אַמעריקא, אַז אַ רב, אַ שוחט, אַ חזן נעמט מען מעהר ניט אויף איין יאָהר, נאָך דעם יאָהר אָדער ער פאַרבלייבט ווייטער, אָדער מען הייסט איהם געהן ווייטער. ניט ווי אין דער אַלטער היים, אַז אַ רב, אַ שוחט, אַ חזן, פלעגט אָנקומען אין אַ שטאָדט, איז דאָס געווען אַ חזקה אויף זיין גאַנצען לעבען, און אפילו נאָך זיין טויט, אויב ער האָט איבערגעלאָזען אַ זוהן אָדער אַן איידעם, וואָס ער האָט געקענט זיין אַ ממלא מקומו, האָט מען קיין אַנדערען ניט גענומען, חזקה!

מיין שווער ע״ה איז געווען שוחט חזן אין אַ שטאָדט סוויס׳ העכער פופציג יאָהר ביז זיין טויט, כאָטש כמה יאָהרען האָט ער שוין קוים, קוים געקענט דאַווענען ביים עמוד. די שטעלע פון שחיטה האָב איך פאַרנומען אויף זיין עלטער, אָבער קיין חזן האָב איך לא עליכם ניט געקענט זיין. פון דעסט־וועגען האָט מען קיין אַנדער חזן ניט גענומען, חזקה! און אַז איך בין אָפּגעפאָהרען פון שטאָדט האָב איך מיין חזקה פאַרקויפט מיין שווער׳ס זוהן פאַר גוטע געלט, חזקה געלט!

אָבער אַמעריקא האַלט דערפון ניט, וויל מען דיך איז גוט, און ווי ניט גערה!

האָט מען רעוו׳ קאַנטער אויך געגעבען אַ קאָנטראַקט נאָר אויף איין יאָהר, און ער איז שוין ביי אונז חזן 18 יאָהר, ווייל מען איז מיט איהם צופרידען. ער איז אַ גוטער חזן אי אַ גאַנץ יאָהר אי ימים נוראים און באַשעהנט אידישע שמחות מיט זיינע זיסע לידער און פיהרט אַ שעהנעם אידישען שטאַט, און אַ מערוב עם הבריות, אַלע גלייכען איהם.

איז ר״ם געוואָרען אוים הזן, ס׳איז איהם אפילו געווען זעהר פאַרדריסליך, וואָס הייסט? אָפּגעווען הזן אַזוי פיעל יאָהרען, מען האָט שטענדיג זיך געקוויקט מיט זיינע תפלות, און מיט אַמאָל אוים הזן, נאָר דערויף איז דאָך אין אַמעריקא ניטאָ קיין חזקה!

ווידער האָט פּאַסירט — מיט אַ פּאָר יאָהר בעפאָר דעם, האָט די קאָנג׳ א״א געגרינדעט אַ תלמוד תורה. אַ טיטשער האָבען זיי גענומען אַ יונגען מאַן פון ניו יאָרק ש׳ עפּשטיין, ער איז געווען אַ גוטער טיטשער, געלערענט מיט די קינדער עברית בעברית. ער האָט פיעל אויפגעטאָהן מיט די קינדער, געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג. ער האָט אויך געגרינדעט אַ חברה דוברי שפת עבר, עטליכע מאָל אין וואָך פלעגען מיר זיך פאַר־זאַמלען, אַ פּאָר מנינים מענשען, מיר פלעגען רעדען העברע־איש, לייענען רעפעראַטען, ס׳איז געווען אַ גייסטליכער פאַרגע־ניגען. דאָס האָט אָנגעהאַלטען די גאַנצע צייט כל זמן עפּ־שטיין איז געווען. נאָר ער איז אַוועקגעפאָהרען אַהיים און ניט געקומען צוריק. אונזער חברה איז בטל געוואָרען און די תלמוד תורה איז געבליבען אָהן אַ טיטשער, האָבען די מנהיגים פון קאָנג׳ באַקלערט אַז מען דאַרף נעמען אַ יונגען מאַן, ער זאָל קענען אָנהאַלטעןביידע שטעלעס: ראַבי און טיטשער.

אַז מען האָט דערהערט, אַז ס״א זוכט אַ ראַבי און טי־טשער האָבען יונגע לייט גענומען פאָהרען צו אונז. זיינען מיר שוין ניט הונגעריג געווען מיט דרשות, נאָר עס האָט געדויערט ביז וואַנען מען האָט געפונען דעם וואָס מ׳האָט געוואָלט. דאָס איז געווען „ראַבי גערשטיין”, אַ יונגער מאַן, אַ שעהנע פערזענליכקייט מלא חן, אַ קלוגער, גערעדט ענגליש ניט שלעכט, זיינע דרשות זיינען אויך געפעלען געוואָרען, ווייל ר״ם האָט קיין מאָל ניט גע׳דרשנ׳ט, איז בעסער ווי גאָר ניט. האָט מען איהם צוגענומען פאַר אַ ראַבי און טיטשער. נו, ווי געפעלט אייך דער בייט, וואָס דער קאָנג׳ האָט געמאַכט? פאַר איין אַלטען מאַן גענומען צוויי יונגע לייט! פאַר איין

ר"ם (ראַבי און חזן) גענומען אַ חזן אַ יונגען, און אַ ראַבי אַ יונגען, כאָטש טייער קאָסט, אָבער ווערט, כאָטש מיט ווינציגער תורה, אָבער מיט ווינציגער יאָהרען. און צוריק רעדענדיג, וואָס באַדאַרף מען זיינע לומדות? ניט ר"ם האָט געפסק'נט שאלות און ניט ער דאַרף פסק'ענען, ווייל קיינער פרעגט ניט, ס'איז אַלץ כשר כדת, און תורה פאַר ס"א תלמידים האָט ער געהאַט דיינו! איהם איז שווער געווען צו לערנען מיט אַלע קינדער, האָט מען מיך צוגענומען אויך פאַר אַ טיטשער. מיר זיינען ביידע געווען אין ת"ת כ"ז, ער איז געווען ראַבי, ער פלעגט דרש'ענען אַלע שבת און יום טוב און ווען מען האָט געפאָדערט, איך האָב איהם אויך אָפט געהאָלפען. האָט שוין ראַבי ס' אַנגעוואָרען די חזנות מיט די רבנות. זיין פאַרדרוס איז געווען גרויס און שטאַרק געליטען דערפון. האָט ער זיך אַנטזאָגט אין גאַנצען פון שוהל, האָבען זיך געפונען מענשען וואָס זיינען מיט איהם אַוועק און געמאַכט פאַר זיך נאָך אַ קאָנג' און געוואָרען ראַבי און חזן, ווידער אַרויף אויף זיין גדולה, איז אַ קליינע עדה, אָהן אַ שוהל, אַ געדונגענע הויז איז אויך גוט. פאַרט צוריק, ראַבי און חזן כמקדם!

האָט שוין ס"א דריי קאָנג', אַ גרויסע מיט צוויי קליינע אַ הוין אַ טעמפעל פון די רעפאָרמער. נאָר אַזוי ווי די רעפאָרמער, אַזוי אַלע דריי שוהלען, די אָרטאָדאָקסישע, אַ גאַנצע וואָך קיין מנין ניט געווען, מעהר ניט שבת ד"ה פרייטאָג צו נאַכט, ווען די ראַביים דרש'נען (ראַביי ס' האָט שוין אויך אָנגעהויבען רעדען פאַר'ן עולם ביסלאַכווייז. די צייט האָט איהם געוויזען אַז דרש'נען איז פון די בעסטע מעלות פאַר אַ ראַבי*).

אָבער אין דער פריה שבת פלעגט קומען זעהר אַ קליינער עולם. איך האָב גענומען אַנרעדען ביידע קליינע קאָנג' זיי זאָ-

---

*) נאָך דער מעשה העגל, אַז אידען האָבען זיך געבוקט צו דעם גאָלדענעם קאַלב, זאָגט גאָט צו משה רבנו: משה, „לך רד", נעה רייד! פון נעשה האַלטען זיי ניט, טאָ זאָל זיין כאָטש „נשמע", זאָלאָען זיי כאָטש הערען. דאָס האָבען אָנגענומען פיעל אמעריקאַנער.

לען זיך מיהד זיין און מאַכען איין קאַנג', ר' לובעל האָט ניט געשטערט אין דעם, ווייל ער האָט פון זיין קאַנג' סאַי ווי גאָר־נישט געהאַט, אויסער טראָבעל. האָט ער ברצון נפשו איבער־געגעבען ר"ם די כסא הרבנות און געוואָרען אַ מעמבער אין א"א שוהל און בעל קורא. דער שידוך צווישען צוויי קאַנג' איז געשלאָסען געוואָרען, איז פון די צוויי קליינע געוואָרען איי־נע, און ר"ם איז דאָרט געאָרען ראַבי.

מיט דער צייט האָבען זיי אויסגעבילדט אַ שעהנע שוהל, מיט א בימה אין מיטען שוהל, א ווייבערשע שוהל מיט פענס־טערלאַך. ריכטיג ווי אין דער אַלטער היים. אמת אָרטאָדאָקס־סיש. זי רופט זיך „רודפי שלום". אַזוי איז געוואָרען שלום צווישען די קאַנג' מיט זייערע ראַביים און חזנים.

איך בין געבליבען ביי שחיטה מיט די צוויי שוהטים און א טיטשער אין תלמוד תורה. אין מיין צייט, אין די אַכצעהן יאָהר, וואָס איך בין אין ת"ת טיטשער געווען, האָבען זיך געביטען פיעל ראַביים און פרינסיפאַלס אין ת"ת. איך האָב געמאַכט אַן אַנשטענדיגען לעבען, כאָטש איך האָב שטאַרק געהאָרעוועט פון פאַר טאָג ביז 7 פאַר נאַכט, נאָר איך בין צופרידען געווען, אז איך פארדין כשר מיין לעבענס מיטעל. אין יענער צייט האָב איך געשיקט אונזער זוהן יעקב שטודי־רען אין קאָלעדזש, אויך געקויפט אַ הויז, און גאָט האָט אונז געהאָלפען, מיר האָבען התונה געמאַכט אונזערע צוויי קינדער, אונזער זוהן שלום מיט אונזער שוואָגערס ז' ליפשיץ אַ טאָכ־טער „חנה", אַ שעהנע, אַ געראָטענע. און אונזער טאָכטער אסתר פאַר אַ בחור פון פילאַדעלפיע, מאיר ליבמאַן. זייערע חתונות געפראַוועטביידע אין איין טאָג ביי זיך אין הויז. אַ אידישע חתונה כדת מיט פיעל געסט. גאָט זאָל זיי געבען גליק!

ראַבי גערשטיין פאָהרט קלייבען געלד צו בילדען אַ שוהל מיט אַ ת״ת אין שטאָדט און שטאַרבט פלוצים אין וועג ר״ל, מען נעמט אויף אַ נייעם ראַבי

די קאָנג׳ א״א האָט זיך באַזאָרגט מיט א יונגען ראַבי און מיט א יונגען חזן, אלעס גוט. איז אָבער די שוהל אַן אַלטע און דערצו אַ קליינע. עס קומט ימים נוראים מוזען אַ האַלבע שוהל מענשען שטעהן אין דרויסען, ניטאָ וואו צו זיצען אין שוהל פאַר אַלעמען. אפילו די שוהל האָט אין זיך אַ גרויסע מעלה, זי שטעהט אויף אַ באַרג און נעבען איהר פליסט אַ טייך, איז זעהר גוט. עס קומט ראש השנה, מען דאַרף געהן צום „תשליך״ איז זעהר נאָהענט ווי מען געהט אַרויס פון שוהל איז באַלד די טייך, און די וואָס זיצען אין מזרח זייט, די נכבדים, זיי איז גאַר גוט, זיי דאַרפען אפילו פון שוהל ניט אַרויס, זיי קענען עפענען די פענסטער און אַרויס טרייסלען זייערע עבירות און די עבירות וועלען זיך גלייך אַראָפקייקלען אין טייך (די טייך געהט אין מזרח זייט). דאַרף מען גאָר אַ בעסערע און גרעסערע מעלה וואָס אַ שוהל קען האָבען? האָט אָבער געטראָפען אמאָל אז אין סאַן אנטאָניאָ איז געווען אַ פאַרפלייצונג. די טייכען האָבען פאַרפלייצט אַ האַלבע שטאָדט, עס האָט אָפּגעשווייגקט פיעל גאַסען, איז די טייך נעבען שוהל אויך אַרויס פון די ברעגען און אריין גלייך אין שוהל, אַז די בענק זיינען אומגעשוואומען. די שוהל איז געווען אין געפאַהר, זי זאָל זיך אין גאַנצען ניט אַראָפּ קייקלען זיך אין טייך. פאַר דעם האָט מען זיך שטאַרק געשראָקען און מען האָט אָנגעהויבען זוכען מיטלען צו בויען אַ נייע שוהל, און דערצו האָט מען באַטראַכט אז עס איז נויטיג צו בילדען אַ תלמוד תורה. נאָר וואו זשע נעמט מען געלט אויף אַזעלכע

צוויי בנינים? איז געבליבען מען זאָל זוכען הילף פון די פֿרומיגע שטעדט, אויף דבר שבקדושה װעלען אַלע העלפען. דאַרף מען האָבען אַ מענשען, אַ נכבד, ער זאָל פֿאָהרען קלייבען געלד. האָט מען דעם כבוד אָפּגעגעבען דעם ראַבי, אפילו דער ראַבי װאָלט זיך געװיס אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד, נאָר דער פּרעזידענט מיט די טראָסטיעס האָבען איהם איין געטיילט דעם כבוד, האָט ער געמוזט אָננעמען ניט װילענדיג. װי די הארץ האָט איהם געזאָגט.

ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו קלייבען איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם, אַז דער ראַבי איז פּלוצלינג געשטאָרבען ר״ל. דעם אומגליק האָבען אלע באַדויערט, מיט איין מאָל איז אָפּגעשטאָרבען אַלס, דער ראַבי, די שוהל מיט דער ת״ת.

דעם ראַבי האָט מען געבראַכט אין סאַן אַנטאָניאָ, מען האָט איהם געגעבען כבוד מעהר װי פאַר זיין לעבען, געמאַכט הספדים, דערצעהלט זיינע שבחים (דאָס קאָסט ניט קיין געלד). אַט אַזוי פיהרט זיך ביי אונז אידען, אַז נאָכ׳ן טויט עהרט מען דעם מענשען פיעל מעהר װי פאר זיין לעבען. בלעם הרשע אַז ער האָט געבענשט די אידען, האָט ער געזאָגט: — ותהי אחריתי כמוהו — מיין סוף זאָל זיין װי זייערער — װי דער אידישער, מע זאָל איהם לױבען נאָך זיין טויט — זאָגען נאָך איהם הספדים, אָבער לעבען האָט ער געװאָלט װי אַ גוי! — אַ הספד נאָך דעם ראַבי האָט געזאָגט דער דאָקטאָר „פייגענבוים". דעם עולם איז שטאַרק געפעלען געװאָרען זיין רעדען, איז געבליבען מען זאָל איהם אָנבאָטען די שטעלע פון ראַבי. אפילו אַ דר׳ האָט ניט באַדאַרפט פאַרבייטען זיין פּראָפעסיע און װערען אַ ראַבי און אַ טיטשער אין אַ ת״ת, נאָר דר׳ פייגענבוים, כאָטש ער האָט געהאַט אַ דיפּלאָם פון דר׳ מעדיצין, אָבער קיין פּראַקטיקע האָט ער ניט געהאַט און האָט געזוכט אַנדערע פּרנסות, דאַרום אַז מען האָט איהם אָנגעבאָטען די שטעלע אויף רבנות, האָט ער דאָס אָנגענומען מיט צופרידענהייט און ער איז געװאָרען ראַבי און פּרינסיפּאַל אין ת״ת.

האָב איך שוין געהאַט אַ נייעם פרינץ. איך בין מיט איהם צוזאַמען געוועזן אין ת״ת אַ יאָהר זעקס. די ת״ת איז דאַן געווען אין בעסטען אָרדענונג, ער איז געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג, געפיהרט מיט א גוטען סדר. מען האָט צוגענומען נאָך א טיטשער, ווייל די ת״ת האָט זיך פארגרעסערט, מיר האָבען געהאַט ביז הונדערט תלמידים ותלמידות. דער עולם איז צופרידען געווען. אויך אלס ראַבי האָט ער אויך אויסגענומען, געווען אַ גוטער רעדנער, געפיהרט גוט די רבנות, ס׳איז אַלס געגאַנגען כשורה.

אין זיין צייט האָט מען אויפגעבויט אַ גרויסע, אַ שעהנע שוהל און אַ תלמוד תורה אַ גרויסע פון זעקס רומס. דר. פייגענבוים האָט פיעל געהאָלפען אין די בויאונג פון ת״ת. ער האָט געקראָגען אַ גרויסע נדבה פון אַ היגען גביר פון די דייטשישע יאַהודים צעהן טויזענט דאָלאַר אויף בילדען די ת״ת אַן אָנדענק פון זיין געשטאָרבענעם פאַטערס נאָמען.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען אַמעריקא איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער וועלט מלחמה, דער עולם איז געווען צורודערט. אפילו די מלחמה איז געווען מעבר לים, דאָרטען האָט זיך געגאָסען בלוט אויף די שלאַכט פעלדער, נאָר די אַמעריקאַנער יונגע לייט, וועלכע זיינען אַריין אין דער ארמיי סאַי מיט׳ן אייגענעם ווילען און סאַי דורך צוואַנג, האָבען גוט געוואוסט וואוהין מען פיהרט זיי. אידען האָבען גענומען אַנטייל אין דער מלחמה, גלייך מיט אַלע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטען. צעהנדליגער טויזענטער אידען זיינען אַוועק אויפ׳ן שלאַכט פעלד. מיין זוהן יעקב, ער האָט דאַן געלערענט אין קאלעדזש אע״ם, א מיליטער קאלעדזש, איז ער אויך אוועק. נאָר אַ דאַנק גאָט, עס איז באַלד געשלאָסען געוואָרען שלום, און ער איז אין דער היים געבליבען, און די סאָלדאַטען האָבען זיך צוריק געקערט צו זייערע היימען. פרייד און טרויער האָט געהערשט דאַן צוזאַמען. וועמעס קינדער און פריינד האָבען זיך צוריק געקערט בשלום גאַנץ און געזונט, און וועמענס עס

זיינען געפאַלען אויפ'ן שלאַכט פעלד, און געפונען רוה אויף יענער זייט ים, צוזאַמען מיט געפאַלענע, גע'הרג'עטע יוראָפּישע ברידער אויף יוראָפּישע פעלדער, אָדער וועמענס קינדער האָבען זיך צוריק געקערט קראַנקע, פאַרקריפּעלטע, אויף אייביג. ווער עס האָט געיובעלט, און ווער עס האָט געטרויערט. נאָר בכלל האָט דעם שלום פריידען געבראַכט אויף דער וועלט. מען האָט אָפּגעצויגען דעם אָטעם פריי. די הימלען האָבען זיך גענומען אויסלייטערען פון די פינסטערע וואָלקענס וואָס האָבען באַדעקט אַ האַלבע וועלט. נאָר אַלס פאַר לייטען אָבער ניט פאַר אונז אידען.

61
מיר ברענגען אַראָפּ אונזערע קינדער אין אַמעריקא

אונזערע ברידער אין רוסלאַנד, זיי האָבען שרעקליך גע־ליטען אין צייט פון מלחמה, מעהר פאַר אַלע לענדער, אונטער דער ממשלה פון דעם צורר היהודים ניקאָלאַי דעם צווייטען. און נאָך זיין מפּלה, אז מען האָט געשלאָסען שלום, האָבען זיי ניט ווינציגער געליטען פון די בלוטיגע מערדער איבערהויפּט אין אוקראַינע. דער שטענדיגער אָרט, וואו אידען האָבען דאָר־טען איבערגעטראָגען פיעל גרויזאַמע שהיטות אָט אין די שלום טעג, מעהר ווי א יאָהר צייט האָבען באַנדעס מערדער חרוב געמאַכט שטעדט און שטעדטלאך פון אוקראַינע, מורא־דיגע שהיטות מיט גרויזאַמע אכזריות, ווי ווילדע טיגערס אויס געקוילעט צעהנדליגער טויזענטער אידען, ווייבער און קליינע קינדער זיינען געבראַכט געוואָרען אויפ'ן מזבח פון אַנטיסע־מיטיזם. די געשיכטע איז פאַרשריבען מיט בלוט און מיט טרערען אין דער אידישער היסטאָריע. אָט אין דעם גיהנם זיינען דאן געזעסען אונזער טאָכטער אניוטע מיט איהר מאַן מיט צוויי טעכטער, און אונזער זוהן אליהו מיט זיין פרוי. עס איז פיעל אויסצושרייבען די ליידען וואָס זיי האָבען דאָן איבער־

געטראָגען. נאָר אַ דאַנק גאָט, זיי זיינען לעבען געבליבען, אָפּ־געקומען מיט פּיין און שרעק. עס איז שטיל געוואָרען די באָלשעוויקעס זיינען אַריין אין מאַכט איז געוואָרען שטיל פון פּאָגראָמען אויף אידען.

נאָר קיין האָניג האָט מען אויך ניט געלעקט. דאָס איז שוין אַ צרות רבים. הכלל, דער איד מיט דעם קריסט צו גלייך. הונגער און נויט האָבען אלע געליטען (מען ליידט נאָך איצט אויך) און טויט שרעק האָט דאַן אויך ניט געפעלט, וועלכע עס זיינען ניט אַריין אין זייער פּאַרטיי, אויף וועמען ס'איז געפאַלען אַ שטיקעל חשד אַז ער איז ניט קיין אמת'ער באָל־שעוויק, איז ער געוועזען אין סכנות מיט זיין לעבען, באַלד דער־שאָסען צו ווערען.

מיר האָבען זיי פון דאַנען געשיקט געלד, פיעל מיר האָבען געקענט אונטער האַלטען זיי ביז מיר וועלען זיי קענען אַרויס־נעמען פון דאָרט און ברענגען זיי צו אונז אין אַמעריקאַ. ניט אַזוי גרינג איז דאָס אָנגעקומען. אויסער וואָס מען האָט פון רוסלאַנד ניט אַרויסגעלאָזען, האָט מען דאָ אָנגעפאַנגען ניט אַריינלאָזען. די אימיגראַנטען פרעסער האָבען אָנגעהויבען מאַ־כען שווערקייטען צו אַריינקומען אַהער. האָבען געמאַכט אַ „קוואָטע", אוים פרייע אימיגריישאָן. ניט ווען מען וויל, און ניט ווער עס וויל קען אַריין.

פיעל מיה און פיעל געלד האָט אונז געקאָסט ביז וואַנען מיר האָבען אַראָפּגעבראַכט אונזערע קינדער אַהער. 1922 זיינען געקומען אַהער צו אונז די טאָכטער מיט איהר מאַן מיט זייערע צוויי טעכטער. נאָר דער זוהן איז דאָרטען פאַר־בליבען מיט זיין פרוי, זיי האָבען ניט געקענט קומען, האָבען מיר זיי אַראָפּגעבראַכט מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער קיין מעק־סיקאָ. די טאָכטער מיט דער פאַמיליע האָבען זיך גוט איינ־געאָרדענט. אין דער היים איז דער איידעם אַ אינזשינער גע־וועזן, דאָ איז ער געוואָרען אַ ביזנעס מאַן און מאַכען אַ שעה־נעם לעבען. זיי זיינען שוין דאָ, אין צייט פון מיין שרייבען,

אַ יאָהר צוועלף, האָבען שוין חתונה געמאַכט זייערע צוויי טעכטער לוידע און ווערע, גאָט זאָל זיי געבען גליק. אויך דעם זוהן, וואָס מיר האָבען געבראכט אהער, זיצט מיט זיין פאמיליע אין מעקסיקאָ סיטי און מאַכט אַ לעבען.

איך מעג זאָגען אויף זיך ווי יוסף האָט געזאָגט זיינע ברידער אין מצרים. אַז ס'איז געווען אַ סיבה פון גאָט ער זאָל אָנקומען אין מצרים, ער זאָל קענען שפייזען זיין גאַנצע פאַמיליע אין צייט פון הונגער. מיט מיר האָט דאָס אויך געטראָפען. פיעל האָבען געלאַכט פון אונז, וואָס מיר פאַרלאָזען רוסלאַנד און פאָהרען קיין אַמעריקא, אין דער צייט, וואָס אונז האָט זיך גוט געלעבט אין רוסלאַנד. נאָר מיך האָט געצויגען צו פאָהרען, וואָס אַנדערש קען איך ניט זאָגען: אַז דאָס איז געווען אַ סיבה פון גאָט, מיר זאָלען אַוועקוואַרפען רוסלאַנד, און געהן קיין אַמעריקא. מיר זאָלען קענען דערנאָך אַרויסנעמען אונזערע קינדער אַהער און מציל זיין זיי פון הונגער און נויט, וואָס אידען ליידען נאָך איצט דאָרטען. און ווי יוסף האָט זיך פריהער געפּלאַגט און אויסגעליטען ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה, ער זאָל קענען העלפען זיין פאַמיליע, איך האָב זיך אויך געפּלאַגט ביז וואַנען איך האָב געהאַט ביכולת אַרויסנעמען זיי אַהער. מעהר ניט, וואָס יוסף איז אין בית אסורים געזעסען דורך אַ בלבול, מיט מיר האָט אַזוינס ניט געקענט טרעפען. דעראַפּר איז יוסף אויפגעריכט געוואָרען, ער איז אַ געוועלטיגער, אַ וויצע קעניג געוואָרען אין מצרים, און אַרויסגעפאָהרען במרכבת המשנה אין אַ קאַרעטע, די צווייטע פון קעניג, געשפּאַנט מיט די טייערע עגיפּטישע פערד, און איך בין אין אַמעריקאַ אפילו אין אַ אידישער קהילה קיין פּרעזידענט ניט געוואָרען און קיין אוצרות ניט אָנגעקליבען ווי יוסף, נאָר געבליבען דער זעלבער שוחט און טיטשער ווי פריהער אין דער אַלטער היים און פלעג אַרויספאָהרען גאַנץ פריה אין אַ פשוט'ן פּראָסטען וועגעלע, געשפּאַנט מיט אַ מאַגערען פערדעל גאַר אָהן פּאַראַד. ווייל מיר

האָט זיך קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט אויף בעסערס, ווי יוספ'ן. נאָר א דאַנק גאָט דעראַפּר, וואָס ער האָט מיך געפיהרט אויף דער ריכטיגער וועג און איך האָב מיינע קינדער גוטס געטהאָן, בין איך שטאַרק צופרידען. דאָס איז מיין געצאָהלט פאַר מיין מיה, וואָס דאָס איז דער פאַרלאַנג און די שטרעבונג פון יעדען מענשען.

מיט א יאָהר שפּעטער אין 1923 האָבען מיר אונזער אינגסטען זוהן דעם בן זקונים יעקב חתונה געמאַכט מיט א טאָכטער פון א היגען באַלעבאָס י. ליעבמאַן. א שעהנע, און געראַטענע, געפּראַוועט א גרויסאַרטיגע חתונה כמנהג אמעריקא און כדת משה וישראל. גאָט זאָל זיי געבען גליק.

62

צייטען בייטען זיך

די לאַגע פון יעדען פאָלק, פון יעדער מדינה, איז ווי די לאַגע פון דעם איינצעלען מענשען. זי שטעהט ניט שטענדיג אויף איין אָרט, זי דרעהט זיך אָפט ווי א ראָד, אַרויף און אַראָפּ, ווי אויף שרויפען ווערען איהרע מאָטאָרען געטריבען דורך איין אייביגע קראַפט. בפרט דער מצב פון אידישען פאָלק ווערט נאָך אָפטער געביטען, ווייל דאָס אידישע פאָלק שטעהט ניט אויף א פעסטען באָדען, אויף זיין לאַנד מיט זיין רעגירונג ווי אַנדערע פעלקער. שוין באַלד צוויי טויזענט יאָהר, אז דער איד האַלט זיין וואַנדער שטעקען אין האַנט, און דעם פעקעל אויפ'ן פּלייצע, און לערענט די סדרה „ויצא" פון איין אָרט אויף דעם צווייטען. עס טרעפט פיעל מאָל, אז ער מוז פאַרלאָזען דעם אָרט, וואו ער איז געווען א תושב יאָהרען לאַנג, און מוז געהן וואַנדערען זוכען פאַר זיך א מקום מנוחה, ווייל א געפאַהר שוועבט איבער זיין קאָפּ פאַרניכטעט צו ווע־

רען. גליקליך זיינע יענע אידען, וועלכע געפינען פאַר זיך אַ מקום מנוחה אונטער אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג, וועלכע טיילט ניט אָפּ דעם אידען פון ניט אידען. און פאַרקערט, אומגליקליך זיינען יעדע אידען, וועלכע דער שיקזאַל האָט זיי מיט געבראַכט צו באַזעצען זיך אין אַ באַרבאַרישער מדינה, וואו זיי ווערען געדריקט אכזריות'דיג.

די אַמעריקאַנער אידען מעגען זיך גליקליך שעצען, וואָס זיי האָבען געפונען פאַר זיך אַ מקום מנוחה אין די פאַראייניגטע שטאַאטען, אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג, וואו דער איד געניסט דאָ פון אַלע זכיות פון דער לאַנד מיט אַלעמען צו גלייך. אין דער צייט, וואָס אין פיעל לענדער ווערען אידען זעהר געדריקט פון די אַנטיסעמיטישע רעגירונגען, לעבען אידען אַמעריקא רוהיג. אַמעריקא איז דער אמת'ער ערד מקלט געוועזען פאַר אידען.

אין צייט פון אלכסנדר דעם דריטען און פון זיין זוהן ניקאָלאַי דעם צווייטען, זיינען צעהנדליגער טויזענטער אידען אַנטלאָפען קיין אַמעריקא פון די פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין רוסלאַנד, אויך פון רומעניא, פון פוילען און פון נאָך באַרבאַרישע מדינות. און אַמעריקא האָט צוגענומען די אידען מיט די ניט אידען גלייך מיט אָפענע הענט.

אין אַלע שלעכטע צייטען,
וואוהין איז מען געלאָפען?
מיליאָנען פון אַלע זייטען,
פון מזרח און פן צפון.

אַמעריקא האָט באַשיצט
אַנטלאָפענע, פאַריאָגטע,
ווי אַ מוטער האָט זי געשטיצט
פאַראָרעמטע, פאַרצאָגטע.

די געקומענע אַהער
האָבן געלעבט אין פרידן.
דער „תושב" מיט דעם גר,
דער קריסט מיט דעם אידן.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז געשטאַנען העכער און בעסער ווי אין די אייראָפּעאישע לענדער, אָבער אין אידישן גייסט האָט זי געגאַנגען אַרונטער, ווייל די געקומענע אַהער זיינען ניט געקומען זוכן דאָ אידישקייט, דאָס האָט זיי אין זייער אַלטער היים ניט געפעלט. זיי זיינען געקומען זוכן דאָ היונה, אַ מיטעל צו פאַרבעסערן זייער שווערן לעבן. זוכט מען מיט אַלע מיטלען: מסחר, מלאכה, ווישענשאַפט „קרדום להפור בו" פון פרנסה וועגן. דאָס ברענגט מיט, ביסלעכווייז, וואָכעדיג מאַכן דעם שבת, דעם יום טוב, ניט אָפּהיטען פיעל אידישע דינים, מנהגים, נאָכלעסיג זיין צו דערציהונג פון קינדער אין דעם אידישן גייסט. אָבער דערצו איז געווען אַ רפואה, ווייל טאָג-טעגליך פלעגן אָנקומען אידישע אימיגראַנטען די יוראָפּישע לענדער, פרישענקע, צאַפּעלדיגע ערשט פון שוהל, פון רבי׳ס קלויז, פון דער ישיבה. זיי האָבן אויפגעלעבט די אידישקייט, אויפגעבלאָזען דעם פאַרדונקעלטען פונק אין די אידישע הערצער. אַזוי האָט זיך געפיהרט יאָהרען לאַנג. אַמעריקא האָט געצויגען איהרע אידישע גייסטיגע שפייז פון יענער זייט ים.

אָבער „צייטען בייטען זיך". זינט נאָך דער וועלט מלחמה האָט זיך דער מצב פון דער גאַנצער וועלט געביטען עקאָנאָמיש און גייסטליך. אין ביידע זאַכען נידעריג געפאַלען. אויב אַמעריקא איז עקאָנאָמיש ניט אַזוי געפאַלען ווי אַנדערע לענדער, אָבער גייסטליך האָט זי אויך געליטען. ס׳איז געוואָרען אַן ענדערונג אין פרייהייט, וואָס אַמאָליגע נאָבעלע געזעצגעבער האָבן געגרינדעט. ס׳זיינען אויפגעשטאַנען מענשען „אימיגראַנטען פרעסער", וואָס האָבן געאַרבייט שטאַרק, מ׳זאָל

מאַכען אַ „קוואָטע", ניט אַריינלאָזען קיין פרעמדע ווי פריהער, ווער עס וויל, און ווען מ'וויל, ווייל די אימיגראַנטען כאַפּען אויס די פּרנסה פון די בירגער, פאַלען אָן ווי די היישעריקען און פרעסען אויף די פּרוכט פון דער לאַנד, דאָרום מוז מען אָפּהאַלטען דעם שטראָם, ניט אַריינלאָזען קיין פרעמדע. איז איצט די אימיגראַציע געוואָרען זעהר קליין.

די גזירה איז אַ קלאַפּ פאַר אַלעמען, נאָר פאַר אידען נאָך מעהר, ווייל אידען ווערען געדריקט אין פּיעל לענדער און לויפען איז ניטאָ וואו, די טויערען פון אַמעריקא זיינען כמעט געשלאָסען. אויב די אַמעריקאַנער אידען ליידען ניט עקאָנאָמיש, ליידען זיי דערפאַר גייסטליך. עס וועט ניט זיין קיין נייע אימיגראַנטען, וועט ניט זיין ווער זאָל אויפמונטערען די אידישקייט. אָבער די השגחה אויף דאָס אידישע פאָלק, איז געקומען די „באַלפור דעקלאַראַציע".

63
די באַלפור דעקלאַראַציע

אין די וואָלקענדיגע טעג אין צייט פון מלחמה און נאָך דער מלחמה, האָט דאָס אידישע פאָלק געפיהלט זעהר געבראָכען עקאָנאָמיש און גייסטליך. אפילו דער ציוניזם איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרען. אָט אין דער צייט האָט דורך די פינסטערע וואָלקענס דורכגעבראָכען אַ שיין ווי אַ ליכטיגער שטערען, וועלכער האָט באַלויכטען די גאַנצע אידישע וועלט, און אויפגעמונטערט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פון פאַרצווייפלונג. דאָס איז די „באַלפור דעקלאַראַציע".

ווי אַ גוטער באַלזאַם האָט זי אויפגעלעבט דעם אידישען גייסט, מ'האָט אָנגעהויבען פיהלען דעם אָנפאַנג צום סוף פון אידישען גלות, אַז אידען וועלען באַזעצט ווערען אויף זייער פאָטערלאַנד „ארץ ישראל". דאָס האָט אויפגעוועקט דאָס גאַנץ אידישע פאָלק, פון אַלע שיכטען אָהן אויסנאָם, אַלע מיט איין שטרעבונג צו אויפבויען ארץ ישראל, ווער מיט געלד, ווער מיט טאַלאַנט און קראַפט.

צעהנדליגע טויזענטער יונגע קרעפטיגע מענשען, חלוצים וחלוצות, זיינען געגאנגען קיין ארץ ישראל אַרבייטען מיט זייער קראַפט און שוויים אויף צו בויען די לאַנד, און פיעל מענשען מיט קאַפּיטאַל, בויען מיט זייער געלד,

אַט אין די לעצטע יאָהרען איז א״י אויסגעוואַקסען אַ גרויסער אידישער ישוב מיט גרויסע שטעדט, מיט פיעל קאָ־לאָניעס און פון זומפּיגע ערטער, פון די שטיינעדנע בערג, ציהען זיך איצט בליהענדע, באַוואַקסענע פעלדער מיט תבואות, מיט גרויסע, שעהנע פרוכטיגע וויין גערטנער. א״י האָט זיך אויך אויפגעבויט גייסטיג מיט פיעל ישיבות און ת״ת, און מיט דעם גרינדען דעם אידישען אוניווערסיטעט, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיינע למודים, ווי די גרעסטע אוניווערסיטעטען אין די ציוויליזירטע לענדער אין אַלע צווייגען פון וויסענשאַפט, אַז מיר מעגען שוין זאָגען „כי מציון תצא תורה״. דאָס האָט אויפגעוועקט אַלע גלות אידען צו אידישקייט און צו נאַציאָ־נאַליזם פיעל מעהר ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, אַז אמע־ריקא באַדאַרף ניט אָנקומען צו געשפּייזט ווערען מיט אידישע גייסטונג פון אַנדערע לענדער. אַמעריקא ווערט אַ מקום תורה ווי די אַלטע היים. אויסער ווי זי פאַרמאָגט פיעל גדולי ישראל רבנים גאונים פון דעם אַלטען דרך (כן ירבו) אַפילו קיין חסידות פעלט אויך ניט. איז איצט געגרינדעט געוואָרען גרויסע ישיבות לפי רוח הזמן, ווי די ישיבה פון ר׳ יצחק אלחנן (ז״ל) אין דער גרויסער שטאָדט ניו יאָרק, און די ישיבה „בית מדרש להורה״ אין שיקאגאָ און פיעל ישיבות גרויסע און קליינע אין אַלע גרויסע שטעדט. אַט די צוויי גרויסע ישיבות גיבען יעהר־ליך ארויס רבנים מוסמכים מלומדים לפי רוח הזמן, וועלכע פאַרנעמען די כסא הרבנות אין פיעל שטעדט. יונגע אַמערי־קאַנער געבאָרענע זיצען איבער דער גמרא, איבער יורה דעה, מ׳לערענט מיט התמדה, מיט׳ן ניגון פון גמרא און פון די פענסטער פון די אַמעריקאַנער ישיבות הערט זיך דער קול „הקול קול יעקב״ כמעט ווי אין דער אַלטער היים, וואָס ביז

דער צייט איז דאָס ניט געווען. אויך פיעל ת"ת אין אַלע שטעדט, מיט די בעסטע לעהרער, משכילים, פּעדאַגאָגען מומחים, ערציהען דעם יונגען דור אין אידישען גייסט. ס'איז דאָ פיעל ת"ת און ישיבות, וועלכע טוען אויף זעהר פיעל פאַר דעם יוגענט לפי רוח זמננו, אויב ס'געפינען זיך אַנדערע מיט פעלערען, וועט זיך מיט דער צייט אויסבעסערען.

דער נאַציאָנאַליזם איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרען פיעל מעהר ווי פריהער. די ראַדיקאַלען-אידישיסטען האָבען גע-גרינדעט אידישע שוהלעס צו ערציהען זייערע קינדער אין גייסט פון נאַציאָנאַליזם. מען לערענט די קינדער אידישע געשיכטע, ליעבשאַפט צו זייער פאָלק, צו זייער לאַנד, זאָלען זיך ניט דערווייטערען פון אידישען לאַגער. ווער האָט דאָס אַלעס אַרויסגערופען דער צו? אַלץ דער ציוניזם מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע.

אין צייט פון דער מלחמה און נאָך דער מלחמה אויך, ליידען אידען אין אייראָפּעאישע לענדער זעהר פיעל, אָבער אַמעריקע האָט עקאָנאָמיש ניט געליטען, האָבען זיי ניט פאַר-געסען זייערע געדריקטע ברידער עובר לים, געשטיצט זיי די גאַנצע צייט מיט א פולער האַנט, ביחידות, יעדער זיינע פריינד, נאָהענטע און ווייטע, געגעבען זיי הילף צום לעבען און געבראכט זיי קיין אמעריקא, כאָטש מיט גרויסע שוועריג-קייטען. און בכלל איז מען שטענדיג צו הילף געקומען די גרויסע אַנשטאַלטען: חברה האַיאַס, דיסטריביושען און דעם „אָרט". מען האַלט אונטער די נאָבעלע חברות, וועלכע האָבען געהאָלפען און העלפען איצט אויך צעהנדליגער טויזענטער אידען פון אונטערגאַנג, זיינען מציל טויזנטער אידישע פאַ-מיליעס פון שרעקליכען הונגער און נויט, זיי שטעהען אויפ'ן וואַך, אָפּהיטען דעם אידישען לעבען אויף יענער זייט ים. אָט די נאָבעלע מתעסקים און די וואָס האַלטען אויף אָט די חברות זאָלען זיין געבענשט!

ר׳ לובעל אַנטזאָגט מיר פון מיין שטעלע, איך מאַך פאַר זיך אַ בו״ש

מילדי יום אל תבהל, כי ילדי יום לא ירגעון,
אל תשמח אם ייטיבו, אל תחת אם ירעו
כי הטובות גם הרעות, כאשר יחנו כן יסעו!
פאַר טעגליכע טרעפונג, האָב ניט קיין שרעק
ניט פרעה זיך מיט גוטס, ניט פורכט זיך פאַר שרעק
גוטס און שלעכטס, ווי זיי קומען, אַזוי געהען זיי אַוועק!
(משירי אבה״ע)

מיר אַלע דריי שוחטים זיינען זיך געזעסען בשלות צוזאַמען און געמאַכט אַ שוחט׳טישן לעבן, פון דער איין בו״ש, וואָס ר׳ לובעל האָט געהאַלטען. ער האָט מיר מיט ר״ס שכירות געצאָהלט, ר״ס האָט נאָך דערצו געהאַט פרנסה פון זיינע חזנות און ראַבי׳שאַפט, און איך פון ת״ת. אַזוי האָט זיך געצויגען עטליכע יאָהר. איז אָבער געוואָרען אַ רייד: וואָס הייסט אַזאַ שטאָדט, וואָס זי האָט ביז פינף הונדערט פאַמיליעס אידישע, וואָס עסען בשר כשר (וועלכער איד עסט ניט קיין בשר כשר?) איז מעהר ניטאָ ווי איין בו״ש. מען האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז וואַנען עס האָט זיך געפונען אַ בעלן און האָט געעפענט נאָך אַ בו״ש. נאָר זיי האָבען פאַרגעסען צו מאַכען אַ ריכטיגען חשבון. ערשטענס, לעבען פון דער איינציגער בו״ש ניט איין פאַמיליע, נאָר דריי שוחטים און נאָך אַ אידישער קצב (בוטשער, און צווייטענס, ניט פינף הונדערט פאַמיליעס עסען בשר כשר. אויב האַלב דערפון,

וואָלט אויך געווען גוט, אָבער פיעל פון זיי קוקען די כשר'ע בו"ש קיין מאָל ניט אָן, און פאַרזוכען ניט קיין כזית כשר'ע פלייש דעם גאַנצען יאָהר. פון זיי געפינען זיך אַנדערע, וואָס ראש השנה און יום כפור פאַרבלאָנדזשען זיי און קויפען כשר'ע פלייש, עס איז דאָך ימים נוראים, מען דאַרף אויסבעטען ביי גאָט אַ גוט יאָהר, באַדאַרפען זיך אויף עטליכע טעג אויס־כשר'ן. אויך אויף פסח איז עפּעס האַרמאָנירט ניט מען זאָל עסען טריפה פלייש מיט מצה, קויפט מען אויף דער וואָך פון פסח כשר'ע פלייש. אָט איז דער השבון פון די פינף הונדערט פאַמיעלעס וואָס עסען בשר כשר.

אָבער עס האָט זיך געפונען אַ יונגער בוטשער פון ניו יאָרק, האָט אַראָפּגעבראַכט אַ שוחט ר"ה און געעפענט אַ בו"ש און אָנגעפאַנגען האַדעווען סאַן אַנטאָניער באַלעבאַטים מיט ביליגע כשר'ע פלייש. דער עולם האָט גענומען לויפען צו איהם, און אונזער בו"ש איז געבליבען מיט וויניג קונים. האָט ר' לובעל אונז אַלעמען ניט געקענט האַלטען, האָט ער מיר מיט דעם אידישען קצב אָנטזאָגט.

אָבער פון די שכירות, וואָס איך האָב גענומען אין ת"ת, האָב איך קיין לעבען ניט געקענט מאַכען, האָב איך צוגענומען דעם אידישען אָפּגעזאָגטען בוטשער און געמאַכט מיט איהם בשותפות אַ בוטשער שאָפּ. האָט שוין די שטאָדט געהאַט דריי בוטש"פ מיט כשר'ע ביליגע פלייש. די שטאָדט לייט זיינען דערפון צופרידען געווען, אָבער מיר אַלע דריי בוטש"פ זיינען דערפון ניט זאַט געווען. מיר האָבען צוגעלייגט אַלע אָפּולע געלד. אַ יאָהר צייט האָט זיך אַזוי געצויגען, איז דער ניו יאָרקער בוטשער אַוועק, און דער שוחט אויך, און מיין מיט מיין בוטשער האָט מר. לובעל צוגענומען צוריק צו זיך, נאָך מיט בעסערע שכירות ווי פריהער.

איך בין זעהר צופרידען געווען, וואָס איך בין פטור גע־וואָרען פון דעם געשעפט און פון מיין בוטשער פאַרטנער, וואָס איך האָב זיך פון ביידע געפּלאָגט די גאַנצע צייט מאַ־

טעריעל און גייסטיג. מיר איז דאָן אַוועק ניט שלעכט. פון די שכירות פון ת"ת, און פון בוטש"פ האָב איך פוןביידע פרנסות געהאַט צו מאַכען אַ שעהנעם לעבען, אויסגעצאָהלט פאַר מיין הויז, פיעל איך בין שולדיג געווען, און אָנגעהויבען לעבען אַביסעל בעסער און רוהיגער. אָבער ניט לאַנג האָט זיך אַזוי געצויגען.

האָט אונז געטראָפען אַן אומגליק מיט אונזער טאָכטער א' „צרות הבת" זי איז קראַנק געוואָרען. די צרות הבת האָט אונזער לעבען פאַרביטערט. אָט אַזוי האָבען זיך די צייטען געביטען כמעט מיין גאַנצען לעבען, גוט, שלעכט, שלעכט, גוט. קיין מאָל אויף איין מצב ניט געשטאַנען. צו געניסען פון אַ גוטען לעבען אַ לאַנגע צייט, ווי די ווינטערדיגע זונען שיין, ווייזט זיך אַ ווײלע און באַהאַלט זיך צוריק. גוטע צייטען און שלעכטע זיי קומען און געהען אַוועק. דער מענש קען זיי ניט אויסמיידען, אויסבאַהאַלטען זיך פון זיי! פאַראַנען מענשען גליקליכע, ווען די זון שיינט זיי פון זייער פריה מאָרגען ביז זייער פאַרנאַכט, פון וויגעלע ביז'ן קבר, אָבער זעהר ווינציג איז דאָ. יעדער מיט זיין מזל ווערט געפיהרט פון דער השגחה.

65

דער גורל פון א ראַביי אין אמעריקא, איז דער גורל פון דער פרוי אמאָליגע יאָהרען

אין דער אלטער הים ווען א שטאָדט האָט אויפגענומען א רב, מען האָט איהם געגעבען א כתב רבנות, איז ניט געווען איינגעשריבען קיין צייט ביז וואַנען, דער כתב איז געווען אן אגרימענט אויף זיין גאַנצען לעבען, צי מען האָט געטראָפען מיט איהם צי ניט, מען האָט זיך מיט איהם געמוזט האלטען, סיידען ער איז אליין אוועק. אפילו נאָך זיין טויט אויב ער האָט נאָר געלאָזען נאָך זיך א זוהן אדער אן איידים, וואס איז

געוועזן ראָוי צו פאַרנעמען די כסא הרבנות, איז ער פאַרבליבען אויף זיין אָרט. און אזוי האָט זיך געפיהרט מיט אלע כלי קודש דאָ אין אמעריקא האָט א ראבײ (אפשר א רב אויך) דעם דין ווי א פרוי אמאָליגע יאָהרען, זעהר טראגיש. אמאָל ווען א מאַן האָט געוואָרפען אום׳חן אויף זיין פרוי, אפילו פאר דעם קלענסטען פעלער, ווי למשל „הקדיחה תבשילה״ צוגעזאלצען, צוגעברענט דעם וואַרמעס, צי די וועטשערע, אדער גאר פשוט ער האָט געפונען א שעהנער פאר איהר, (דאָס איז אויך א חסרון) האָט ער איהר אָנגעשריבען צוועלף שורות א (ג״ט), אָפּגעצאָלט איהר די עטליכע גילדען איהר „כתובה״, און פטור! ער האָט זיך געהאלטען מיט זיין פרוי מעהר ניט ביז וואנען ער האָט געוואָלט. מיט דעם ראביי אין אמעריקא איז אויך אזוי, מען האלט זיך מיט איהם כל זמן ער געפעלט, אבער אז מען געפינט אויף איהם דעם קלענסטען חסרון, אפילו ווען דער חסרון איז אז מען קען פאר די זעלבע שכירות קריגען א בעסערען פאר איהם, ווער רעדט שוין אויב ער האָט אָביסעל איבערגעזאלצען אין זיין דרשה, פוגע בכבוד געוועזן איינעם פון די באלעבאטים, וואָס שטעהן אויבען אָן אדער הלילה ער האָט אָנגערירט דעם כבוד פון דעם שוהל פרעזידענט אליין, דאַן פרעגט שוין גאר ניט דעם סוף פון ראביי, ער מעג שוין איינפאקען זיינע זאכען, קלייבען זיך אין וועג פאָרען זוכען אַן אנדער שטעלע.

ראבי דר. פיי״ב איז אָפּגעווזען ראבי פינף יאָהר צייט — ס׳איז אָנגעקומען א נייער שוהל פרעזידענט, א פרעזידענט ווי אלע שוהל פרעזידענטען אין אמעריקא, א איד ארבייט זיך ארויף, ווערט ער א גבאי, א פרעזידענט אין א תלמוד תורה, אָדער א פרעזידענט אין א קאָנגרעגיישאן זיצט אויבען אָן נע־בען ארון קודש און פיהרט זיין ממשלה. אלע כלי קודש דער ראביי, חזן און שמש מוזען איהם געהאָרכזאם זיין, זיין וואָרט מוז זיין פאר זיי א געבאט. ער איז דער טאָן געבער, זיי מוזען שטעהן פאר איהם מיט יראת הכבוד, ער איז דאך זייער

ברויט געבער, און וועה איז צו דעם וועך עס היט ניט אַפּ אַט די זאַכען וואָס דער אדון הגדול פאָדערט! אבער ראבי פּ"ב האָט זיך ניט געוואָלט אונטערבויגען צום פּרעזידענט, ער איז דאָך עפּעס א דר. מעדיצין און דר. פילאָסאָף, ער האָט אבער פארגעסען, אז דאָס גאָלדענע קאָלב שטעהט איצט העכער ווי די וויסענשאפט. עס איז ניט אריבער פיעל צייט און ראבי פּג"ב האָט דאָס דערפיהלט, און מען האָט איהם אָנטזאגט פון רבנות. עס האָט איהם ניט געהאָלפען זיינע דאָקטערשע רפואות און ניט זיין פילאָזאָפיע, און אוים ראבי! נאָר אין ת"ת איז ער פארבליבען פּרינסיפּאל (ווייל ער האָט נאָך געהאט אן אגרימענט אויף א יאהר).

אויף זיין אָרט האָט מען צוגענומען א יונגענמאן ראבי בענגעס. דער עולם איז צופרידען געווען מיט'ן נייעם ראבי, געוועזן א גוטער רעדנער, כאָטש אין לומדות און וויסענשאפט איז ער געוועזן פיעל נידעריגער פאר דר. פּ"ב, נאָר וועך בעדארף די לומדות, א ראבי בעדארף זיין א גוטער רעדנער, דאָס פאָדערט אן אמעריקאנער קהילה, ווי דער בעל הגדה זאָגט — ורב כמה שנאמר — א רב וועגדט זיך ווי ער זאָגט — איז ער א גוטער רעדנער, איז ער א גוטער רב, צי ער איז א למדן, צי ניט. קען ער ניט זאָגען, העלפט איהם ניט זיינע למדות. ראבי פּ"ג אז ער פלעגט זיצען אין שוהל (אין שוהל האָט ער געמוזט געהן, ער איז דאך א טישער אין ת"ת) איז דאָס ביי איהם געווען א גרויסע אפּקומעניש. זיצען און זעהן ווי זיין פיינט וואָס האָט באנומען זיין כבוד מיט זיין חיוה זיצט אויף זיין אָרט און פיהרט די רבנות און מוז הערען זיינע דרשות, ער האָט דערפון שטארק געליטען, און א מענש מיט א שלאפע הארץ איז ער געווען, ולא ארכו הימים, עס האָט קיין פולע צייט ניט געדויערט און ער איז קראנק געוואָרען, און אוועק אויף דעם עולם האמת, וואו פּרעזידענטען האָבען דאָרט קיין דעה ניט, און אונזער הייליגער אָרט (סעמעטערי) איז רייכער געוואָרען מיט נאָך א ראבי אויך ניט קיין אלטער מאן, מען

האָט איהם אָפּגעגעבען זיין לעצטען כבוד, ראַבי בענגעס האָט איהם מספּיד געווען און באַדויערט זיין טויט.

ראַבי בענגעס האָט דאַן געמוזט אָננעמען די שטעלע אין ת"ת אויך, און איך האָב שוין געהאַט אַן אַנדער פּרינסיפּאַל און די ת"ת איז אָנגעגאַנגען כמקדם, מען האָט צוגענומען אַ פּערטען טיטשער, ווייל ער האָט ניט געקענט אויפטאָן וואָס פ"ג האָט אויפגעטהאָן. די שטאָדט-לייט זיינען געווען צופריי-דען מיט דעם ראַבי און ער איז אָפּגעווען ביי צוויי יאָהר צייט, אבער אַ קהלשער מענש קען ניט אלעמען צופרידענשטעלען, אז ראַבי ב. האָט באַמערקט, אז עס געפינען זיך שוין מענשען וואָס רעדען אונטער אויף איהם, האָט ער ניט געוואָלט וואַר-טען ביז מען וועט איהם אַנטזאָגען, אויך האָט ער קיין השק ניט געהאַט מען זאָל איהם מצרף זיין צו מזומנען אויפ'ן הייליגען אָרט (סעמעטערי) מיט יענע צוויי רבנים וואָס ליגען דאָרטען, איז ער בשתיקה אָפּגעפאָרען פון שטאָדט אין אַן אַנ-דער שטאָדט פון טעקסאַס און אָנגענומען דאָרטען די רבנות און פאַרלאָזען סאַן אַנטאָניא. אַזאַ מין געשיכטע, אז אַ ראַבאַי זאָל זיי אָפּטהאָן, דאָס האָט פאַרדראָסען אפילו זיינע גוטע פריינט. אָפּגעטהאָן זיי ווי מען זאָגט אויף טערקיש! אבער פאַרפאַלען! מען דאַרף זוכען אַן אַנדער ראַבי און אַ פּרינסיפּאַל אין ת"ת, מילא די ת"ת וועט מען זיך באַגעהן דערווייל אָהן אַ פּרינסיפּאַל, דאָס איז פון די קליינע זאַכען, אבער אַ ראַבאַי מוז מען האָבען, ס'איז ניט ווייט ימים נוראים, און ווי קען מען אויסקומען ימים נוראים אָהן אַ ראַבאַי? האָט מען גע-געבען צו וויסען אז סאַן אַנטאָניא זוכט אַ ראַבי, האָט מען געהאַט ראַביים אלע שבת איינעם, צוויי, אַ שטאָדט איז גרינ-גער צו קריגען אַ רבי, ווי אַ ראַבי, אַ שטאָדט.

ס'איז געקומען אַ יונגערמאַן, אַ ראַבי פון סינסינעטי קאָ-לעדזש ראַבי ס. פיליפּס, געווען ראַבי אין אַ טעמפּעל אין אַ שטעדטעל אין טעקסאַס, געווען אַמאָל אַ ישיבה בחור אין דער אלטער היים, קען לערנען און משכיל בחכמת ישראל און אַ

גוטער דרשן. איז ער פארבליבען ראבי מיט א שעהנער גע־האלט און געווארען פרינציפאל אין ת"ת ביז וואנען מען וועט צונעמען אן אנדערען, האָב איך שוין א נייעם פרינסיפאל און געהאָפט, אז אין גיכען וועל איך האָבען אן אנדערען, נאָר ס'האָט זיך גאָר אנדערש אויסגעלאָזען, אז איך האָב געמוזט פארלאָזען די ת"ת אלין איבער דער זעלבער סיבה, וואָס די פרעזידענטען אין די אידישע אינסטיטושאָנס זייגען די גאנצע בעלי דעות, זיי טוען ווי זיי ווילען, צי גוט, צי שלעכט, זיי זייגען די באלעבאַטים ווי דער פרעזידענט פון שוהל איז דער באַ־לעבאָס צו נעמען א ראבי, אזוי איז דער פרעזידענט פון ת"ת דער באלעבאָס צו נעמען לערער וועמען ער וויל צי ער איז א מבין דערויף צי ניט.

66

ויקם מלך חדש אשר לא ידע, א נייער פרעזידענט וואָס ער האָט ניט געוואוסט, וואָס חנוך פאָרערט

איז אָנגקומען אין תלמוד תורה מר. ה"ה, אפילו א איד, וואָס האָט אמאָל אין דער אלטער היים געלערענט אין דער ישיבה, א איד אן ארטאָדאָקס, נאָר ער האַלט ניט פון דעם אז קינדער זאָלען קענען אידיש רעדען, ער האַלט זעהר שטארק פון שפת המדינה. אלזא, מוז מען לערנען מיט קינדער מיט די איבערזעצונג אין ענגליש, בעדארף מען האָבען לערער ענגליש שפרעכענדיגע, וועלכע רעדען נאָר ענגליש. אלזא וויל ער איצטער אראָפּברענגען א פּאָר מאָדערנע לערער, אז קיין אידיש זאָל דאָרט ניט דערמאָנט ווערען. אלזא מוז איך פארלאָזען די ת"ת, איך לערען מיט אידישע איבערזעצונג. איך בין איהם ניט חושד אז ער האָט דאָס געטהאָן פון שנאה צו מיר, נאָר פון לטובת החנוך, איהם האָט זיך געדוכט, אז דערמיט וועט ער פארבעסערען די ערציהונג פון דעם יונגען דור. אונזער תלמוד זאָגט — שטן ופנינה לשם שמים נתכוונו — דער „שטן"

אז ער האָט אַנגערעדט אויף איוב׳ן פאר גאָט און האָט איוב׳ן גרויסע יסורים אַנגעטהאָן איז ניט פון שנאה, נאָר ער האָט געהאט אין דעם א געטליכע מיינונג. אויך ד״ג „פנינה״ האָט דערצאָרענט זעהר איהר מאנ׳ס די צווייטע פרוי חנה, איז אויך ניט געווען פון שנאה און קנאה, נאָר זי האָט געהאט א געטליכע מיינונג. אזוי האָט מר. ה״ה דער פרעזידענט אויך געטהאָן מיט א געטליכער מיינונג, נאָר דערווייל בין איך געבליבען אָהן חיונה, מילא א ת״ת איז דאָך ניט געגרינדעט צוליב דעם לערער, ער זאָל האָבען פרנסה, דער לערער איז צוליב דער ת״ת, און אויב דער פרעזידענט פארשטעהט, אז איך בין ניט מסוגל דערצו, כאָטש איך בין געווען טיטשער העכער צעהן יאָהר צייט, און אלע זיינען מיט מיר צופרידען געווען סאַי די עלטערען פון די קינדער און סאַי אלע פרינסי־פאלס מיט אלע פרעזידענטען און די תלמידים אויך, נאָר אז דער פרעזידענט געפינט אז איך בין ניט ראוי דערצו, האָב איך געמוזט פארלאָזען די ת״ת און מיט מיר צוזאמען איז אוועק פון ת״ת דער ראבי ר׳ פיליפס אויך, און דער פרעזי־דענט איז בכבודו אליין אוועק אין ניו יאָרק אויסקלייבען א פאָר מאָדערנע לעהרער און האָט געבראַכט צוויי לערער (איך מיין טיטשערס) איינער האָט געהאט א דיפלאָם פון דר. פילאָ־סאָף. נו, בעדארף מען מעהר מאָדערנע? און דער צווייטער אויך מאדערנע א מגולח כהלכתו און רעדט ענגליש, כאָטש ניט אזוי פויגעלדיג. דער פרעזידענט איז פשוט געווען אין זיבעטען הימעל פון פרייד, אז בימיו, אין זיין צייט וועט ס״א ת״ת זיין א מוסטער פאר גאנץ אמעריקא.

די מאָדערנע לערער האָבען זיך גענומען צו זייער ארבייט. ס׳איז אוועק א מאָנאט, צוויי און מיר זעהען ניט און הערען ניט די באגייסטערונג און באוואונדערונג ניט פון די באלעבא־טים און ניט פון דעם פרעזידענט, עפּעס מען דערצעהלט ניט די וואונדער וואָס די מאָדערנע טיטשערס האָבען אויפגעטהאָן, אין געגענטהייל פילע באקלאָגען זיך אויף זייער מאָדערנעם

לעהרנען און אויף זייער אויפפיהרונג און די ת"ת ניט נאר וואס זי בליהט ניט און וואקסט ניט, אין געגענטייל די תלמידים ווערען פון טאג צו טאג ווינציגער. איז דאך א פראגע ווארום ס'איז דאך מאדערנע כהלכתא? לאזט זיך אויס אזא געשיכטע, אז דער טיטשער־פילאסאף איז ר"ל א פשוטער צופיהרטער און די תלמידים מאכען פון איהם חוזק און דער צווייטער, דער עלטערער שלאגט די קינדער ניט ווי די אמאליגע מלמדים טאקע אויך מאדערנע, אבער די קינדער ווילען דאס אויך ניט ליידען און ווילען ניט געהן מעהר אין ת"ת.

אין א צייט ארום באגעגען איך דעם פרעזידענט און פרעג איהם צי ער איז צופרידען מיט דעם בייט וואס ער האט געמאכט? ער האט זיך מודה געווען, אז ער האט געהאט א גרויסען טעות. בקיצור, דעם פילאסאף האט מען באלד אפגע־ריכט און באצאלט איהם פאר א גאנץ יאהר (ער האט געהאט אן אגרימענט) און דעם עלטערען (א פאמיליען מאן) האט מען געהאלטען ביז ער איז געבליבען אהן תלמידים און אויך אוועק פאר'ן יאהר (איהם אויך באצאלט פאר דעם גאנצען יאהר) און די ת"ת איז געשטאנען פוסט ביז נאך ימים נוראים, מאדערנע!

67
אונזער דריי בונד איז צוריסען געווארען

נאך יום טוב בין איך ווידער אנגעקומען אין ת"ת מיט העכערע געהאלט און מען האט געבראכט א פרינסיפאל, א יונגערמאן א חלוץ, ער האט געדינט אין גדוד העברי אין פא־לעסטינא, ער האט זיך אויסגעלערענט רעדען אביסעל העברע־איש און געקומען אין אמעריקע, געווארען א טיטשער, נאר גאר א קליינער ידען, ער איז אפגעווען מעהר ניט איין יאהר און מען האט איהם אנטזאגט, ער איז אויך געווען א מאדערנער. דער פרעזידענט האט שוין געזעהן אז ער האט די ת"ת ניט דער־הויבען, האט ער זיך אויך אנטזאגט און עד היום האט ער פיינט די מאדערנע טיטשערס.

געוואָרען א נייער פּרעזידענט, גענומען א נייעם פּרינ־ציפּאל אויך א חלוץ פון פּאלעסטינע ה. ד. העריסאָן. דער חלוץ איז געווען א יונגערמאַן א משכיל, געקענט גוט העברע־איש, געווען א גוטער פּעדאַגאָג, געווען מיט מיר זעהר באַ־פריינדעט. אין דער צייט האָב איך אָבגעדרוקט א ספר „תורה בחרוזים", אן איבערזעצונג פון גאנץ תורה און אייניגע קאַ־פּיטלאך פון נביאים און כתובים דורך אין חרוזים אין אידיש. די ביכער זיינען מיר אָנגעקומען פון דרוק אין דער ריכטיגער צייט ווען איך בין געוואָרען א בן שבעים — זיבעציג יאָהר — דאָס איז געווען אין חדש כיסלוו אין יאָהר תר"צ, האָבען די מנהלים פון תלמוד תורה געפייערט מיין געבורטסטאָג, געמאכט א באַנקעט. העכער צוויי הונדערט געסט זיינען בייגעווען, מען האָט שעהן פאַרבראַכט על שלחנות מלאים כל טוב און שעהנע רעדעס זיינען געהאלטען געוואָרען לכבודי, דאָס איז געווען דער בעסטער און פארגעניגענסטער טאָג אין מיין לעבען אויך פאר מיין פאמיליע.

יענעם ווינטער האָט ווידער פּאַסירט אן ענדערונג אין מיין לעבען, ר' לובעל האָט פארקויפט זיין בוטש' צו א בוטשער און איז געוואָרען שמש אין שוהל א"א און שוחט ביים בוט־שער, ר"ס איז אויך אוועק און האָט איבערגעלאָזען אי די בוטשעריי אי זיין שטעלע פון ראבי און די גאַנצע לעבעדיגע וועלט און אוועק אויף דער אמת'ער וועלט. אזוי איז אונזער דריי בונד דער חוט המשולש צוריסען געוואָרען, ר"ס אין גן עדן ר' לובעל אויפ'ן בימה אין שוהל און איך אין תלמוד תורה. ר' לובעל האָט בעסער געמאכט פאר אונזביידען. איך האָב פארלאָזען די שחיטה און געבליבען ביי די לערעריי, נאָר איך האָב געהאט גענוג פון דעם צום לעבען, ווייל מ'האָט מיר געהעכערט די שכירות אין ת"ת, מר. ה. העריסאָן איז אָפּגע־ווען פּרינסיפּאל אין ת"ת איין יאָהר און איז אוועק.

68

מיין איין און זיבעציגסטער יאָהר, שנת תרצ"א

(מר המות לפ"ק)

איך האָב אָפּגעלעבט די ימי שנותנו, די טעג פון דעם מענשענ'ס לעבען, די זיבעציג יאָהר. איך זאָג — „אָפּגעלעבט", ווייל באמת איז דאס מעהר ניט ווי „אָפּגעלעבט" ניט „געלעבט". איך קען ניט אָנרופען אזא מין לעבען געלעבט. ווער עס וועט לעזען דיזען ספר פון מיינע זכרונות, וועט ער צוגעבען, אז איך רוף אָן אזא מין לעבען מיט דעם ריכטיגען נאָמען — אָפּגעלעבט — די פגעי הזמן — די שלעכטע טרעפונג וואָס באגעגענט פילע מענשען אויף זייער לעבענס-וועג, האָט מיר צופיל מאָל געטראָפען. מיין וועג איז מיט בלומען ניט געוועזען אויסגעשפרייט, פילע שטרויכלונגען מיט שטעכענדע דערנער האָבען מיין וועג פיעל מאָל פארצאָמט אין מיין געהן פאָראויס. פילע וואונדען איבערגעלאָזען, וועלכע קענען ניט געהיילט ווערען אין גאַנצען. ניט שטענדיג האָט די זון געשיינט איבער מיין קאָפּ, פילע מאָל איז זי פארדונקעלט געווארען מיט גערדיכטע, שווארצע וואָלקענס, צייטענווייז א שיין געטאָן און באהאלטען זיך צוריק. און אזוי זיינען איבערגעלאָפען מיינע זיבעציג יאָהר, נאָר איך באקלאָג זיך ניט. חלילה, אין געגענטייל, איך בין א שמח בחלקי, איך האָב גאָט צו דאַנקען געפיהרט מיין ארימע וועלטעל ניט ערגער פון די, וואָס האָבען אין לוקסוס און פארגעניגען פארבראכט. די צייט איז שוין סאַי ווי אוועק, צי גוט געווען, צי שלעכט, און דער הוה, דער איצט, איז גאָט צו דאנקען. ווען איך דערמאָן זיך, אז איך האָב מיין וועלטעל אָרענטליך געפיהרט, קיין פרעמד'ס ניט פארנומען,

קיינעם צו לאַסט ניט געווען, געווען א נהנה ביגיעי כפי, און גאָט האָט מיך געבענטשט מיט גוטע, אָרענטליכע קינדער, מיט אידישע הערצער, פהירען זיך ארענטליך, וואָס דאָס איז דער הויפּט שטרעבונג פון יעדען מענשען, לאָזען נאָך זיך א דור א גוטען, זאָלען ניט פארשעמען זייערע עלטערען. כי זה כל האדם!

איך האָב דאָס צו פאַרדאַנקען מיין גאָט-זעליגע פרוי ע"ה. זי מיט איהר גוטער ערציאונג, מיט איהר גוטען אויפיהרונג האָט זי געווירקט צו גוטען אויף אונזערע קינדער.*) דער שלום בית, וואָס האָט געהערשט אין אונזער הויז פאר דער גאנצער צייט, וואָס זי איז געווען מיין לעבענס באגלייטערין פיער און פערציג יאָהר, האָט מען ביי אונז אין הויז קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט. אין דער שלעכטער צייט האָט זי מיט איהרע גוטע און קלוגע רייד שטענדיג מיך ערמונטערט. איצט אז איך האָב א דאַנק גאָט דערלעבט מיין זיבעציג יאָהריגען יובילייו און איך בין נאָך ביי מיינע קרעפטען צו פארדינען אויף מיין לעבענס מיטעל ניט אָנקומען צו קינדערשע הילף און די קינדער אלע בעדארפען ניט אונזער הילף, אלע פארהייראַט און מאכען אָן אנשטענדיגען, אָרענטליכען לעבען, איז וואָס קענען עלטערע מנשען נאָך פארלאנגן. מיר זיינען צופרידען געווען מיט אונזער לעבען און גאָט געדאנקט, אזוי האָבען מיר אָפּגעלעבט דעם גאנצען זומער. ס'זיינען אנגעקומען די ימים נוראים טעג ראש השנה און יום כפור פון מיין איין און זיבעציגסטען יאָהר שנת תרצ"א. מיר האָבען גאָט געבעטען, אז דער נייער יאָהר זאָל ניט ערגער זיין, אבער אפנים, אַז גאָט האָט אונזער תפלה

*) נאַפּאָלעאָן האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינער א באַקאַנטער פרוי — די היינטיגע דערציאונג טויג גארנישט, וואָס קען מען טהאָן אויס-צוהאָדעווען גוטע קינדער אין פראנקרייך? מ אַ מ ע ס — האָט זי געענטפערט. — זעהר ריכטיג, — האָט נאַפּאָלעאָן באמערקט. פון היינט אָן דארפען מיר אוועקלייגען אלע כוחות אויסצוהאָדעווען גוטע מ אַ מ ע ס, וועלען מיר שוין ממילא האָבען ג ו ט ע ק י נ ד ע ר.

ניט אנגענומען. דער יאָהר האָט פארפינסטערט מיין לעבען. צוויי טעג נאָך יום כפור איז מיין פרוי קראנק געוואָרען פלוצלונג און נאָך צוויי טעג פון איהר געפעהרליכע קראנקהייט, ערב סוכות האָט זי אויסגעהויכט איהר הייליגע נשמה.

אָט דער גרויזאמער אומגליק האָט מיך ווי א דונער דערשלאָגען. גרויס איז געווען מיין בראָך, אז ער וועט שוין קיינמאָל ניט געהיילט ווערען. איך האָב אָנגעוואָרען מיין טרייען חבר, מיין לעבענס באגלייטערין, און אונזערע קינדער האָבען אָנגעוואָרען אזא טייערע איבערגעבענע מוטער, וואָס האָט געאָפּפערט איהר לעבען פאר זיי. אונזערע פריינט און אלע, וואָס האָבען איהר געקענט, האָבען באדויערט איהר טויט. זי איז ניט נאָר געווען א טרייע פרוי און א ליבליכע מוטער, נאָר אויך באַליבט געווען ביי אלעמען פאר איהר גוטען כאראַקטער. זי האָט זיך אינטערעסירט פאר יעדען. זי איז מיר באהילפיג געווען אין שרייבען מיין ספר „תורה בהרוזים", וואָס איז געדרוקט געווען אין יאָהר תר"צ, אויך איינטהייל גענומען אין די ערשטע טייל פון דיזען ספר. איהר נאָמען וועל איך פארצייכענען אין דיזען ספר לזכרון. פון דאמאָלסט אָן געה איך ארום ווי א שאָטען. מיין זון איז פארגאַנגען און וועט שוין קיין מאָל ניט אויפגעהן. מיין הויז איז חרוב, איהרע ווענט קלאָגען עס פעלט די עקרת הבית.

ליבע לעזער, אפשר איז ניט אזוי אנגענעם, ניט אזוי אינטערעסאנט פאר דעם לעזער, א זייטיגער מענש, לעזען פרעמדע ליידען, פרעמדע צרות, ווי א מענש באקלאָגט זיך אויף זיין אומגליק. בעט איך אייך ליבע לעזער נעמט ניט פאר אומגוט, איך בין געצווינגען דערצו. איך מוז אויסרעדען און אויסגיסען מיינע שווערע רייד, וועלכע שטיקען מיין הארץ, אויסרעדען מיינע געפיהלען, אראָפּרעדען פון הארצען, איך קען ניט שטיקען אין זיך די שמערצען און שוויינגען, פארשפּאָרען מיינע געפיהלען אין זיך און ניט אויסרעדען, דאָס איז ווי מען זאָל פארשפּאָרען דעם דאַמף פון א קאָכעדיגען קעסעל וואסער ביז

עס עקספּלאָדירט. איך מוז ארויסזאָגען מיינע שמערצען, איז ניט מיט׳ן מויל, איז כאָטש מיט׳ן פען, פיללייכט וועט מיר גרינגער ווערען.

איך האָב פארלאָזען מיין אייגען הויז אין וועלכער מיר האָבען געוואוינט ביי צוואנציג יאָהר, אין איהר פיעל שמהות געפייערט, פילע גוטע צייטען פארבראכט. זי האָט אויף מיר יעצט אַן אומעט געוואָרפען און געמוזט פארלאָזען זי און אוועק צו מיינע קינדער מר. און מרס. העסעל. זיי האלטען מיך בכבוד, זעהען מיט אלע מעגליכקייטען צופרידען שטעלען מיך. מיר פעלט ניט אין דער נייער היים, איך האָב ניט אויף וואָס צו באקלאָגען זיך. פילע וואָלטען אין מיין לאַגע זיך גליקליך געשעצט, אָבער איך קען קיין טרויסט ניט געפינען, מיין אלטע, אמת׳ע היים איז הרוב.

דעם גאנצען ווינטער האָב איך אָנגעהאלטען מיין שטעלע אין ת״ת, נאָר איך האָב געפיהלט, אז איך בין צו שוואך אי פיזיש אי גייסטיג, האָב איך זיך אנטזאגט און איך בין זומער אוועק קיין ניו יאָרק זעהן זיך מיט מיין שוועסטער און שוואָגער באסיין, וועלכע איך האָב ניט געזעהן פילע יאָהרען און מיט מיינע פילע קרובים, וועלכע איך האָב זיי קיין מאָל ניט געזעהן. איך בין דאָרט געזעסען מעהר ווי א מאָנאט צייט. די פריינדשאפט וואָס זיי האָבען מיר געצייגט און די וואונדער פון דער גרויסער וועלט-שטאָדט, וואָס איך האָב געזעהן, דאָס האָט אויף מיר געווירקט צו גוטען, צו פארגעסען אביסעל מיין טרויער און געפיהלט מונטערער גייסטיג און פיזיש. קומענדיג אהיים, ביסלאכוויין האָב איך אָנגעפאנגען פיהלען ווייטער ניט צום בעסטען, איז ביי מיר געבליבען אז איך מוז מיט עפּעס וויכטיגעס פארנעמען מיין לײדיגע צייט, איך זאָל ניט טראכטען פון אומגליק, האָב איך אָנגעפאנגען איבערזעצען אין חרוזים אין אידיש די „מבטאי און פתגמי חזל״, ד״ה די קלוגע ווערטלאך פון אונזערע אמאָליגע חכמים, וועלכע געפינען זיך אין תלמוד און מדרשים. איך האָב דאָס צוגעשיקט צו דעם אידי־

שען און העברעאישען וועלט משורר חיים נחמן ביאליק ע"ה און געקראָגען פון איהם א לעטער מיט א דאַנק פאר מיין אר־בייט, וואָס איך זוך צו פאַרשפרייטען וויסענשאפט פאר דעם המון (דער לעטער ליגט ביי מיר באַהאַלטען ווי אן אוצר), דאָס האָט מיך אויפגעמינטערט און איך ארבייט דערויף און אויך צו ענדיגען דיזען בוך. איך האָף צו גאָט, אז איך וועל זוכה זיין דאָס וועט יוצא לאור זיין, און וועט נושא חן זיין ווי מיין ספר „תורה בהרווים".

69

שוהל אידען, אידען אָהן א שוהל, דייטשע יאַהודים (פון סניפּעשאק), האלבע דייטשען, קאנטרי אידען

די קאָנגרעגיישאַן א"א, וואָס איז געגרינדעט געווארען מיט עטליכע צעהנדליג יאַהר צוריק מיט ווינציג מעמבערס, איז איצט די גרעסטע קהילה אין ס"א. אמאָל איז זי געווען אָן אָרטאָדאָקסישע, איצט איז זי א קאָנסערוואטיווע, פרויען זיצען מיט מאנסבילען צוזאמען, כאָטש ס'איז דא א גרויסע גאלעריע פאר פרויען, אבער דאָרטען זיצען נאָר אלטע, פרומע ווייבער, וועלכע ערלויבען זיך ניט זיצען אין א מקום קדוש מיט מאנס־בילען צוזאמען. ביים חזן אין כאָר זינגען מיידלאך אויך (אי־דישע), דוכט זיך קאָנסערוואטיוו, אבער אלע תפילות, סאַי דעם גאנצען יאַהר און סאַי ימים נוראים, ווערט געדאווענט ריכטיג ווי ביי די אמת'ע אָרטאָדאָקסען, גאנץ פרום. פרייטאג צונאכט קומען פילע אין שוהל און מ'איז מקבל שבת אין צייט כהלכתא, נאָר שפּעטער פארזאמעלט זיך א גרויסער עולם, וואָס האָט שוין קידוש געמאכט און וועטשערע אָפּגעגעסען כדת, ווי מען זאָגט — מיט'ן פולען בויך צו דער מגילה, קומט מען אין שוהל מקבל שבת זיין (סערווים), מען הערט ווי דער חזן זינגט מיט'ן כאָר און ווי דער ראבי ספּיטשט זיין דרשה אויף ענגליש. אלע

טאָג איז דאָ א מנין אין דער פריה און צו מנחה און מעריב, דאָס רוב פון מנין זיינען די אבלים, וועלכע קומען „קדיש” זאָגען נאָך זייערע פארשטאָרבענע עלטערען. ס'טרעפט פיעל מאָל אז כמעט דער גאנצער מנין זאָגען קדיש און א פּאָר מענשען ענטפערען אמן, אבער מ'דאַווענט אלע טאָג. ימים נוראים איז די שוהל, ווי זי איז גרוים, איז זי צו קליין, ווייל אין די מורא'דיגע טעג קומען אין שוהל אפילו די וואָס באַזוכען זי ניט דעם גאנצען יאָהר, אויך קומען קאנטרי אידען אויף ימים נוראים אין שטאָדט גאָט בעטען אויף א גוטען יאָהר, קומט אוים פיעל צו שטעהן אויף דער גאלערייע מיט די פרומע ווייבער. פאראן מעמבערם אין דער שוהל, וואָס האָבען אין זיך א שוואכקייט, ווען גאָט העלפט זיי (אדער זיי העלפען זיך אליין) זוכט מען כבוד, יחוס, געהט מען אוועק אין טעמפעל, מ'ווערט א דייטשישער יאהודי (פון סניפּעשאק), פאראן האלבע דייטשען, מען ערלויבט זיך ניט ארוים אין גאנצען פון שוהל, ווערט מען א מעמבער דאָ און דארטען — פיפטי פיפטי — מיט איין פוס א שוהל מענש און מיט דער צווייטער א דייטש. אין מיט'ן יאָהר כאַפּט מען זיך אריין אין טעמפעל, אבער ימים נוראים געהט מען אין שוהל, מ'קען ביי זיך ניט פועל'ן שטעהן און גאָט בעטען אָהן א היטעל אין טעמפעל און הערען ווי א גוי בלאָזט שופר מיט א טרובע. צופיעל גוי'איש!

פאראן אזעלכע שוהל אידען, וואָס ווערען דייטשע יאהודים נאָך זייער טויט. זייערע קינדער (טעמפעל אידען) באַערדיגען זייערע פארשטאָרבענע עלטערען אויף טעמפעל סעמעטערי, זיי זאָל ניט אויסקומען געהן אויף „קבר אבות” מיט די שוהל אידען צוזאמען און באַוואָרענען זייערע עלטערען, אז זיי זאָלען קענען זיצען אויף דער אמת'ער וועלט אין דייטשישען גן עדן.

אידען אָהן א שוהל, דאָס זיינען די אידישיסטען, וואָס רעדען ניט קיין אידיש מיט זייערע קינדער, אידען וואָס ברויכען ניט קיין שוהל פאר זיך און קיין תלמוד תורה פאר די קינדער,

היטען ניט און מאכען וואָכעדיג וואָס ביי אידען איז היילינ, דאָס זיינען דאָס רוב פון פועלי ציון און פון ארבייטער רינג, די ראַדיקאַלען. דוכט זיך ווייט פון אידישקייט, און-פּרואווט אריין צו זיי, ווען זיי פּראַווען עפּעס א שמחה'לע, וועט איהר הערען זייערע לידער וואָס זיי זינגען? צווישען זייערע וואָכע־דיגע לידער וועט איהר הערען אויך לידער פון אידישע תפלות, ווי „אבינו מלכנו", „הננו ועננו", „ברוך אלהינו" וכדומה און זינגען דאָס מיט אזא התלהבות, מיט אזא ברען ווי אמת'ע הייסע חסידים ביים רבי'ס טיש. פאַרט אידישע נשמות, דער־צויגען געוואָרען ביי פרומע אידישע עלטערען אין זייער אלטער היים. אמאָל פילייכט אין ישיבות געלערענט. דער אידישער רעליגיעזער פונק איז נאָך ניט פארלאָשען — ס'דערמאָנט זיך, ס'בענקט זיך און ס'פיהלט זיך א געשמאק פון דעם אמאָליגען אידישען לעבען. זיינען הייסע, איבערגעגעבענע ציוניסטען, גיבען אליין און קלייבען געלט אויף דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל און זעהען העלפען די גלות אידען, וועלכע ווערען גע־דריקט אין די באַרבאַרישע לענדער, נעמען איינטייל אין אלע אידישע אינסטיטושאַנס (אויסער שוהל זאכען) מיט'ן פולען האַנט. זייערע פרויען נעמען איינטייל אין אלע דברים שבצדקה, שטאָדטישע און אנדערע, נאָך מעהר פאר די מענער. אלץ אידישלאך פיין! אבער זייערע קינדער, איך בין זיכער, אז קיין אבינו מלכנו, וועלען זיי שוין ניט זינגען. זיי האָבען אין דעם קיין באַגריף ניט און קיין געפיהל. קיין שוהלע האָבען זיי ניט, קיין אידישע געשיכטע ווייסען זיי ניט, ווייסען ניט פון אידישע הייליגקייט, ניט שבת, ניט יום טוב. קיין אידישען מנהג, ס'איז אלץ פרעמד פאר זיי. וואָס קען מען פון זיי פאָ־דערען? א גרויסער אָבגרונד איז צווישען זיי מיט זייערע קינדער! לאָמיר האָפען אויף בעסער.

די קליינע קאָנטרים

די קליינע קאָנטרים, וואו ס'איז ווינציג אידען, אבער דאך זיינען זיי צוטיילט אויף דייטשישע יאהודים און פשוט'ע אידען און זיינען ניט פארמעגליך צו בויען צוויי שוהלען און האָבען באַזונדערע ראביים, האָט מען איין שוהלכעל מיט איין ראבי בשותפותביידע געמיינדעס, נאָר מ'זאָל זיך הלילה ניט צומי־שען איז דער ארון קודש טיילט זיי פאנאנדער, אין איין זייט שטעהען די דייטשישע אידען און אין דעם צווייטען זייט די פשוט'ע אידען און דער ראבי שטעהט נעבען ארון קודש, קערט זיך אין ביידע זייטען און ספיטשט, דאָס איז דעם גאנ־צען יאָהר, אבער ראש השנה און יום כפור, דאן האָט שוין דער ראבי פיעל ארבייט. פאר די דייטשען פראוועט ער די סערוויס אָהן א היטעל, שטעהט מיט'ן פנים צו זיי די גאנצע צייט און דערנאָך טוט ער אָן די היטעל און גיט זיך א קערמיט'ן פנים צו די שוהל אידען און דאַווענט און זאָגט תפלות מיט זיי. נאכהער שטעלט ער זיך אוועק גלייך און רעדט זיין ספיטש פאר זיי ווי אמאָל אין דער מדבר האָט מען אוועקגעשטעלט די לוויים צווישען די בערג „הר גריזים און הר עבל", פלעגען זיך קערען הין און הער, צו ביידע בערג וואו די אידען זיינען געשטאנען און געזאָגט די ברכות מיט די קולות פאר זיי.

פאראָן קליינע קאָנטרים, וואָס באנוגענען זיך ניט מיט א האלבע שוהל און מיט א האלבען ראבי, ווידער א האלב איז בעסער גאָרניט. אפילו אין דער אלטער היים, וואָלט אזא אידישע קהילה האָבען א „גאנצען" רב אויך א שוחט, א חזן, א פּאָר מלמדים צו לערנען די קינדער און אלץ, וואָס א אידישע קהילה פאָדערט, אבער דאָ אין אמעריקא איז פאראן אן אנדער שלחן

ערוך, אז מען זאָל ניט שטארק מדקדק זיין דערויף, איז א גאנץ יאָהר קומט מען אוים אָהן די אלע זאכען. עס פעלט ניט אוים, טאָמער פארווילט זיך איינעם פראווען א יאָהרצייט נאָך א פאָטער צי א מוטער, קלייבט ער צונויף א מנין אידען אין א הויז און דאווענט א מעריב, זאָגט א קדיש און אראָפּ פון מארק. אבער ימים נוראים, מען דארף דאָך אויסבעטען ביי גאָט א גוט יאָהר אויף געזונט און פרנסה, אויף דעם גאנצען יאָהר, מוז מען האָבען א שוהל מיט א בעל תפילה. איז די דייטשישע יאָהודים דינגען א ראבי (אן ערב ראבי), ער פּראוועט זיי אָפּ די „סער־וויס" כדת אויף א גאנץ יאָהר און די אָרטאָדאָקסישע אידען דינגען א בעל תפילה איז ער א שוחט אויך, איז קיין חסרון ניט, אויב ניט, איז אויך רעכט, ערב יום כפור שלאָגט מען כפרות און מען גיט דאָס אָפּ דעם יאָהריגען הויז־שוחט און ער קוילעט אזוי ווי מ'טוט דעם גאנצען יאָהר. קיין הדר, קיין אידישער לערער איז ניטאָ. אלע זונטאג א לעפעל רפואה אידישקייט אין סאָנדעי סקול איז דיינו! (גאנץ תורה אויף איין פוס)

71
דער יאָהר 1932

אין דעם יאָהר 1932 האָב איך פארלאָזען די תלמוד תורה מיט די לערערייי אויף תמיד. אין די 18 יאָהר וואָס איך בין געווען לערער אין ת"ת האָבען זיך געביטען הונדערטער תלמידים, ס'זיינען דאָ פון זיי פיעל געלערענטע אין אלע פראָ־פעסיעס, נאָר קיין רבנים ניט. (דאָס איז ניט מיין שולד) פיליכט איין איינציגער, ער שטודירט איצט אויף רבנות. זינט איך האָב פארלאָזען די ת"ת איז פארבליבען ביז איצט שוין העכער 4 יאָהר, מעהר ניט ווי איין לערער, צי דאָס איז גענוג פאר אזא שטאָדט ווי סאן אַנטאָניא? דאָס איז א באזונדער שאלה. דער פרעזידענט פון דער ת"ת מר. י. לעווין, ארבייט מיט פיעל ענערגיע, גיט אָפּ זיין צייט תמיד אלץ זעהן צו פארבעסערען און פארגרעסערען דעם מצב פון דער ת"ת, אָבער ביז איצט איז נאָך אָהן ערפאָלג געווען, נאָר ס'איז דאָ א האפענונג, אז

גאָר אין דער נאָהענטער צייט וועט די ת"ת אויפבליהען בכמות און באיכות, ווייל דער פרעזידענט פון שוהל און די טראָסטים און פילע באלעבאטים זיינען געקומען איהם צו הילף מען זאָל בילדען א „סענטער" צוזאמען מיט דער ת"ת (מען האָט שוין געזאמעלט דערויף ביז 14-15 טויזענט דאלער), דאן וועט די ת"ת פראָגרעסירען (הלואי!) ווי אלע היגע אינסטיטוציעס פיה־רען זיך פיין.

אין דער זעלבער צייט האָט ראבי פיליפס פארלאָזען די רבנות און אויף זיין אָרט איז אָנגעקומען א ראבי, א תלמיד פון ראבי וויז אינסטיטוט, ראבי דובין. אָפּגעווען קנאפּע צוויי יאָהר און איז אוועק. אָט אזוי האָבען זיך זעהר אָפּט געביטען די רבנים איןביידע קאָנגרעגיישאנס. ווער איז שולדיג אין דעם צי די באלעבאטים, צי די ראביים, ווייס איך ניט. מנהג אמעריקא! נאָר איצט האָבען ביידע קאָנגרעגיישאנס אויפגע־נומען ראביים איז א האָפּענונג אז זיי וועלען זיין מיט לאנגע יאָהר. דער קאנג' א"א האָט איצט א ראבי א מוסמך פון „בית המדרש לתורה" פון שיקאגא, הרב המופלג בתורה ובמדעים ראבי דוד טאמארקין, א גוטער דרשן אין ענגליש און אידיש, זיך עוסק בצרכי צבור, פיהרט גוט די רבנות, א מרוצה לכל.

דער קאָנגרעגיישאן „רודפי שלום" האָט איצט א ראבי א מושלם במעלות, א דרשן מפואר, א גוטער בע"ת א שו"ב מומחה ה"ה הרב המופלג בתורה ובהכמת ישראל ראבי אברהם יחזקאל בהרב הגאון משה יהודא ז"ל ראבינאָוויץ. אין זיין צייט האָט זיין קאָנג. פראָגרעסירט. דער טעמפעל „בית אל" האָט א ראבי א באָוואוסטען מענשען ראבי אפרים פריש, א איש שלם במידות טובות, א זוהן פון פרומע אָרטאָדאָקסישע עלטערען, א רב'ס אן אייניקעל, אן אײדים פון דעם באָוואוסטען ראבי ה' קאהאן פון גאלוועסטאן, נעמט אנטייל אין שטאָדטישע אינסטיטושואָנס צוזאמען מיט די אָרטאָדאָקסען. א האָפּענונג אז די אלע ראביים וועלען זיין אויף זייער כסא הרבנות מיט לאנגע יאָהר.

72

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער אידען זיינען מיר!

אין צייט פון דור הפלגה, דאן איז געווען די גאנצע מענש־הייט פאראייניגט צוזאמען אלע מיט איין שפראך, מיט איין אידייע, אלע האָבען געטראכט און געדיינקט איינס און די־זעלבע, קיינער האָט זיך אנטקעגען ניט געשטעלט און ניט גע־שטערט זייער ארבייט ביז זיי זיינען ווייט פארקראָכען. דער השגחה איז ניט געפעלען געווארען זייער פיהרונג, האָט זי זיי פארפאָלגט, צושפרייט זיי איבער דער וועלט, צומישט זייער שפראך, צוטיילט זיי אויף באזונדערע פעלקער, יעדער פאָלק מיט פארשיידענע פיהרונגען, מיט פארשיידענע אידייעס, און ניט נאָר פאָלק פון פאָלק, נאָר יעדער פאָלק אויף פארשיידענע פארטיעס, רעליגיעזע און סאָציאלע, און אזוי פיהרט זיך ביז היינטיגען טאָג. ס׳איז ניטאָ קיין איינינקייט אפילו ביי איין פאָלק, זאָלען דיינקען און טראכטען איינס און די זעלבע.

אזוי איז אויך ביים אידישען פאָלק אמאָל געווען און איצט אויך. ניט מעהר און ניט ווינציגער ווי ביי אלע פעלקער. מיר זיינען אויך צוטיילט אין פארשיידענע גרופעס, מיט פאר־שיידענע אידייעס, רעליגיעזע און סאָציאלע, און קיין פארטיע האָט ניט קיין רעכט צו פאָדערען פון דער צווייטער, אז זי זאָל דיינקען דאָס זעלבע וואָס זי. יעדער מענש איז פריי צו דיינקען ווי זיין פארשטאַנד לערענט איהם. מיר טאָרען ניט שטערען אין זיין וועג וואָס ער געהט אויב זי איז געגרינדעט מיט מענשליכען יושר, בפרט אין דעם אופן, ווען די וועגען פון אלע כיתות קומען זיך צונויף צוזאמען אלע אין איין אָרט, וואָס דער גאנצער כלל שטרעבט דערצו. וואָס בעדארף אונז קימערען

מיט וועלכען וועג ער קומט צום באשטימטען אָרט? אונזער תורה זאָגט אונז — „כי האדם עץ השדה״ — דער מענש איז גלייך צום בוים פון פעלד — די צווייגען פון בוים צושפּרייטען זיך אין אלע זייטען, יעדע צווייגעלע קערט זיך וואו זי געפינט פאַר זיך אַן אָרט וואו איהר איז בעסער, אבער אלע צווייגען ציהען זיך און וואקסען פון איין אָרט, און אלע גיבען איינס און די זעלבע פרוכט, דערום היטען מיר אלע צווייגען גלייך, אלע זיינען ביי אונז טייער די קלענערע און די גרעסערע. מיר זעהען נאָר אויסראָטען די דאַרע שטעכיגע צווייגען, וועלכע גיבען ניט קיין פרוכט און טוהען אַן שאָדען דעם בוים. אזוי ד״ג מיט אונז מענשען. מיר בעדארפען נאָר דערווייטערען פון אונז די שלעכטע, שטעכיגע דערנער, וועלכע טוען אַן שאָדען אונזער אידישען יסוד, וועלכע כיתה זי טוט אַן שאָדען דעם כלל ישראל, אבער ניט די וואָס גיבען פרוכט, איין כיתה איז אָפּגעטיילט פון דער צווייטער מעהר ניט אויסערליך, אבער זיי ווערען פאראייניגט און ציהען זיך צוזאמען אלע אין איין אָרט צו וועלכען דער כלל ישראל שטרעבט, צו בויען אידישע היימלאנד און העלפען די געדריקטע אידען אין די באַרבאַרישע לענדער וואו זיי ווערען אכזריות׳דיג געפּלאָגט.

אלזא, יעדער איד צו וועלכער כיתה ער זאָל באלאנגען, וואָס פאַר א נאָמען זי זאָל ניט האָבען, אויב ער שטעהט ווי א סאָלדאַט אין דעם אידישען לאַגער און ער איז גרייט צו קעמפּפען מיט דין און מיט יושר פאר אידישע רעכט, פיהלט די אידישע שמערצען און הערט זיך צו צו די זיפצען און קרעכצען פון זיינע עלענדע ברידער און נעמט אַן איינטייל אין ישוב הארץ, דאַרף אונז ניט קימערען, וואָס זיינע געדאנקען זיינען פארשיידענע רעליגיעזע און סאָציאלע. מיר זיינען אלע טרייע קינדער פון אידישען פאָלק, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אבער אידען זיינען מיר!

מיר זיינען רחמנים בני רחמנים, קיין אומה ולשון האָט ניט אזוי פיעל צדקה אנשטאלטען ווי דאָס אידישע פאָלק,

ווייל מיר האָבען ניט קיין הילף פון דער זייט ווי אנדערע. מיר העלפען זיך אליין מיט אייגענע האָב און גוטס, דאָס האָבען מיר תמיד געטהאָן און איצט נאָך אין א גרעסערען אופן. זינט היטלער־המן מיט זיינע בלוט־הינט (ימח שמם) האָבען די ממשלה אין דייטשלאַנד, זיי פּלאָגען אלע אידען אָהן אויסנאם צו וועלכען קלאס זיי באַלאנגען און פארשפּרייטען זייער ווילדען אנטיסעמיטיזם אויף דער גאַנצער וועלט ווי א פּעסט און אידען ווערען אומעטום געדריקט, האָבען די אמעריקאַנער אידען אין אלע שטעדט און שטעדטלאך געגרינדעט צדקה אַנשטאַלטען צו העלפען די געדריקטע אנטלאָפענע אידען פון דייטשלאַנד און פון פילע אנדערע באַרבאַרישע מדינות, באזעצען זיי אין ארץ ישראל און אונטערהאלטען די געדריקטע דא.

פילע צדקה אנשטאלטען זיינען איצט געגרינדעט געוואָרען ביי אונז אין סאַן אַנטאָניא (געוועהנליך אין אלע שטעדט) מעהר ווי אמאָל, אין אלע צווייגען פון צדקה פון אלע כיתות אָהן אויסנאם. אלע ארבייטען יד אחת, יעדער אין זיין פּארטיע און נעמט איינטייל אין די איבעריגע אויך, פרויען אין זייערע פאראיינען און העלפען זייערע מענער אויך אין זייערע צדקות. די פרויען ארבייטען נאָך מעהר פאר די מענער, מיט אזא חשק, מיט א ברען ווי פאר אייגענע געשעפטען. אויך אין די קליינע קאָנטרים האָבען אויך חברות, פאראיינען פון צדקה. דער איד גיט און גיט און ווערט ניט מיד. אלע אידען גלייך.

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אבער אידען זיינען מיר, צדקה גיבען מיר, יושר און רחמנות האָבען מיר און אן אייביגע פאָלק פארבלייבען מיר!

הסל ספר שני.

ממני המחבר **א. ז. הורוויץ**,

מחבר תורה בחרוזים.

סאן אנטאָניא, טעקסאס, יום ל׳ דר״ח תמוז, תרצ״ה

אינהאַלט־פאַרצייכניס

איך בין אַפּגעפאָהרען פון דער היים צוליב מיין פּרנסה 3
איך ווער פריי פון צו דינען דעם צאַר פאַר א סאָלדאַט און פאַנג אן
דינען דעם סוויס' שוחט פאַר אַן איידעם 8
די חתונה 9
וואָס האָט פּאַסירט נאָך פּסח 11
די שטעדטעל סוויסל' איהרע פּיהרונגען מיט איהרע פּרנסות 14
איך האָב גענומען קבלה אויף שחיטה 20
אין אימעניע ביי ר"ל דער גוט־באַזיצער פון דער נהלה 24
די שטעדטעל בי"ש 26
ביים גביר קאַבאַקאָוו — איך בין געוואָרען א כוויסלאָווער באַלעבאָס 30
מיין פרוי האָט א זוהן און ווערט קראַנק 32
אונזער פאָהרען קיין מינסק און אונזער זיצען דאָרטען 34
איך האָב פאַרלאָזען מיין פאַמיליע, מיינע אוראַקעס מיט דער קרעמעל
און אוועק פון דער היים 41
ראש השנה אין לאָיעוו ביים גוטען אידען 44
שבת ביים רבי'ס טיש 47
מוצאי שבת, די פּדיונות און די בקשות 50
ביידע טעג ראש השנה און צום תשליך 52
„צום תשליך" 54
אין קיעוו 58
מיין פאַרברענגען אין קרעמענטשוג 63
מיין חזן איז געקומען, מיר מאַכען געשעפט 67
די דייטשישע קאָלאָניעס און פויערשע דערפער 70
די אידישע קאָלאָניעס אין יעקאַט' גובערניע מיט פופציג יאָהר צוריק 73
אין דער צווייטער קאָלאָניע, א רב א „בר תגורא" 77
דער ברית אין שוהל 79
די שטאָדט פּאַוולאָגראַד 81
„פּאַוו־גראַדער שוחטים" 85
די זעלביגע יוצרות נאָר מיט אַן אַנדער נאָמען 89
איך האָב זיך אָנגעהויבען לערנען רוסיש 91
מיין פאַמיליע איז געקומען צו מיר און איך בין געוואָרען ווידער א מלמד — 93
אַן אומגליק האָט אונז געטראָפען נאָך סוכות שנת תרנ"ג 96
מיין פּלימעניק דב"ש קומט מיט מיר מאַכען שותפות א קלאַס 100
איך האָב זיך צושיידט מיט איהם 103
נאָך מיין פּלימעניקס אוועקפאָהרען 104
די רעוואָלוציע אין 1905 מיט די פּאָגראָמען דערצעהלט אין קורצען 106
אין פּאַוו־גראַד אין יענער צייט 109
די פּוילישע סאָלדאַטען אין רוסלאַנד 112
אונזער טאָכטער א' האָט חתונה אין סעדליץ פאַר איהר חתן נ"מ, וועלכער
האָט דאָרטען געדינט אלס פריייוויליגער סאָלדאַט 116
איך פאַרלאָז פּאַוו־גראַד 118
די שטעדטעל יעני־אווע וואו מיר האָבען זיך באַזעצט 121
ווי מיר האָבען פאַרבראַכט די צייט ביז מיין פרוי איז געקומען 124
אונזער לעבען אין יענא־ווע ביז מיר זיינען אוועק נאָך אמעריקא 126
וואָס האָט מיטגעבראַכט פאַרלאָזען יעני־אווע און גאַנץ רוסלאַנד ? 128
מיר פאַרפאָרען אין יעקאַטערינאָסלאַוו זעגענען זיך מיט אונזערע קינדער 137
אונזער רייזע נאָך אמעריקא 140
ווי מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע יעלאָווע 142

די סטאַציע יעלאָווע, די ערשטע פון די שבעה־מדורי גיהנום וואָס עס
שטעהט פאַר דעם אימיגראַנט 145
מיר פאָהרען אָפּ אין „ברעמען" 148
אונזער קומען קיין ברעמען און אָפּפאָהרען מיט'ן שיף 152
גענומען די שיף־קאַרטעס און געפאָהרען צום שיף 155
אויף א דייטשישע שיף מיט'ן נאָמען „קעלין" 158
אונזער רייזע אויפ'ן ים 160
פון פילאדעלפיע נאָך גאַלוועסטאָן 165
מיר זיינען געקומען אין גאַלוועסטאָן 166
סאַן אַנטאָניאָ 171
דער ראַבי, דער חזן, דער שוחט, דער מוהל אַלעס אין איין מענשען 174
סאַן אַנטאָניאָ איצט מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער נאָך אונזער קומען 178
ווי מיר האָבען זיך דאָ באַזעצט און אונזער פּרנסה 182
אַן ענדערונג אין אונזער קאַנג. א"א, דורך א צופאַל געגומען א חזן אין שוהל 190
ראבי נערשטיין פאָהרט קלייבען געלד צו בילדען א שוהל מיט א ת"ת אין
שטאָדט און שטאַרבט פּלוצים אין וועג ר"ל, מען נעמט אויף א
נייעם ראַבי 196
מיר ברענגען אַראָפּ אונזערע קינדער אין אַמעריקא 198
צייטען בייטען זיך 201
די באַלפור דעקלאַראַציע 204
ר' קובער אַנטואַגט מיר פון מיין שטעלע, איך מאַך פאַר זיך א בו"ש 207
דער גורל פון א ראַביי אין אַמעריקא, איז דער גורל פון דער פרוי
אַמאָליגע יאָהרען 209
ויקם מלך חדש אשר לא ידע, א נייער פּרעזידענט וואָס ער האָט ניט
געוואוסט, וואָס חנוך פאָדערט 213
אונזער דריי בונד איז צוריקען געוואָרען 215
מיין איין און זיבעציגסטער יאָהר, שנת תרצ"א 217
שוהל אידען, אידען אָהן א שוהל, דייטשע יאָהודים (פון סניפּעשאַק),
האַלבע דייטשען, קאַנטרי אידען 221
די קליינע קאָנטרים 224
דער יאָהר 1902 225
וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער אידען זיינען מיר! 227